STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03937

# SHTUREMTEG

David Bergelson

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד. בערגעלסאָן

# שטורעמטעג

[8]

ד. בערגעלסאָן

# שטורעמטעג

דערציילונגען

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור-ליגע“
קיעוו—1927

מעלוכע - טרעסט „קיעוו - דרוק"
4-טע דרוקעריי, וואָראווסקע 42
באשט. 2124 №. געדרוקט 4000
אקרליט 1074.

# בּירגערקריג

(קאַפּיטלעך)

I

# אין פאַרפּייסעכדיקן אקער שטייען מידלעך צו די פערד.

אף אַ מיסטיק בערגל האָט אַן אַלטע קוואָטשקע צו פאַר־נאַכט־צו געקוואָקעט עלנט, געפּאָרפלט, געפּאָרפלט אין ווארעמ־לעכן קויט און קיין אייער ניט געלייגט.

אַף האַלבן וועג צווישן א גרויסן זומפּיקן וואַלד און א ווייט־צעוואָרפן בלאָטיק דאָרף האָט אַן אלטע קרעטשמע זקייניש גע־וואַרעמט איר קרומען דאַך — אים געטוקט, געטוקט אין שיין פון פאַרגייענדיקער זון און אים דערוואַרעמען ניט געקאָנט.

פאַרנאַכטלעך האָט מיט אַ פריש־טרייסלדיק פערד־און־וועגל צוגעקנאקט אַהער א ניי באַשטיוולט יאָדערדיק באָכערל מיט אַ שמאָל לייַנגלעך פּענימל.

אַראָפּגעשפּרונגען פריילעך, זיך א דריי געגעבן אף איין אָפּצאַס און זיך אַרומגעקוקט ניט אַזוי מיט די שוואַרצע אייגלעך, ווי מיט א שמייכעלע, וואָס רוקט זיך הין־און־הער איבער זיין אויבערשטן פאַרקאַשערטן און נאשעריש־צעשפּאָלטענעם דינעם ליפּל. ער האָט היימיש ארייַנגעקוקט אין קיך.

— איז וואו איז רייזל, א? מאַלקע? — נאָך אלץ אין דאָרף?

די אידענע האָט אף אַ רעגע אופגעהערט צו שטויסןביידע פויסטן אין דער פּליסיק־זויערלעכער ראָשטשענע, געוואָלט מיט אַרבל פון פאַרטייגטער האַנט אַוועקשאַרן די האָר און באַוויזן נאָר אַ וויש צו טאָן די פּייכטע נאָז.

— די מויד? — האָט זי ווי א שפּיי געטאָן אין טייג אריין, — די מויד האָט אָנגעכאַפּט דער געדז — געלאָפן קוקן, ווי די

פעטליורעס וועלן אַריינפירן אין דאָרף די דייטשן... מיט מוזיקע, זאָגט מען — אָ!

זי האָט שווער געאָטעמט.

— און ווי איז אין דאָרף? — שוין געראַשטעוועט די „גרויסע"?

— נאָך א מין!

דער באָכער האָט ניט אופגעהערט צו שמייכלען, געגלעט מיט אַ פינגער דעם שאַרפן שפּיץ פון נאָז. די אייגלעך זיינען אים געווען ווייט פונדאַנען, געקוקט פּאַרטראַכט.

— אָט אָקאָרשט איצט,—האָט ער געזאָגט,—די דייטשן האָבן זיי נאָר־וואָס אַוועקגעפירט.

— אַסאַך?

— אַ מענטשן פערציק.

— פּעטריקן אויך? — דעם באָלשעוויק.

— נאָך אַ מין! — גלייך פון כאַסלירע.

— ס'עט ניט זיין, ווער ס'זאָל אַרבעטן באַ אייך אין וואַלד.

— אַ דאַיגע... ס'עט זיין, ס'עט זיין.

שטיל. פון צווייטן גרויסן אַלקער האָט א כאָרכל געטון אַ הייזעריקער גאָרגל.

— זיך אָפּגעשטעלט אין דאָרף די דייטשן, א? וואָלי.

— זיך אָפּגעשטעלט. אַ פּולע שקאָלע, ר' נויעך.

דער באָכער איז אריין אין טונקלען אלקער.

אַפן סאָפּקעלע, מיט די פּלייצעס אָנגעשפּאַרט אין דער הייס־איינגעהייצטער הרובע, איז דרימלדיק געזעסן דער באַלעבאָס — א פּליסיק־פּאַרבלאָזער קנויל, געהאַלטן די פיס אונטערן געזעס און אַלעמאָל פּאַרלאָרן דעם קאָפּ אף דער ברוסט. ער האָט פון אַלע יאָרן געהאַנדלט אין דאָרף מיט די גאָיִם, ווינטער־צייט זיי צעגעבן צו ביסלעך געלט און זומער אָפּגענומען באַ זיי מיט טוואוע. איצט האָט ער אַלע רעגע באַנייס צונויפגערעכנט אפן קאָפּ, וויפל געלט ס'קומט אים באַ יעדן גאָי באַזונדער און באַ אלעמען אינאיינעם. און ווייט אַקעגן איז שוין איצט דער באָכער געזעסן איינער אַליין באַם טיש, געגומען ווארטן אַף דער מויד, אַפּאָנים. ער האָט שוין אויך ווי געדרימלט, און צו זיינע דין־פּאַרקאַשערטע נאַשער־ליפּלעך האָט זיך נאָך אלץ געקלעפּט דאָס שמייכעלע.

— איר ווייסט, ר׳ נויעך,—האָט ער פּלוצים פון דרימל ארויס־געשמייכלט — איך דאַרף בענטשן גוימל.

— ס׳אי דען?

— פייסין האָט מען געהאַרגעט — פייסין מיטן רויטינקן בלינדן אייגל. ער האָט אויך געדינט, ווי איך, אין וואלד, אף דער צענטער וויאָרסט האָט ער געדינט.

— ס׳אי דען?

— ער איז איין־נעכטן געפאָרן קיין וואָלאָדערקע נאָך רובּ־שטשיקעס.

— נו?

— און איך האָב אויך געזאָלט פאָרן מיט אים.

ס׳איז געוואָרן שטיל. דער אַלטער באַ דער זייט האָט ווי ניט אופגעהערט צו דרימלען, ווידער פאַרלוירן דעם קאָפּ, ווידער געמאַכט די כעשבוינעס אַפן קאָפּ. דער באָכערל איז שוין אויך געשלאָפן, נאָר אין קיך האָט געפלאַקערט אין אויוון, און די באַק־דייזשע האָט שווער געסקריפּעט אונטער דער אידענעס קנעטנדיקע הענט. אין טונקלען דרויסן פאַר די פענצטער האָבן זיך א שאָקל געטון אַ פּאָר אומבאַקאַנטע שאָטנס.

— שוין ווידער — האָט מיט גסיסע־כאָרכל געקנאָטן די אי־דענע,—אַז איך זאָג: האַלט די טיר אַפן ריגל — עס קריכן ארום זשאַבעס... פון שאבעס אָן. מע קאָן זיי ניט, מע ווייסט ניט פונ־וואַנעט...

— פאַר וואָס ווייסט מען ניט, מאַלקע?

דער באָכער האָט געפאָנפעט פון דרימל:

— פון קיעוו. פון יענער זייט דנעפּר... באָלשעוויקעס. אַז דער דייטש איז אהין אַריין איינס און צוויי, אין איין נאַכט, האָט׳ן ניט באַוויזן אַפילע פאַרנעמען די בעבעכעס. דער טייך האָט גראָד געלאָזט, אַזוי זאָגט מען: ווער עס איז אַריבער דאָס וואַסער, האָט זיך געראַטעוועט. איצט בלאָנזשעט מען אַרום צו צוויי—צו דריי און מע קומט ניט צו קיין אישעוו. מע כאַפּט זיי אויס איינציקווייס אין די דערפער, שאָקלט מען זיך מיט די וועלדער... אָט גייט מען — אָ!.. זיי זיינען געגוג דערשלאָגן. מע האָט ניט וואָס מוירע צו האָבן... איכל דרימלען, מאַלקע.

———

נאָך אַ לאַנגן שווערן גאַנג זײַנען צװײ אין ברודיקע, פאַר־דריפּעטע שינעלן צוגעקומען אהער, צו דער אומבאַקאַנטער קרעטשמע, און זיך א שאַר געגעבן באַ דער טיר. געקװײנקלט: אַרײנגײן צי נײן?

אַף יעדער דאָרף איז געװען פּאַרװאָרפן א שלײף — געװאָרגן „גרויסע". אומעטום האָבן זיך געפלעקט קלענערע און גרעסערע טײלן פון אוקראַיניש און פון דײטשיש כאַיעל. און פון אַקעגן, פון יענער זײט פעלד און בלאָטיקן װעג, האָט א קויטיקער הימל צום דאָרף־צו געהאַט אַ קלאָרן ברעג. שטילע הײמען האָבן דאָרט געדעמפּט צו אים מיט אָװנטיקן רויך, אויסגעבאַהאַלטן פאַר זיך אלײן די דאָרפישע רו און געשראָקן אַהער מיט בלינדער מאַלעך־האַמאָװעסדיקער סאַקאָנע.

באָטשקאָ — האָט געהײסן אײנער פון די צװײ.

זיק — האָט געהײסן דער צװײטער.

זײ האָבן סאָפּקאָלסאַף אופגעריגלט די טיר פון קרעטשמע און זײַנען אַרײַן — אַרײן קלוימערשט אַ טרונק געבן, א פרעג טון, צי מען קאָן ניט עפּעס עסן. די אידענע האָט זײ געענטפערט:

— נישטאָ גאָרניט.

— און ברויט?

— אַנו, אפילע אַף אַ רעפוּע.

די אידענע האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף זײ װי מיט פאָרשנ־דיקע אויגן:

— הײנט האָט מען גערעשטעװעט אין דאָרף די „גרויסע". מײן מויד איז נאָך אלץ ניטאָ, געלאָפן קוקן.

צוליב װאָס האָט איר געװוצט גלײך אַרײנפלעכטן די „גרויסע"? צי עפשער האָט זי איצט צו נאַכט־צו זיך געשראָקן פאַר צװײ פרעמדע פּענימער באַ זיך אין שטוב און געװאָלט געבן אן אָנ־צוהערעניש, אַז ניט אלץ איז העפקער דאָ אין קאַנט.

באָטשקאָ און זיק האָבן זיך דורכגעקוקט, איבערגעבנדיק אײ־נער דעם צװײטן די קװאָרט אַף אַ טרונק טון, זיך געזײטלט מיט די אויגן אַף דער אידענע. זי איז געװען א בײנערדיק־דאַרע, אַ צעקנײטשטע. אַװעקלײגן האָט מען זי געקאָנט מיט אײן זעץ, נאָר קײן באַדערפעניש דערין איז ניט געװען. זײ זײַנען אַרײנ־געגאַנגען אין צװײטן גרויסן אַלקער און זיך דאָרט אַװעקגעזעצט

קייען פּאַרטרוקנט ברויט און וואַרטן אַף טיי. זיי האָבן אַזוי גע־קייט מיט די מיילער און געקוקט מיט וואונדער צו דער פלי־סיקער בריע אַפן סאָפּקעלע — א מאָדנע באַשעפעניש. איצט אָ, ווען אין דרויסן איז שוין וואַרעם, זיצט עס אַריינגעטוטשעט אין דער פייערדיק־הייסער הרובע; ס'איז עפּעס אי שלעפעריק, אי וואַכנדיק, און מע קאָן ניט וויסן, צי סע הערט, וואָס אַרום דעם טוט זיך, צי ניין.

— קכע!

זיק האָט אַ ניס געטון, בעקיוון — געוואָלט זען, צי דאָס נעפּעש וועט זיך אופכאַפּן, צי ניין.

נאָר אופגעכאַפּט האָט זיך דער דרימלדיקער באָכער אויבנאָן באַם טיש. אַן עפּן געטון די שוואַרצע אייגלעך און גלייך באַ־פוטערט מיט א גליטשיק שמייכעלע די דין־פּאַרקאַשערטע נאַשער־ליפּלעך.

— פונוואַנען גייט מען דאָס, א? לאַנדסלייט, פון אַרבעט אַוואַדע?

— ניין. — האָבן ביידע מיטאַמאָל אופגעהערט צו קייען.

— וואָס־זשע? מע זוכט אַרבעט?

— יאָ, מע זוכט.

— איז עפּשער צו אונז אין וואַלד? א? לאַנדסלייט.

באָטשקאָ און זיק האָבן זיך דורכגעקוקט:

— מע קאָן, פאַר וואָס דען ניט.

— באַ האָלץ?

באָטשקאָ און זיק האָבן גערעדט ביידע מיטאמאָל און עפּעס צו טויבלעך. באַם באָכער אין די שוואַרצע אייגלעך האָט זיך א לייכט געטון עפּעס כיטריקעס, ער האָט זיך גלייך באַגעגנט מיטן פּייערל, וואָס באַ זיקן אין די אויגן, און זיך אויסגעלאָשן:

— די דיליאַנקע אָבער איז א ווייטע, ליגט פיר וויאָרסט טיף אין וואַלד. קכע!.. — זי איז אַ נאַסע.

א פויזע.

— מיר ווייסן. — האָט אַראָפּקוקנדיק שטיל א פּאָנפּע געטון באָטשקאָ. — געאַרבעט וויפל מאָל אף נאַסן.

---

אין יענעם זעלבן אָוונט האָבן באָטשקאָ און זיק זיך גע־טרייסלט מיטן באָכער אינם וועגל און זיך גערוקט, גערוקט אפן וועג צו אן אומבאַקאַנטן וויאָרסטיק־לאַנגן וואַלד. ס'איז געווען אַ קילע נאַכט. אין קליינעם פאַרשפּעטיקטן פּרעסטל האָבן פון טונקלען הימל אַראָפּגעקוקט צום דאָרף אַסאַך ווייטע שטערן, און אין אַלע הייזער איז מען שוין געשלאָפן. דער באָכער האָט אַפּאָנים בעקיוון צופיל געגאָקעט אפן פערד:

— וויאָ, וויאָ,— האָט ער אָן שום נוצן געפּילדערט.

געהייסן האָט עס:

— שלאָפט... שלאָפט -- ס'פאָרן היימישע באַקאַנטע מענטשן.

אין עק דאָרף, לעבן קלויסטער האָט מען דאָך די פור אָפּ־געשטעלט. איןביידע זייטן פון וואָגן האָבן זיך געפּלעקט באַ־וואָפנטע הירטלעך. א געלעגערט קאָל האָט אף אוקראַיניש זיך פון דאָרט דערנעענטערט. זיך פאַרמאָסטן שטריינג און היצליש:

— ווער פאָרט ?!

דער באָכער האָט געענטפערט באַליידיקט:

— ס'איז דאָך איך — פון מאַשענער וואַלד־געגנט — מיינע רובשטשיקעס.

און די פור איז דורכגעפאָרן בעשאָלעם.

איצט האָט דער באָכער שוין מער קיין פּיפּס ניט געטון, אַריינגעצויגן דעם האלז אין די אַקסלען, זיך איינגעשדומפּן אין אַ קנויל און געלאָזט זיין פערד פריי לויפן אַקעגן דעם ווייטלעכן גלאַנציק־צוגעפרוירענעם וועג, פריי שפּרינגען אקעגן א באַרג מיט א לעוואָנע, וואָס הייבט זיך דאָרט אויף איבער ביימער־שפּיצן פון א ברויגעזלעכן וואַלד. ס'האָט זיך גערדאַכט: דער באָכער ווייסט פון גאָרנישט, ער איז פאַרקלייסטערט און דרימלט, דרימלט. ער איז גלאט צופרידן, וואָס ער האָט איצט אף זיין נאַסער דיליאנקע פאר ביליק געקראָגן רובשטשיקעס. פּלוצים האט ער צו זיי — צו זיקן מיט באָטשקאָן — זיין פּאָנים אויסגעדרייט און מאָדנע וואכעוודיק געגומען אף זיי קוקן. געקוקט, געקוקט אַזוי מיט אַ נאַשער־שמייכעלע אַף די פאַרקאשערטע ליפּלעך, מיט א פּיירל אין די שוואַרצאַפּל און אומגעריכט, גאָר אומגעריכט פאַרמאכט איין אייגל און מיטן צווייטן א ווינק־געטון:

— פון די „גרויסע” עפּשער, א ? פון אונטער קיעוו.

זיך האָט, שטייענדיק אַף די קניען, אַ זוך געגעבן אַרום זיך אין וואָגן עפּעס אַ שווערע זאַך, מיט וועלכער מע זאָל זיך קאָנען באַשיצן. נאָר דאָס באָכערל האָט באַלד ווי נאָכגעלאָזט:

— מיר איז אַלציינס, — האָט ער געזאָגט, — דער איקער: זיך פירן סטאַטיק. האקן ביימער און זיך ניט אַרויסרוקן פון יענער דיליאַנקע. זי איז אַ ביסל נאַס, דערפאַר — זיכער... די דייטשן זוכן, ווי מיט ליכט... אַהין וועלן זיי ניט קומען.

---

II.

# מע בײנקט קײן דאָרעם און מע גײט אף צאָפּן.

הויך איבער טענענביימערס שפּיצן, איבער פּאַטלאַטע קעפּ פון הונדערטיאָריקער אָליכע האָט נאָך העל דערברענט די צווייטע האַלב פון איינעם א לעצטן זומערטאָג, געצונדן פּעדימער פון גאָלד, פּארסילעט שטראַלן אין גרינער שאַרף פון נאָדלען.

פונונטן, אַף זומפּיק־קילן באָדן אַרום צעהאַקטע צווייגן, ארום זעגעכץ און אומגעוואַלגערטע שטאַמען, האָבן פריע ביינאַשמאָשעס שוין געקילט ־די שאָ אַקעגן נאַכט.

שאָטנדיקע לופט האָט זיך געשוואַרצט, ווי שטילער סאַמעטע־נער טונקל.

באָטשקאָ און זיק — דאָס איינציקע „פּאָרל״ דאָ אין טיפער געדיכטעניש פון וואַלד, האָבן שוין געהאַט אַוועקגעלייגט די העק, פויל געקלעטערט ארום רויכערדיקן פּייער, געשטופּט אין פלאַם אַריין די פיס און געטריקנט אף זיך די צעווייקטע פּאָסטעלעס איניינעם מיט די שמאַטעס — זיי האָבן אין יענעם טאָג געאַרבעט קנאַפּ.

זיק, דער לאַנגער, מיטן שראם, ווי אַ קליינע האַלבע לעוואָנע, באַם לינקן אויג, האָט אין יענעם טאָג פונויבן אפּן בלויען העמדל אָנגעטון די אַמעריקאַנער שלייקעס (אַ זייכער, אַז ער איז פאר דער מילכאָמע געווען אן אַרבעטער אין טשיקאַגאָ). ער האָט נאָך גאַנצפרי מיטן טאָגלעך געפּאַקט א יונגע גאָיקע ערגעץ ווייט אין טרוקענעם טייל פון וואַלד — אַמין אַגונקע, וואָס גייט זוכן אַרבעט אין ווייטלעכן זומפּיקן כוטאָר. ער האָט מיט איר פארפירט אַ שמועס, געוואוירע געוואָרן, אז איר מאַן האָט מען גערעשטעוועט

באַלד נאָך דער כאָסלירע, ווייל ער איז אויך ווינטער־צייט איניינעם מיט די „גרויסע״ געגאַנגען אף קיעוו. ער האָט די יונגע גאָיקע געבראַכט צו פירן אַהער אין דער ווייטער זומפּיקער די־ליאַנקע און זיך אָפּגעהאַלטן אַן אייצע מיט באָטשקאָן.

— לאָזן זי דאָ? אַ? וולאַדימיר...

ביידע האָבן זיך א ווײַלע דורכגעשמועסט מיט האַלבע ווער־טער, געשפּיגן קונציק אף גאַנצע קלאַפּטער פון צווישן צונויפגע־דריקטע ציין און געקוקט מיט כאַמער־אייזלדיקע אייגלעך צו דער יונגער גאָיקע, וואָס שטייט די גאַנצע צייט אין בעקאָוועדיקער ווייט, כיינדלט מיט די אַראָפּגעלאָזטע בליקן און פּליקט פון נידע־ריקן קוסט א בלעטל נאָך א בלעטל.

זיקס לאַנגער פּאָנים מיט די אומרואיקע יאנגלען האָט זיך געבעטן, ווי דער פּאָנים פון א ניגזל:

— זאָל זי בלייבן, אַ? וולאַדימיר... זאָל זי צונויפלייגן די קלאַפּטער.

אַ פּויזע.

— בלייבן? אַ? וולאַדימיר?

באָטשקאָ האָט סאָפּקאָלסאָף געטון א קליינעם שאָקל מיטן קאָפּ, פאַרגלאַנצט די סאַמעט-שוואַרצע אויגן צום שטערן־צו, גלייך ס'איז אים שווער א שלונג צו טון, ווי זיין שטייגער, א גלעט געגעבן די גרויסע וואָנצעס אף רעכטס און לינקס. געהייסן האָט עס:

— בלייבן.

אַ שאָ פיר — פינף האט דאן די שאַרפע זעג שטייפער ווי טאָ־מיד געאַרבעט אין ביידנס מוסקולדיקע הענט.

אַרום אין דער גאָר ווייטער וואַלד־שטילקייט איז ניט געווען ווער סע זאָל הערן, ווי שאַרפער געציינדלטער שטאָל שלייכט זיך הין און צוריק איבער גראָבן און פייכטן קלאָץ און זעגט מיט גע־דולדבאַרער קראַפט, מיט שטילן נאָכקלאַנג און מיט טאַקט, ווי א גלייכמעסיקער אָטעם.

זיי האָבן ניט אופגעהערט צו וואַרפן ייצער־האָרע־אייגעלעך צום רויטן קורצן קליידל און צו די פאַרביקע רויטע פיס, וואָס זיינען נאַקעט ביז איבער די קניען. זיקס אומרואיקע שוואַרצאַפּל האָבן זיך געקוויקט:

— אַ פּאָר יאָדערדיקע פּיסלעך... פון גאָט, אַ?
— יעס, יעס,—האָט ער פרײלעך מיט זײנע פלוידערדיקע אַמע־ריקאַנער װערטער אופגעװעקט אלעמאָל א נײעם מיניען װידער־קוילעס אין דער נאָענטער און עקסט־װײטער שטילקײט פון װאַלד.

פונדערװײטנס, פון צװישן די גראָבע שװינדלדיקע שטאַמען, האָט זיך די גאַנצע צײט געזען, װי די יונגע גאָיקע מיטן אַלטן פאַרביקן שאַל, פארבונדן װי א צײלעם איבער אירע פולע ברוסטן, טראָגט לעפּיש צונויף די גראָבע אָנגעזעגענע שײטער, דריקט זײ שװער צום האַרצן, בעאײס זי לײגט זײ פינקטלעך אין קלאַפטער, און שעמט זיך א קוק געבן אַהער צו די מאַנסבלען, װאָס זײנען מיט איר אָן א שומער דאָ אין טיפן װאַלד.

— אַרבעטן! ארבעטן... ניט געשטאַנען.

בא די מאַנסבלען האָבן מיט אומבאשײדטן אימפּעט זיך גע־שלײכט הין און צוריק די הענט.

נאָר מיט די ערשטע קאָסע שטראַלן פון דער זון האָט דעם לאַנגן זיקן זיך פּלוצים פארגלוסט צוצוגײן און א קוק געבן, װי דאָס װײבל אַרבעט.

פונװײטנס, פון צװישן די בײמערס גראָבע שטאַמען, האָט באָטשקאָ געזען, װי זיק פארפירט א שמועס, װי ער נעמט זי פאר בײדע הענט און װי ניט גלױביק די גאָיקע מיט די צװײ יונגע אויגן, װי גרויסע גרינבלעכע װײנטרויבן, בלאָזט דעם גוידער. זי שעמט זיך און היט פון אים אין א בעקאָװעדיקער װײט איר פּיסק. נאָר שעמעװדיק אַזוי שלעפּט זי זיך אים דאָך נאָך צו די האַלב־טרוקענע גרעזער, װאָס אונטער די פריש־צונױפגעלײגטע קלאַפטער, שפּאַרט זיך אַלץ צוריק און װערט דאָרט מיט אים פארשװאונדן. עס געדויערט אַזוי אַ װײלע.

דעם אָנגעשטרײנגטן אויער כאָלעמט זיך פון דאָרט א גע־ראַנגל פון צװײ לײבער.

---

— יעס, יעס!—האָט פון אונטער די קלאַפטער זיך װידער אָנגערופן זיקס פּלוידעריק קאָל.

און נאָכדעם איז געװאָרן שטיל. א װאַלד־פויגל, א דערשראָ־קענער, א גרוי־שװאַרצער, װי די טונקלקײט פון טכילעס נאַכט,

איז נאָר ערגעץ דאָרט אונטער די קלאַפּטער אַרויס פון זיין נעסט און האָט אַהער אַ פלי געגעבן אזוי נידעריק איבער באָטשקאָס קאָפּ, אַז ער האָט באַ זיך אפן רוקן דערפילט דעם שרעקיקן פאָך פון זיינע היפּשע פליגלען.

באָטשקאָ האָט זיך אָנגעבלאָזן, ווי ער וואָלט אף עמעצן געהאַט א רויגעז. ער האָט אָפּגעטראָטן אין א זייט, פאַרדרייט פון מאַכאָרקע א ציגאַר און זיך אַראָפּגעזעצט באם רויכערדיקן פייער מיט די פּלייצעס צו די וויטלעכע פאָר קלאַפּטער און צו דעם, וואָס אונטער זיי קומט פאָר.

צוליב עפּעס האָט ער אַ נעם געטון די האַק, וואָס איז דאָ נאָענט געלעגן, א פּרוביר געגעבן איר שאַרף, נאָר באַלד אַוועקגעוואָרפן, זיך פארקליבן אין א דרייעקעכדיקן שמאַטעדיקן ביידל, וואָס האָט זיך דאָ ניט ווייט געבּרודיקט, זיך אומגעקערט פון דאָרט מיט א פאָטאָגראַפיש בילדל פון א שיקסל און זיך אוועקגעזעצט בא דער זייט פון פייער אף אָט דעם שיקסל קוקן.

---

דאָס שיקסל אפן בילד, וואס באָטשקאָ האָט לאַנג געהאַלטן און באַטראכט, האָט אויסגעזעען צו זיין א זעלטנס:

א וואוקסיקס, מיט א פאריסן נעזל און מיט גרויע פריילעכע אייגעלעך, וואָס זיינען טאָמיד גרייט שעלמיש א וואונק צו געבן.

דאָס אויבערשטע ליפּל איז בא דעם געווען א פולבלעכס, א פארקאַשערטס, אזוי אז טונקעלע ליידנשאַפטלעכע ציינדלעך האָבן פון אונטער דעם ארויסגעקוקט פריילעך מיט א בייסיק צאַפּלענדיקן באַגער און מיט כיישעק אונטערצווווינקען:

— שעם זיך ניט, נאַרעלע... נו... גיכער... גיכער.

בא א רעכטן מאַנסבל האָט שוין פון אָט דעם בליק אליין געקאָנט זיך אונטערברעכן דאָס האַרץ. דערצו נאָך האָט זי געטראָגן א קלינגענדיקן יאָנטעוו־נאָמען: „פראָסיאַ!"

— פראָסיאַ... פראָסיאַ...

זיצנדיק אף א מאַלפּישן אויפן אָנגעבויגן באַם פייער, האָט איצט באָטשקאָ בייַנקענדיק אַריינגעקוקט דעם פאָטאָגראַפישן בילדל אין פּאָנים אַריין און האָט געדרימלט ערגעץ טיף אין זיך מיט אַלע זיינע געהירן.

וואָס מער זיינע נאָגנדיקע אויגן האָבן זיך אַריינגעזויגן אין דעם שיקסלס אייגעלעך, אינם נעזל און אין די ציינדלעך, אַלץ שטאַרקער האָט בא אים געזונגען אונטער דער ברוסט.

מיט יעדער נייער רעגע האָט מער באַנק געטון דאָס לעבן פון פאַראַיאָריקער פרייער צייט. דער נאָז האָט גלייך פאַרשמעקט מיט די דעמאָלטיקע זנוס־זאַטע אָסיען־טעג, מיט געלע בלעטער, וואָס שיטן זיך פון די ביימער, ווי פון צעפוילטע קישנס פוך, און דער זיקאָרן האָט גלייך אַהין פאַרטראָגן... ווען איז דאָס געווען? פאַראַיאָרן, פאַראַיאָרן.

---

אַף גרינלעכע וואָלקנדיקע פעלדער מיט א ברייטן, ניט־ברו־קירטן שליאַך, צווישן הויכע גראָבנס איז געגאַנגען א פאָלק, גע־שפרייט מוירע איבער דער גאַנצער געגנט — באַ „האָרען”, דעם לאַנגן גרענעץ־טייך.

ער האָט אַוועקגעלייגט בא זיך די אָפיצירן, אָט דער פאָלק, און האָט געזאָגט, אז ער דאַרף מער קיין עלטסטע ניט האָבן.

ער האָט אַליין אויסגעקליבן פון זיך איינעם א געוועזענעם דיזערטיר, א דרייבענדלדיקן ווזוואָדנעם קאָמאַנדיר, וואָס פאַרמאָגט זיין אייגנס אַ פערד. דאָס איז וולאַדימיר באָטשקאָ אַליין.

— באָטשקאָ! — האָט מען צו אים פון אַלע זייטן געשריגן — וואָס שטייסטו? האָסט דיין אייגנס א פערד, טאָ פאָר ארויס פון פאָלק אפריער! זייַ אַ קאָמאַנדיר!

און פון דעמאָלט אָן רייַט ער טאָמיד פאַמעלעך פאָרויס דעם פאָלק אַף זיין בולאַנעם פערד. ער קוקט זיך ניט אום צוריק צום טויזנטקעפיקן פאָלק. ער הייבט נאָר אוף פאַר א צייכן די האַנט, און דער גאַנצער פאָלק לאָזט מיטאַמאָל ארויס א פריילעכן „ווע־מען הער איך”־געזאַנג — אַ פרייען, א ברייטן, ווי די וואָלקנדע פעלדער אַרום, ווי דאָס לעבן, וואָס האָט שוין ניט אַף זיך גאַנצע זיבן כאַדאָשים ניט קיין צאַר, ניט קיין פאָרעץ.

— אור־ליאַ, אור־ליאַ,

אור־ליאַ־ליאַ! —

זינגט דער גאַנצער פאָלק, און באַלעבטע און טעמפע פּענימער גיסן זיך אָן מיט רויטן קויעך און בליצן מיט היספּאַילעס אין דער

אַרויסגערוקטער קאָזאַקן־פּייע, מיט בוהאַי־קראַפט אין באַפרייטן רירעוודיקן אַקסל.

אַקעגנפאָרנדיקע פויערים האָבן אויסגעגלאָצטע אויגן, בעאייס זיי טרעטן אָט דעם פּאָלק דעם וועג אָפּ, און אידן אַף די וואָגנס טוליען זיך איינער צום אַנדערן, קוקן מיט גרויל אַף די סאָל־דאַטנס לאַכנדיקע ציין, שרעקן זיך פאַרן אָפענעם וואָרט „זשיד" און זיינען זיך עפּעס ווי טויע, קענען עפּעס אַלץ ניט פאַרשטיין...

איז גוט אַזוי און פריילעך.

פּריצים צעלויפן זיך. אומעטום, וואוהין דער פּאָלק קומט, טרעפט ער פוסטע, פאַרהאַקטע הויפן און צופרידענע פויערים, וואָס קראַצן זיך קלוגעטשקערהייט אין דער פּייע.

— „נימאַ פּאַניוו" — זאָגן זיי צו די סאָלדאַטן. — „פּאָוועטי־קאַלי!"

און סאָלדאַטן לאַכן.

דער פּאָלק זאָגט אומעטום אפן וועג, אז ער שלאָגט זיך דורך אַהיים — ער וויל זיך מער ניט שלאָגן אַף די פראָנטן. נאָר אין זוויל — דער שטאָט אין דאָרעם — פאַרהאַלט ער זיך דאָך בא א כוידעש צייט.

דאָרט אינם גרויסן, ווייסן הויז אַף דער הויפּט־גאַס וואוינט פראָסיאַ.

זי איז אַלט סאַכאַקל ניינצן יאָר, נאר זי האָט שוין באוויזן עפּעס אופצוטון, זי דינט דאָרט אינם ווייסן הויז — זי ציגט א קינד באַ א אידן.

אַלע אָוונט זיצט דאָרט באָטשקאָ אין אידישן גאָרטן אַף דער געשלאָסענער בלינדער וועראַנדע. ער איז אָנגעטון אין א איינגן אָפּיצערישן שינעל, און זיינע נייע שוואַרצע שטיוול טרעטן דאָרט אַריין אין געלע אָפּגעפאַלענע בלעטער, ווי אין עפּעס נעוויילע־דיקס און ווייכס.

אַז פראָסיאַ קומט צו אים אַרויס, זעצט ער זי אין שטאָק פינצטער צו זיך אַף די קניען און שמעקט איר פון מיילכל. זי הוכקעט אים אומישנע גלייך אין נאָז, הוכקעט, הוכקעט מיט א רייעך פון מיאַטנע צוקערקעס אויסגעמישט מיט א גערוך פון זנוסיקער אָסיען־נאַכט. נאָר אַמאָל גייט איר אויך פון מויל א שטאַרקער רייעך פון ציבעלע—דאָס האָט זי זיך בעקיוון אָנגעפּאַקט

מיט האַרבע מאַכאָלים אַף צולאָכעס איר אידישער באַלעבאָסטע, וואָס שטאָפּט זי מיט מילך און מיט אייער, קעדיי דער אידישער מאַמזער זאָל איר פעט ווערן.

— און וואו איז איר, פראָסיעס, אייגן נייפּעלע אַהינגעקומען?

— געבליבן אונטערגעוואָרפן ערגעץ בא איר פאָרעצל לעבן בייסאַקיסע און זי וויס אַפילע ניט, צי עס לעבט דאָרט נאָך, צי ניין. פראָסיאַ וויל אף צולאָכעס, אז דעם אידישן מאַמזער, וואָס זי זויגט, זאָל איצט קאַליע ווערן דער מאָגן. זי עסט אומישנע האַרבע זאַכן — זאָל עס „געגנען" צו אַלדי רוכעס, ווייל ווי אַף צופיקעניש באקומט זי עס פון טאָג צו טאָג אַלץ מער ליב, אָט דעם פרעמדן מאַמזער. ניט אַזוי? · די באַלעבאַטים אירע זייינען דאָך „זשידעס".

— מע דאַרף זיי אויסקוילען דאָ אין שטאָט, אָט די זשידעס. ניט עמעס? אַ? באָטשקאָ, וואָס זאָגסטו גאָרנישט?

און זי פּאַטשט אים איבער דער פריש אָפּגעגאָלטער פייכטלעכער מאָרדע און שלעפּט אים בא אַ וואָנצע, ער זאָל זאָגן.

באָטשקאָ זשמורעט די אויגן, אָטעמט צו זיך אין דער נאָז און דרייט גרינג מיטן פּאָנים, קעדיי די וואָנצע צו באפרייען. ער דריקט זי צווישן די קניען, בעאייס זי זיצט בא אים אין שויס, און פילט, ווי אירע פיס אונטערן לייכטן קליידל זייינען גלאַט און דראָטיק.

דעם עמעס זאָגנדיק, איז אים איצט אַ קלייינער כילעק, צי מע וועט זיי אַלעמען אויסקוילען צי ניט, אָט די זשידעס — ער האָט ליב פראָסיען. אז ער נעמט זי אָן פארן פולן בוזים, ווערט אים אַ שאָד, וואָס עמעצער זויגט זיי, אָט די פולע האַרטלעכע בריסטלעך. ער וויל זיי אַ ביס טאָן.

— דעריקער — זאָגט ער, — וואָס קוילען דאַרף מען... אַלע האָבן זיך אָנגעזויגן...

און ביידן ווערט דערפון געלענדערדיק און פריילעך.

— וועט מען קוילען?

באָטשקאָ שמייכלט אין נאָז אריין:

— נאָך אַ מין!...

געטונקלט האָט זיך דעמאָלט די שטאָט ווייט אונטער נידע־ריק־פאַרכמורעטע אָסיען־הימלען.

טיטשקעס הינט האָבן גאַנצע טעג באַשמעקט די צויגן, און סאָלדאַטן, וואָס קנאַקן יאָדערן, האָבן געקוקט מיט ווילדע אויגן, ווי זיי פאָרלען זיך, אָט די הינט.

קיל און בלאָטיק איז געווען אף די וועגן, און נאָך יעדער שנאַץ האָט אַ פאַרויטלטע סאָלדאַטן־נאָז געוואָלט אָנשמעקן זנוסדיק ווייב אין דער לופט.

באָטשקאָן איז אויסגעפאלן דער בעסטער כיילעק — ער האָט געהאַט פראָסיען.

אין אַ נאַכט פון שאַבעס אף זונטיק, ווען מיט פראָסיען אַפן שויס איז ער געזעסן אף דער געשלאָסענער אידישער ווערענדע, זיינען סאָלדאַטן אָנגעפאַלן אַף אַ נגידיש הויז אין צווייטן עק שטאָט לעבן דער שול, וואו מע זאָגט „סליכעס״.

פון דער שול איז מען זיך פאנאנדערגעלאָפן מישפּאָכעסווייס, זיך פאַרשפאַרט אינדערהיים אַף אלע טירן, איבערגעווארט אין גרויס שרעק אַ גאַנצע נאַכט און נאָכדעם זיך געהאַלטן אין איין דערפרעגן:

— מע האָט געכאַפּט, אַ?

— קיינעם ניט געכאַפּט?

ביז דער אָרטיקער אַפּטייקער — אַ איד, וואָס האָט פיינט אידן — האָט אָפּגעשטעלט איין אידן אין גאַס און האָט בא אים געפרעגט מעשומעדיק אף שטיכיקן געלעכטער:

— זאָגט, איך בעט אייך: ס׳איז דאָ, ווער עס זאָל כאַפּן, אַ? ס׳איז דאָ?

---

עס איז געשען אין אַ בלאָטיק־וויסטן זונטיקדיקן פרימאָרגן.

די וואַסער אונטער די בריקן האָט דאַן געקוקט קאַלט און שוואַרצלעך, ווי דער ברודיקער טייל פון ווינטער, וואָס רוקט זיך איר אַנקעגן. און ליידיקגייעריש האָבן אַרומגעשנאָרעט אין מאַרט סאָלדאַטן — פוסט־און־פּאַס, ווי יאָנטעוודיקע היצלעס, מיט שאַר־פעלעך אף די העלזער, מיט פרעמדע אופגערויטלטע פענימער, מיט אויגן, וואָס קוקן עפּעס אויס כאַיעדיק, טאַיוועדיק און טעמפּ.

אין עק שטאָט, בא די פאַרבלאָטיקטע בריקן, איז מען געשטאַנען ארום זיצנדיקע בעטלערס, וואָס פינטלען מיט בלינדע אויגן; געהערט, ווי זיי פּרעפּלען טשוועדיק און שפּילן־צו; געקוקט, ווי אַ בלינדנס ציטערדיקע האַנט פאַרהאַקט זיין גאַלאָכיש קאָל מיט גרילץ פון פאָנפּענדיקער באַנדורע.

בלינדע פינטלדיקע ווייסלעכער האָבן, ווי טאָמיד, געשראָקן מיט מערידיוודיקן יאָמהאַדין, מיט אוילעמאַבעדיקן צאַר־און־צאָרן, מיט בלוט, וואָס וועט פאַרשווייַנקען אַ זינדיק־ווערימדיקע וועלט.

נאָר דער סאָלדאַטישער אויער האָט שוין איצט געהערט אין אָט דעם פּרעפּלען עפּעס מאַמאָשעסדיקס און נאָענטס, ווי אין באַנאַכטיקן בילן פון יאָמערנדיקע הינט. — אַף סאָלדאַטישע פּלייצעס איז דעמאָלט געהאַנגען אַ פריי־אָנגעלאָדענע ביקס, און פון מאַרק האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ שיסעריי. אַ געיעג און אַ געלויף צוריק — מע איז באַפאַלן דאָרט און געראַבעוועט די ערשטע קלייט.

— ס׳האָט זיך אָנגעהויבן!... אָנגעהויבן... האָט מען געשריגן אין לויפנדיקער שרעק.

— און פאַרוואָס? פאַרוואָס?... אין טאַבאַטשנע פאַבריקע האָט מען ניט געוואָלט לאָזן פאַר סאָלדאַטן ביליק טאַבאַק.

די באַלעבאָסטע פון גרויסן ווייסן הויז האָט זיך דעמאָלט אײַנדרויסן געהאַלטן אין איין רייסן מיט פּראָסיען, זי זאָל ארײַן אין שטוב צום קינד.

— דו שטייסט נאַקעט אינדרויסן; דו וועסט זיך פאַרקילן, פּראָסיא — ס׳וועט קראַנק ווערן דאָס קינד...

נאָר פּראָסיא האָט ניט געפילט, ווי יענע רייסט זי פאַרן קאָפּטל, און זי אָפּגעשטויסן רעציכעדיק און ווילד. זי האָט געוואָלט שטיין אינדרויסן מיט די צונויפגעלייגטע הענט אף דער ברוסט, זיך הויקערן און ציטערן פון קעלט, און קוקן, קוקן, ווי מע טראָגט דאָרט פון דער קלייט — מע הערט ניט אוף צו טראָגן.

— זינדיקט, זינדיקט, טייערינקע, — האָט זי שטיל געדאַוונט מיט קלאַפּנדיקע ציין — סייוויסיי...

זי האָט פונווייטנס געזוכט דאָרט באָטשקאָן מיט די אויגן און אים ניט געפונען. נאָר אויך פון דער שטאָט האָט מען אים

דעמאָלט געהאלטן אין איין זוכן, אָט דעם באָטשקאָן. מע האָט באַשלאָסן אים פאָרלייגן געלט:

— זאָל ער אַוועק פונדאַנען מיט זיין פאָלק ערגעץ אַנדערש... די שטאָט האָט שוין גענוג געליטן.

נאָר אַז מע האָט מיט אים פאַרפירט אַ שמועס, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פאָלק וויל גאָר סיוויסיי אַוועקגיין — ער וויל אַהיים. שלעכט איז נאָר, וואָס מע האַלט זיי דאָ — אַף דער באַן־סטאַנציע גיט מען ניט קיין וואַגאָנעס. מע זאָגט זיי:

— ס'איז ניטאָ.

— איז אַזוי גאָר?..

— אָט אַזוי־זשע רעדט!

דער אַפּטייקער — דער איד, וואָס איז געווען גאָר ניט קיין באַל־ראַכמים, האָט טאַקע דעמאָלט סאָפּקאָלסאָף דערוויזן, אַז גאָר אַן אנדער דין איז, אויב צו אים קומען אידן זיך בעטן — טויוועס קאָן מען טון אפילע ווערים. נאָר זאָלן ווערים ויסן, ווער ער איז.

דאָס געלט, וואָס די שטאָט האָט געקלערט באָטשקאָן געבן, האָבן דורך אים גאָר צוגענומען צוויי באַאַמטע פון נאָענטן וואָקזאַל — די סאַמע עלטסטע. און פראכט־וואַגאָנעס פארן פאָלק זיינען מיטאַמאָל געוואָרן. אלע דינער פון וואָקזאַל האָבן פלוצים גענו־מען צוואַילן דעם פאָלק, האַקן אים מיט גרויס געטריישאפט אין האַלז־און־נאַקן.

— ארײנט! ארײנט!

— פאַרכאַפּט, פארכאַפּט די וואַגאָנעס.

— גיך, וואָס גיך הייסט.

— אַז ניט בלייבט מען ווידער אַ האַלב יאָר קעסיידער; מע וועט גיין איינציקווייס צופוס...

אין איילעניש האָבן זיך געפאַקעוועט די וואַגאָנעס; מע האָט זיך אהין געקוליעט, געקוליעט — געפעק איבער מענטשן, מענטשן איבער געפעק, געהאַט נאַסע פאַרשוויצטע פאַטלעס, קורצע אָטעמס.ביידע גרויסע גלעקער — קיין רעגע ניט געשוויגן. מע האָט געקלונגען אומישנע קעדיי צו פאַרגרעסערן דעם איילנדיקן גע־פילדער און פאַרטומלען אַלע קוילעס פון ארויס און אריין און פון „זיי־געזונט״.

— בלייב געזונט, פראָסיאַ!... אַ? פראָסיאַ

באָטשקאָ — דער סאַמע עלטסטער — איז צום לעצטן מאָל דאָרט געשטאַנען אַקעגן פּראָסיען, געווען אויסגעפּוצט אין אַלערליי געווערן און קיין צייט ניט געהאַט זיך איינצוקוקן אין אירע פאַרטערטע אויגן — אַזוי גיך איז מיט זיי דער לאַנגער פּראָנט־צוג פאַרשוואונדן.

---

די לאָקאָמאָטיוון — צוויי: איינער פונפאַרנט, דער אנדערער פונהינטן — האָבן שטאַרק געריוכערט; די ערשטע סטאַנציעס, אַ וויאָרסט נייַנציק, אָפּגעלאָפּן אָן אָטעם, זיך ניט אָפּגעשטעלט. נאָר פאַרנאכט אף איינעם אַ גרויסן וואָקזאַל אַוועקגעאיילט קלוי־מערשט טרינקען, אָנלאָדן זיך מיט קוילן, און זיך מער ניט אומ־געקערט. פאַרשוואונדן, ווי ניט געווען.

האָט מען אַזוי אָפּגעוואַרט אַ גאַנצע קילע נאַכט, געבראָכן ברעטער צוליב די צעלייגטע פייערס לעבן די וואַגאָנעס, זיך געוואַרעמט ווי די מאַלפּעס און אלץ גערעדט וועגן די צוויי פאַרשוואונדענע לאָקאָמאָטיוון.

— אָט־אָ רוכעס! שוואַרצע אַזעלכע, פאַרקילטע. און שווייגנ־דיקע, ווי שטומע. רעד צו דעם — ס'ענטפערט ניט. פּאָרקעט, פּאָרקעט, הייצט און דרייט און אלץ אָן לאָשן, ווי ס'זעט דיך ניט. אָט־אָ רוכעס! איז אָט פאַרוואָס דאָס האָט געשוויגן ?!

— אַך, ווען מע פּאַקט זייביידן איצט.

און אין זוויל האָט מען מיטאַמאָל פאַרגעסן. גלייך מע איז שוין דאָרט מער ווי אַ יאָר ניט געווען.

גאנצפרי איז מען אַוועק מיט די אָנגעלאָדענע ביקסן אַפּן וואָקזאַל פאָדערן נייע לאָקאָמאָטיוון. אַוועק איז מען אהין מיט אַכזאָריעסדיקן זיכער. נאָר אומגעריכט געטראָפּן דעם גרויסן וואָקזאַל פאַרוואַלגערט מיט ברואים. פאַרכאַרקעט און ברודיק־טונקל, ווי א קאַזאַרמע. קייענדיקע און שנאָרכנדיקע פּענימער אף די דילן האָבן זיך געטוליעט, ווי ברודיק־קראַנקע אין אַ שפּי־טאָל, געקויטיקט און געשנאָרכעט מיט גרויסער גלייכגילטיקייט צו אַלץ, וואָס אף דער וועלט קומט פּאָר. און אין זייטיקן ברוד־דיקן צימער האָבן די עלטסטע וואָקזאַל־לייט אויך אַזוי גלייכגיל־טיק געקוקט אף זיי, די אַריינגעקומענע, וואָס שטעלן אף זיי אָן

די ביקסן, — געפינטלט מיט די אויגן, קנאַפּ געהערט, וואָס מע רעדט צו זיי, און פון גרויסן אַלץ־איינס ניט אָפּגעענטפערט מיט קיין וואָרט, גלייך זיי זיינען שוין טויזנט מאָל געשאָסן געוואָרן, און דאָס איבעריקע מאָל געשאָסן וועון וועט אין זיי גאָרנישט אומבייטן — סיי וויסיי לעבן זיי איצט שוין נאָכן טויט.

דעמאָלט האָבן פאַרשיידענע סאָלדאַטן זיך גענומען אָנהייבגען אָן פאַרשיידענע צוגן, וואָס רוקן זיך אַדורך פאַרביי דעם גרויסן וואָקזאַל. מע האָט זיך נאָר דערפרעגט:

— און קיין נאַטשאַלסטוואָ איז שוין ניטאָ, אַ? — אינערגעץ ניטאָ?

דער פאָלק האָט אָנגעהויבן אויסרינען, צעקריכן און ניט וועדן.

באַטשקאָ און זיק האָבן גענומען אַרומשנאָרן צווישן די פּילע עשאַלאָנעס, וואָס שטייען דורכויס אַף די רעזערוו־ליניען; אַריינגערוקט אומעטום די נאָז און אומעטום נאָכגעפרעגט:

— וואוהין פאָרט מען, אַ? כאַווײרים?...

— אַהיים.

— און ווי לאַנג שטייט מען דאָ?

— פינף טעג.

— מיר אַ וואָך שוין.

— און מיר צוויי.

— און נאַטשאַלסטוואָ, אַ? נישטאָ?... אינערגעץ נישטאָ?

---

לעבן איינעם גאָר אַן עקסטן עשאַלאָן, — אַ שרעקלעך לאַנגן און אַ זייטיקן, ווי א פאַרגעסענער — האָט זיך געדרייט אַ לאָקאָמאָטיוו, אַ גרויסער, א גרינלעכער, קימאַט א נייער. גלייך ער לערנט זיך נאָך צום ערשטן מאָל גיין, נאָר אז ער וועט זיך איינשפּאַנען, וועט ער אַוועק. קיין אויג וועט אים ניט כאַפּן.

— אַ, וואוהין פאָרט מען? — האָבן דאָרטן באַטשקאָ און זיק אַ פרעג געטון.

קיינער האָט ניט געענטפערט.

— מע פאָרט ניט — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט איינער, נאָך גאָר יונגער, וואָס לאַטעט דעם שינעל.

נאָר די איבעריקע האָבן דאָרט אין וואַגאָן א קוק געטון אַף אים בייז, גלייך ווי זיי ווילן זען, צי ער וועט נאָכאַמאָל פלאַפלען צי ניין.

— אָט די פּאָרן ערגעץ, אַ? באַטשקאַ?

— קלאָר.

און ביידע האָבן באַנייס גענומען זיך דאָ אַרומדרייען, זיך שאַרן אַרום דעם עשאַלאָן.

פאַרנאַכטלעך האָבן זיי דאָרט אין עקסטן וואַגאָן באַמערקט איינעם א שוואַרצלעכן אין אַ סטודענטישן מאַנטל. ער זיצט אַפן מיסטיקן דיל צווישן אסאַך שלאָפנדיקע. דער דאַשעק פון דעם סטודענטישן היטל איז אים געווען פאַרוקט צו איינעם פון זיינע ניט־געוויינלעך גרויסע צעקנייטשטע אויערן, און אַליין האָט ער אַף גיך געגעסן, געזופּט מיט אַ הילצערנעם לעפל פונם גרויסן שוואַרצן טאָפּ, וואָס שטייט בא אים צווישן די פיס. זיינע געשווינדע אויגן האָבן געפלוידערט מיט די בליקן, אַפילע דאַן, ווען זיין מויל האָט אין איילעניש געקייט.

— וואָס דרייט מען זיך דאָרט אַרום? — האָט ער סאָפּקאָל־סאָף בא באַטשקאַן און זיקן געפרעגט.

— מ'וויל אויך פאָרן — האָבן ניט זיכער זיך אָפּגערופן יענע.

— וואוהין?

— וואוהין איר פאָרט.

— וואוהין מיר?

דער שוואַרצלעכער אינם סטודענטישן מאַנטל האָט מיטאַמאָל אופגעהערט קייען. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון וואַגאָן, זיי אַ קוק געגעבן שאַרף אין די אויגן.

— קיעוו ברענט — האָט ער געזאָגט.

— וואָס הייסט?

— אַזוי, פון אלע דריי זייטן ברענט ער.

— שוין לאַנג?

— דעם פינפטן טאָג.

— ס'אי דען, אַ?

— מע וויל דאָרטן אַרופזעצן דעם אַלטן צאַר.

— איז וואָס דאַרף מען טון?

— פכע... צו הילף גיין אונזעריקע — די „גרויסע״...

— און מיר זיינען דאָך אויך „גרויסע“...
— איז וואָס־זשע שטייט איר?
— נו, וואָס זאָלן מיר טון?
— איז אַריינעט אַהער צו מיר אין וואַגאָן. אַף גיך, אַף גיך. אָט גייט צו דער לאָקאָמאָטיוו.

איז אָט:

אינדערפינצטער האָבן זיי זיך דאָרט אין וואַגאָן אָנגעטראָפן מיט אַנדריוקן — דעם דרייער און צעטראָגענעם פלוידערזאַק, וואָס האָט אַ ברודיק, אַ שטעכיק פּאָנים מיט אָן אַ שיר כיטרע, טיפע קנייטשעלעך אַף די באַקן, און מע קאָן ניט וויסן, צי ער איז יונג, צי ער איז אַלט. באַנאַכט, ווען דער צוג האָט שוין שטאַרק געטרייסלט און אַלע אַרום זיינען געשלאָפן, האָט ער זיי געוואונקן אַפן שוואַרצלעכן אינגם סטודענטישן מאַנטל און זיי בעסאָד דערציילט, אַז דאָס איז פּעטרון—אַן אַגיטאַטאָר. ער פירט אַלעמען אַף קיעוו. ער האָט שוין אַסאַך עשאלאָנען אַוועקגעשיקט, און איצט פאָרט ער אַליין מיטן לעצטן. אים גלויבט מען. ער זאָגט דעם ריינעם עמעס.

פון דעמאָלט אָן האָט באָטשקאָ מער פראָסיען ניט געזעען. פּעטרון האָט אים ניט אופגעהערט צו שווערן, אַז אָט, ווי ער זעט אים, פּעטרונען, לעבן:

— פון דיר, באָטשקאָ, קען אַרויס א מאַזיק. הערסט, וואָס מע רעדט צו דיר? א מאַזיק. קענסט לייענען און שרייבן?

— איך קען.

— איז אָט, מער דאַרף מען ניט.

נאָר באָטשקאָ האט געוואָלט, אַז פונונטן זאָל שטיין פראָסיאַ און זאָל הערן. זי האָט צוגעזאָגט וואַרטן און בייַנקען. אויב ער וועט אַזוי גיך זיך ניט אומקערן, וועט זי גיין צו אים, וואו ער זאָל ניט זיין. זי וועט אים אופזוכן, געפינען. ער האָט געוואָלט צוריק צו איר, און איז געגאַנגען מיט פּעטרונען אַף קיעוו, און איז נאָכדעם מיט פּעטרונען פון קיעוו אַנטלאָפן. אים האָט די גאַנצע צייט געצויגן צו איר אַף דאָרעם, און אַליין איז ער איינגעם מיט זיקן געגאַנגען אלץ ווייטער און ווייטער אַף צאָפן, זיך אויסבאַהאלטן דאָ אין שטילן זומפיקן געדיכטעניש פון ווייטע אומבאַקאַנטע וועלדער. נאָר פראָסיאַ...

— אַ? פּראָסיאַ?

צי האָט זי נאָך אַלץ געזויגן דעם פרעמדן אידישן מאַמזער? צי האָט זיך שוין ניט אומגעקערט אַהין צוריק איר פּאָרעצל... צי עפּשער האָט זי אים שוין געזוכט אין קיעוו און איצט שפּאַנט זי ווייטער אַף צאָפּן, אָט די פּראָסיאַ? מעגלעך, אַז זי גייט איצט און גייט. זי איז שוין נאָענט.

באָטשקאָ איז אַלע פאַרנאַכט אַפן וואָלפישן אויפן געזעסן באַם פייער, אָנגעבויגן איבער איר קליינעם פאָטאָגראַפישן בילדל, געדרימלט מיט אַלע געהירן. נאָר וואָס לייגער זיין נידעריקער בליק האָט זיך איינגעזויגן אינם שיקסלס אייגעלעך, אינם נעזל און אין די ציינדלעך, אַלץ שטאַרקער האָט באַ אים געזויגן אונטער דער ברוסט, און דער שאַרפער אָנגעשטריינגטער געהער האָט זיך געצויגן צו יעדן מינדסטן שאָרך, וואָס קען אין דער ווייטער פאַרנאַכטיקער וואַלד־שטילקייט אָנגענומען ווערן פאַר פרעמדע, אומבאַקאַנטע טריט. ביז איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט האָבןווירקלעך פרעמדע אומבאַקאַנטע טריט אַהער אין דער זומפּיקער די־ליאַנקע זיך דערהערט, נאָר שווערע אַזעלכע און ניט זיכערע, גלייך די טרוקענע צווייגן פאַרטראַכטן זיך דאָרט אַלע ווילע און קווינקלען: זאָלן זיי זיך ווייטער ברעכן אונטער אָט די טריט, צי ניין...

---

עס איז דעמאָלט ווידער געווען אַ שטילער זומערדיקער פאַר־נאַכט — אַ לעצטער שוין, גאָר אַ לעצטער, ווי באַ אַן אַלטן טאַטן אַ געראָטענער מעזיניק.

אָנגעלייגט, ווי פאַר זיך אַליין, האָט זיך דאַן אין גאָרן וואַלד מאָדנע שטיל געוויקלט אַ געשאַנק — אַ פאַרשפּעטיקטער וואַרעמ־לעכער שווייגן האָט זיך געדעמפּט, ווי מיט אומזיכטבאַרן שמע־קנדיקן רויך.

און ווידער האָט דאַן הויך, איבער פּאַטלאַטע ביימער־קעפּ, נאָך העל געברענט דער טאָג, און פונונטן, אַף זומפּיק־קילן באָדן, האָט שוין פעסט געצויגן מיט קילן קעלער. באָטשקאָ און זיך זיינען אַלץ געזעסן באַם פייער, ווי אָן אָטעם, געהאַט אויסגע־צויגענע פּנימער און געהאָרכט, געהאָרכט, ווי שווערע טריט

ברעכן אַ צווייג ערגעץ אָט דאָ, אין דער אַרומיקער שטילקייט, צע־ברעכן גנייוויש, קווינקלענדיק און בלייבן שטיל, וואַרטן אויס און דערנעענטערן זיך דאָ, קומען צו. צווישן די ווייטע גראָבע שטאַמען טוט דאָרט סאָפּקאָלסאַף אַ שווינדל עפּעס אַ שוואַרצס, אַ מיטלוואוקסיקס, א געפּאַקטס; עס פאַרשווינדט אף א רעגע און באַווייזט זיך ווידער, שוין נעענטער — אַ פּאָרעצל איז דאס, אַ ווילד־פּרעמדס. די נייע לאַקירטע שטיוול כאַפּן בא דעם אַ קאָסע שטראַל פון דער זון, טוען א שוואַרץ־שפּיגלדיקן גלאַנץ און לעשן זיך צוריק אויס. עס קוקט זיך איין פונווייטנס דאָס פּאָרעצל. עס דערנעענטערט זיך און קומט צו מיט א קלוגעטשקן פּאָנים פול מיט קנייטשן, אַזוי אַז מע קען ניט וויסן, צי ס׳איז יונג, צי ס׳איז אַלט אָט דאס פּאָנים, און עפּעס שטארק קענט־לעכס איז אין דעם פּאַראַן — ס׳איז אַנדריוקס פּאָנים.

— אַנדריוק?... אַ? אַנדריוק?

דאָס פּאָרעצל האט פארמאכט איין אייגל און מיטן צווייטן האָט עס געגעבן אַ וואונק. געהייסן האָט עס:

— שאַ!... ס׳איז איך.

— פונוואַנעט איז? אַ? אַנדריוק?

— פון ווייט, אַזש פון אונטער כאַרקאָוו.

— און ווער האט געשיקט?

— פּעטרון. ער אַליין, — מיך אויסגעפּוצט. אָט ווי איר זעט... געהייסן אייך אופזוכן — ניט קומען אַליין. און געלט געגעבן אַפּן וועג. מיך אויסגעפּוצט, אַ?

אַנדריוק האט געקוואָלן מיט די ציין. דער נייער שוואַרצער אָנצוג איז אף אים געזעסן לעפיש און שטאַרק גראַם. דער רוי־טער שניפּס איז אים געוועזן פארוקט אָן אַ זייט, און אפן האלז האט ער געטראָגן עפּעס א מאָדנעם פּאַפּירענעם קראַגן, א שטארק ווייסן, אַזוי אַז לעבן אים האָט זיין גראָבער צעהאַקטער האַלז מיטן געקנייטשטן פּאָנים אויסגעזען שטארק ברוין, ווי מיט סמאָלע אָפּגעשמירט.

— שיין אָנגעטון? — האט ער געקוואָלן, — אַ? דאס האט אַלץ ער, פּעטרון... געהייסן אופזוכן — אייך און נאך פיל אַנדערע... אַליין צוריק ניט קומען... אָט!

— וואָס איז דען, אַ? אַנדריוק.

— אַזוי.

אַנדריוק האט זיך אַרומגעקוקט, זיך צוגעבויגן:

— ס'איז דא א רעווקאָם,— האט ער פלוידערדיק געסוידעט,— אַ באהאלטענער.

— וואו?

— אַלץ דארט, אונטער כאַרקאָוו.

— נו?

— דארף מען גיין אַהין. פעטרון האט געזאָגט: „מע דאַרף אייך האָבן".

באָטשקאָ איז אַזוי א ווילע געשטאַנען אקעגן אַנדריוקן און האט צוגעפייפט — ער האט באַטראַכט אף אים די בגאָדים, איבערהויפט — די שטיוול מיט די נייע גלאַנציק־לאַקירענע כאָ־ליאַווקעס.

ער האט אַ גלעט געטון אף רעכטס און לינקס די וואָנצעס. אים האט זיך שטארק פאַרוואָלט אף דאָרעם צו פראָסיען. גיין וועט ער איצט געוויס מיט אַנדריוקן און מיט זיקן אַף צאָפן צו פעטרונען — נאר אָט, אַשטייגער: ווען ער פוצט זיך אויס אין אַזעלכע בגאָדים, ווי אַנדריוק, און שטעלט זיך אין זיי אַריין קיין זוויל — צו פראָסיען...

— אַנו,— האט ער געזאגט,— אַנדריוק... אשטייגער, לעמאָשל, אַף א מינוטקעלע... וואַרף נאר אראָפּ פון זיך.

און ער האט דאָ אַפן אָרט גענומען אף זיך אָנמעסטן אַנ־דריוקס בגאָדים.

אַנדריוק האט געוואָלט באלד די קליידער צוריק באקומען און האט געכאַנפעט:

— פון דיר, באָטשקאָ, זאָגט פעטרון, קאָן ארויס א מאַזיק. הערסט, וואָס פעטרון זאָגט וועגן דיר? — א מאַזיק, זאָגט ער. איך דארף אים דאָ האָבן, זאָגט ער — איך דאַרף אים דאָ האָבן...

דערנאָך האט מען זיך איינגעפאַקט און זיך טכילעס אָוונט אַוועקגעלאָזט.

באָטשקאָ האט געשפאַנט אף פריער.

ער האט געבייגקט קיין דאָרעם — געגאַנגען איז ער אַף צאָפן.

.III

# שטורעם אויסבאהאַלטענער און פליסיקער.

טישרעדיק איז געווען פונויבן, העכער דעם גאָס־רעגן. און פונונטן האָט אַ גרויסע הילצערנע באַן־סטאַנציע געשטעקט אין טונקלקייט, ווי געדראָלן — איר נאָמען איז געווען אָפּגעמעקט, אָפּגעריבן. אַ באַן־סטאַנציע האָט ווי אַף אייביק איר נאָמען פאַרלאָרן, פאַרלאָרן.

עס גיסט אַ רעגן.

באַלעגערט, ווי אַ נעווילע, האַלט דאָרט שאָענוויס אַ לאַנגער שלעפּ־צוג איין רעגע פאַר אָפּגיין — ער מיט די אומזיסטיקע הענט און פיס, וואָס באַהיינגען אַלע זיינע דעכער און זיינע טרעפּ, און מיטן אַלטינקן לאָקאָמאָטיוו, וואָס שווינקט זיך מיד פונפאָרנט, שמעקט מיט קריינקלעך־הייסן אָטעם פון איבערגעבערענטן בוימל און רויכערט אומגלויביק:

— שלעפּן ווייטער, אַ? כ׳וועל דערשלעפּן?

אַ מעוואוסעמדיקע בריע שאָקלט זיך אום דאָרט, ווי אַ קליפּע, פאַרביי די רעדער, אַ שמייכלדיקע בריע, טראָגט אַ קנעפּל פון אַן אינזשענער באַם היטל, האָט אַ רויטע נאָז און טייַטלט אַלץ אַפן לאָקאָמאָטיוו מיטן שטעקן.

— פאַרמאַטערט ביסטו, אַ? גוטער ברודער... אַ שווערע עלטער. זאָג דעם עמעס: ניט באַדאַרפט גאָר אָנהייבן — מיר האָבן פיינט מאַשינען.

— מיר, רוסן... כע!

סאָפּקאָלסאָף רירט דער צוג פון אָרט.

אין פול־געפּאַקטן וואַגאָן, וואוהין דער, וואָס מיטן אינזשענער־קנעפּל, קוועטשט זיך אריין, איז האַלב פינצטער. אין רויכיק-

שטיקנדיקער לופט בלאָסן זיך אָן אַ שיר מעטושטעשע פענימער, גראַגערן ווי אַף אַ שמיידיק-דורשטיקן יאָר־יאַריד. און דער, וואָס מיטן קנעפל, זיצט דאָרט אין גרויס איינגשאַפּט אַף אַ באַנק, שמייכלט מיט דער מעוואוסעמדיק־רויטער נאָז און האַלט ביידע הענט אַף דער גאַלקע פון זיין שטעקן.

— אַ רוסישער מענטש, — זאָגט ער, — האָט פיינט מאַשינען, כע! רוסישע ערד איז ברייט און ווייך. אַקער זי כאָטש מיט אָט דעם שטעקן. און אַ מאַשינע איז טאָמע. אַלץ פון אים, פון אַנטי־קריסטוס, קומט זי... כע!

ער ווינקט צו זיין שאָכן, אַן אלטן פויער. ער הערט ניט אוף צו ריידן:

— אַ רוסישן מענטשן האָט מען אַ באַן אָנגעהאַנגען, וואָס? אָנגעהאַנגען, אָנגעהאַנגען.

און פלוצים הייבט ער אָן דעקלאַמירן:

Прямо дороженька: насыпи узкие,
Столбики, рельсы, мосты.
А по бокам-то—все косточки русские..

— אַלץ ביינדעלעך רוסישע... כע!

נאָר קיינער הערט אים ניט. פויערשע קלומקעס שטינקען דורכויס פון אונטער געזעסער און פון אונטער ביינק. פויערן ווערטלען זיך פון איבער ווענטלעך, פון איבער פעק און — אַלץ וועגן דעם דייטש, וואָס האָט שוין אויך עפּעס אומרואיקס באַ זיך אין דער היים; וועגן די פריצים, וואָס צעלויפן זיך שוין ווי־דער אין גרויס שרעק:

— זיי לאָזן איבער האַק און פאַק.

— העפקערדיקע הויפן.

עמעצער רויכערט, רויכערט און שפייט אויס:

— איצטיקס מאָל — אַן עק, אויס... כאַפּסט אַ פּאָרעץ, שפּאַלט אים דאָ אַפן אָרט, ווי די בוטוויניקער — זייער גראַף. אַז ניט, קומט ער נאָכדעם ווידער.

צי מיט ווען, צי מיטן דייטש.

— אָט, אָט, אָט — אַ גיפטיקס איז עס, אָט דאָס פאָלק.

— און אידן אויך; אידן זיינען מיט זיי.

— ניין, וואַרט. איך קען אַ אידן...

— שאַ דאָרט, שטיל. לאָז אויסריידן אַ וואָרט.

עס שמייכלט קלוג אַן אַלטער גוי, אַ קרעפּטיקער, אָן אַ היטל, מיט אַ ציילעמל אַף דער העלער סוויטקע און מיט נידעריקע, קוים גראָע האָר. ער האַלט אַרויסגערוקט זיין שמייכלדיקן קאָפּ פון צווישן אַ שפּאַלט איבער אַ באַנק און קרימט נאָך דעם דייטשישן אומפאַרשטענדיקן לאָשן:

— גער־גער־גער, גערגער!

די דייטשן, קלאָגט ער זיך, האָבן אין זיין דאָרף געשמיסן פּאַר געהילצער, וואָס מע האָט געבראַכט פון פּריצישן וואַלד, און פּאַר אומזיסטיקע זעקלעך מעל פונם אידנס מיל — געגעבן האָט מען דאָרט יעדן צו ניינציק און זיך שטאַרק געבייזערט אַפן פרעמדן לאָשן:

— גער־גער־גער, גערגער! — מאַכט נאָך דער אַלטער גוי.

און דערביי האַלט ער זיך די גאַנצע צייט קלוגערהייט מיט ביידע הענט פּאַר יענעם אָרט, וואוהין מע האָט דעם גאַנצן דאָרף אַריינגעציילט די ניינציק.

— „באַבעס“, — זאָגט ער, — אויך ניט געשאַנעוועט. אָ־אָ! נאָך אַ מין. און נאָר דריי יונגע „באַבעס“ האָבן זיך ניט געוואָלט לייגן; אַנטלאָפן אַהין... קיין אָרשע — צו די „גרויסע“.

עמעצער האַקט איבער:

— ניט נאָר אין אָרשע שטייען זיי, די „גרויסע“.

און דער גאַנצער וואַגאָן הייבט אָן צו מאָלן:

— אַסאַך נעענטער.

— אַ וויאָרסט אַכציק אונטער כאַרקאָוו.

— דער קאָזאַק שפּאַרט זיי פון דאָרעם. זיי וועלן ניט קומען, זאָגסטו?

— זיי וועלן קומען, קומען.

— איך זאָג: אונזערע וועלן ניט דערלאָזן — אונזער מאַכט.

— ווער? — איר? אָט אָ די־אָ?

און אַלע זייטלען זיך מיט די אויגן אַף אַ פּאָרל מיט אוק־ראַינישע הערבן באַ די היטלען, וואָס זיצן אין טונקלען עק וואַגאָן און שווייגן. ס'איז באַטשקאָ און זיק — ס'איז באַטשקאָס אופּטו געוועזן — אָט דאָס, וואָס זיי האָבן אַפן וועג אָנגעטון היטלען מיט אוקראַינישע הערבן. נאָר לאַנג קוקן קוקט מען ניט

אַף זיי, ווייל אַ אידיש אינגל הייבט דאָרט אָן צו ריידן. ס׳דאַכט זיך: ער האָט געהאַט אַ טאָעס — ער וויל דאָ אינמיטן וואַגאָן אַרופקריכן אַף א באַנק און האַלטן אַ רעדע. נאָר יענער, וואָס מיטן אינזשענער־קנעפּל באַם היטל, טוט אים דער ערשטער פון אַקעגן אַ שטורך מיטן שטעקן:

— דו, ס׳ניט דיין אייסעק, ביסט אַ „זשיד".

און נאָך:

— האָסט ניט געטראָפן וועמען כאַנפענען.

און פון אַלע זייטן הייבט מען אים אָן שטויסן. מע גיט אים קלעפּ. עס פאַלט באַ אים אַראָפּ דאָס היטל. ער וויינט מיט אַ פאַרקרומט בעטלעריש פּאָנים און קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן. אַרום דער נאָז נעצט אים עפּעס רויטס, נאָר זיין קאָל הערט מען ניט, און ס׳איז עפּעס מאָדנע: מאָדנע, ווי אַזוי די קלעפּ, וואָס ס׳האָבן דאָ אָט־אָט געזאָלט כאַפּן זיי — באָטשקאָ און זיק, זיינען אַריבער צו אים, צו אָט דעם באָכערל. באָטשקאָ גלעט אַף רעכטס און אַף לינקס די וואָנצעס. ס׳ציטערט באַ אים אַ וויע. נאָר זיק זיצט דערביי און האַלט אים אָפּ.

— זיך איין, באָטשקאָ, הער, וואָס איך רעד צו דיר. זיך איין, זאָג איך.

זיי בלייבן אַזוי זיצן איינער אַקעגן אַנדערן אַף די קלומקעס, רויכערן מאַכאָרקע און שפּייען. מיט יעדן שטאַרקן צי ווערט באָטשקאָס פּאָנים באַלויכטן אין אַ רעציכעדיק־בייזער פאַרב. נאָר וואוהין איז אַנדריוק פאַרשוואונדן? צי איז ער ניט דאָרט אין ווינקל, וואו מע גיט דעם אידישן באָכערל קלעפּ? אַז מע טוט אים אַ זוך, געפינט מען אים אינמיטן וואַגאָן לעבן יענעם אַלטן גאָי, וואָס האָט פריער אָביסל דערציילט, ווי אַזוי די דייטשן האָבן געגעבן שמיץ און ווי אַזוי די פּריצים לויפן. ער ליגנערט דאָרט מיט אַלע קנייטשן אַפן פּאָנים און האַלט זיך אין איין דערפרעגן:

— פּוסטעווען, הייסט עס, אַלץ די פּריצישע הויפן? ווען איצט די פּריצים שוין מער ניט קומען?

זיק שלעפּט אים פון דאָרט און נעמט אים אַפן צימבל:

— וואָס דאַרפסטו פּריצישע הויפן, אַ? אַנדריוק.

אַנדריוק זעט אויס צעטומלט, ליגנערט מיט אַלע קנייטשן אַפן פּאָנים און קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן:

— מאָרגן,— שעפּטשעט ער, — קומען מיר דאָך. מאָרגן...
— ס׳אי־דען? אַ?
אַנדריוק קוקט זיך ווידער אַרום.
— אין אַ פּריצישן הויף איז דאָך ער דאָרט!..
— פּעטרון, אַ?
— ששש!... ער אַליין.
נאָר אַז אַנדריוק שווערט זיך, דאַכט זיך: ער פּלוידערט מיט אַלע גלידער און כּושים. באַטשקאָס אויגן לאָקערן און היטן יעדן מינדסטן ריר פון אַ קנייטשעלע אַף זיין ליגנעריש פאַרשוואַרצט פּאָנים — ער איז פּייאיק אַף אַלץ, אָט דער אַנדריוק — דאָרט אינם געוואונטשטן „אונטער כאַרקאָוו״, צי נאָך ערגעץ פריער אַפן וועג האָט ער שוין געקענט האָבן פאַרקויפט זייערע ביידנס — באַטשקאָס און זיקס — נעשאָמעס. און ביליק אַלץ, ווי אַנדריוק קען — אַ גילדן אַ נעשאָמע.
— איז נו, געדיינק.
— נו, נו, נו.
— זאָגסט דעם עמעס? אַ? אַנדריוק.
— דעם ריינעם עמעס.
— פּעטרון וואַרט אַף אונז?
— ער וואַרט. ער וואַרט.

---

אינם געוואונטשענעם „אונטער כאַרקאָוו״ איז אינמיטן פעלד אונטער אַ שטאָט געשטאַנען ניט מער, ווי אַ פּוסט־געשלאָסענער פּריצישער הויף. און אַן אַלטמאָדישע פּריצישע שטאַל, אַ געמוי־ערטע און א לאַנגע, האָט דאָרט ניט אופגעהערט צו פרייען זיך מיט אירע פיל לופט־פענצטערלעך אין דער הייך, כאָטש קיין פּריצישע אויסגעשטאַנענע פערד האָבן שוין מער אין איר מיט די פיס ניט געטופּעט; טויטע שוואַרצע ראָבן האָבן פון אירע פאַר־שטויבטע באַנטעס אַראָפּגעהאַנגען, ווי אין טרויעריקן פּוסט־און־פּאַס, און מער קיינעם פון קיין שיידים ניט געהיט, — די שטאַל איז געווען פּוסט.
אינם קליינעם טיפן ערד־שטיבל לעבן איר, אַף אַ הויכן שטרוי־ענעם געלעגער, וואָס איז באַהאַנגען מיט פיל פּערדישע דעק־

טיכער און שמעקט מיט האַרבן רייעך פון אויסגעשטאַנענע פערד און פון פליי, האָט אַנדריוק זיך געוואַלגערט דעם גאַנצן ערשטן טאָג נאָכן קומען. געלעגן מיט דער „דודע" אין די הענט אַפן רוקן און אָן אופהער, מיט לאַנגן, לאַנגן אָטעם געפּרעפּלט זיין איינציקן ניגן, וואָס האָט פאַר דער מילכאָמע זיך געצויגן די גאַנצע זעכצן יאָר, זינט ער, אַנדריוק, איז דאָ באַם פּאָרעץ אַ פורמאַן געווען. קיינער וואָלט דעמדאָזיקן ניגנס דריידלעך און ציקעלעך נאָכזינגען ניט געקאָנט — דאָס איז געווען דער ניגן פון אַנדריוקס פליאַסקאַדריגעדיקע טאַינעס צו דער וועלט. פאַרקריפּל־טע טאַינעס און געשטופּלטע — פול און פול מיט שטופּלען.

— און וואו זיינען די פערד? — האָט באָטשקאָ געפרעגט. ער איז געווען אַ ליבהאָבער פון פערד. זייער איבערגעלאָזטער רייעך האָט אים דאָ, מער ווי אַלע, געקיצלט אין דער נאָז.

— באַ די פויערן פון כוטאָר, —האָט געזאָגט אַנדריוק, — כע... גריגאָר אַקערט דאָרט מיטן ראַבן אוגער.

— און וואו איז דער פּאָריץ?

— אין שטאָט איז ער, אָט דאָ ניט ווייט. באַ די אידלעך. מעלקט אַליין די בעהיימעס. כע...

פון צווישן די פּאָר ציין, וואָס פעלן אַנדריוקן פונפאָרנט, האָט זיך באַוויזן דער רויטער שפּיץ פון זיין שפּעטנדיקער צונג. ער האָט ווידער גענומען די „דודע" אין מויל אַריין, נאָר באָטש־קאָ האָט ניט דערלאָזן.

— הער אוף צו גרילצן.

— ס'אי־דען? אַ?

— דער'עס ניט, אַז מע רעדט צו דיר. ווען קומט פּעט־רון, אַ?

— ער וועט קומען.

אַרום דעם פּריצישן הויף מיט די דרויסנדיקע פאַרפאַלטע לאָדן איז אַ יונג שיטער וועלדל געווען אויסגעהאַקט פריש און ווי אַף צולאָכעס; ניט צוליבן נוצן, נאָר פּאָשעט, קעדיי קיין וועלדל זאָל אַף דער וועלט ניט זיין און ס'זאָל דאָך עמעצן איי־ביק פאַרדריסן, אַלעמאַי ס'איז דאָ אַמאָל א וועלדל געווען.

די יונגע שטאַמען זיינען געווען אָפּגעהאַקט אַן ארשין און צוויי העכער דער ערד. זייערע געלע אָפּשניטן האָבן פאַרנאַכט,

אַקעגן דער פֿאַרגייענדיקער זון, זיך געפּלעקט קריינקלעך־אָנגע־ווייטיקט, ווי ניט־פֿאַרצויגענע געלבלעכע וואונדן, און געהאַט טוויעס צו דער וועלט.

אַנדריוק האָט דאָרט געזוכט שפּענער אַף צו הייצן, געקוקט, געקוקט, ווי אַ פֿרעמדע צויג שפּילט דאָרט מיט אַ פֿרעמדן הונט, און פּלוצים געגומען און אָט די הינט פֿאַרטריבן פּונקט אין יע־נער רעגע, ווען זיי הייבן אָן האַנאָע האָבן איינער פֿונם אַנדערן.

דערנאָך זיינען אַלע דריי, אַנדריוק, באָטשקאָ און זיק, גע־שטאַנען דאָרט אין עק אויסגעהאַקטן וועלדל באַם פּלויט און גע־קוקט צום נאָענטן גרינעם פֿעלד, וואָס נידעריקט זיך אַ פּאָר וויאָרסט צו אַ טאָל. נאָך ווייטער ענדיקט זיך עס מיט רוי־פֿאַר־ענדיקטע קאַזאַרמעס אַף אַ באַרג און מיט אַ קליינער איינג־פֿאַר־בויטער שטאָט, וואָס באַווייזט פֿון דאָרט איר בלינדן אונטן.

רויטע און גרינע דעכער בליאַסקען דאָרט אין בלאָער לוי־טערקייט אַקעגן זון, און נאָך העכער זילבערט איצט איר גאָלד — אַ בינטל צלאָמים פֿון אַ קלויסטער.

ס'טוט אַ בלאָז א לופֿטל פֿון יענער ווייט, אַ גרינגס, אַ דאָ־רעמדיקס, און דער נאָז טוט זיך דאָ באַם פּלויט אַ כאָלעם אַ רייעך פֿון כלאָר, וואָס וואָלט איצט, באַ זון־זעצן, זיך טראָגן פֿון אַ הייס־אָנגעהייצטער וועשעריי — דער רייעך פֿון פּראָסיעס ווייס־אויסגעפּרעסט קאָפּטל.

דאָס לופֿטל פֿאַרשווינדט גלייך, נאָר דער אָנדיינק פֿון כלאָר־רייעך בלייבט באַ באָטשקאָן אין דער נאָז — פּראָסיעס רייעך.

— וואָס קוקסטו? — האָט ער געפֿרעגט, — אַ? אַנדריוק! וואָס זעסטו דאָרטן?

— ששש! — אַנדריוק האָט צעטומלט אַ וואונק געגעבן — ער איז דאָרטן — אין שטאָט איז ער.

— פּעטרון, אַ?

— ער אַליין, באַם גאַלעך וואוינט ער.

— נו?

— איז ער נישטאָ איצטער, נישטאָ. אַוועק אָט אַהין אַף צאָפֿן. אַכציק וויאָרסט. צו אונזערע — צו די „גרויסע“ איז ער אַוועק.

— דעם עמעס זאָגסטו, אַ?

און מע האָט זיך אַלץ געזייטלט אַף אים מיט די אויגן, זיך לאַנג געטשעפּעט און אַרויסגעטראָגן אַ באַשלוס — זיק איז דע־מאָלט אין אָוונט צו אַנדריוקן ניט אַף קאַטאָוועס צוגעטראָטן:

— באַווייז אַ סימען, זאָגט מען, דו הערסט, וואָס מע רעדט צו דיר? מיט רוסישער שפּראַך זאָגט מען דיר...

---

אין שטאָקפינצטער האָט אנדריוק פון אונטער זיין געלעגער אַרויסגעשלעפּט אַ שטיקל ליכט מיט אַ גאַנצן בונט שליסל און איז מיט באַטשקאָן און מיט זיקן אַוועק צום גרויסן פּריצישן הויף, אופגעפּראַלט אַ קליינע זייטיקע טיר פון אַ באַלקאָן, אָנגעצונדן ליכט און זיי געצומען פירן איבער אַ גאַנצער ריי פּוסטע שימל־דיקע כאַדאָרים, מיט דאָ און דאָרט אויסגעזעצטע שויבן אונטער די צוגעמאַכטע דרויסן־לאָדן.

אונטער דער שווערקייט פון דריי פּאָר פיס האָבן באַ יעדן טריט געקלונגען די הוילע פּוסטקייטן קעגניבער פּוילע דילן.

איבער די אָפּגעריסענע טאַפּעטן־ווענט, וואָס זיינען ערטער־ווייס באַגאָסן מיט טינט און באַשפּריצט ווי מיט בלוט פון פאַר־גוואַלדיקטע נעקייוועס, האָבן זיך געדוקט דריי לאַנגע שאָטנס און עפּעס ווי געגישטערט, געזוכט.

— וואוהין פירסטו, אַ? אַנדריוק.

— אָט אַהין, אַהין...

און ווידער האָבן אַ גאַנצע ריי אָפּגעריסענע צימערן פאַר־שמעקט מיט וויסטקייט, מיט טפּיסעדיקן פאַרברעכן.

— גענוג שוין, אַ, אַנדריוק?

— אָט אַהער, אַהער.

ער האָט זיי צוגעפירט צו אַ קליינער טיר מיט הייגגענדיקע שלעסער און זיי געצומען אָפּשליסן. ער איז אַריין דער ערשטער מיטן אָנגעצונדענעם ליכט אין האַנט, און נאָך אים זיינען געגאַנ־גען באַטשקאָ און זיק.

— וואָס איז דאָ, אַ?

גאַזעטן — אַסאַך אָנגעוואַלגערטע בינטלעך גאַזעטן האָבן אָנ־געפּילט די נידעריקע האַלב פון לאַנגן צימער און געלאָזט צווישן זיך ניט מער ווי איינעם אַ שמאָלן דורכגאַנג אינמיטן. דאָס זיי־נען געווען דורכויס אופרופן, פּראָקלאַמאַציעס. זיק האָט אַמאַראַציש

געגומען אין די הענט אַריין איינע פון זיי און האָט אַריינ־געקוקט, ווי מיט קורצזיכטיקע אויגן.

— באַקוק, באָטשקאָ: ס'איז פון אונזערע?

— יאָ, פון די „גרויסע".

דערנאָך האָבן ביידע באַ דער שיין פון ליכט נאָכגעקלעטערט אַנדריוקן איבער גאַנצע הויפנס פעק און דערזעען אַ שאַפּקעלע מיט אַסאַך, אַסאַך קליינע בלייענע שטיקעלעך אין די שופלעדן און מיט עפּעס אַ שוואַרצס, אַ טשאַוואָנענס, באַדעקט מיט אַ רעדנע. באָטשקאָ האָט מעוויניש אונטער דער רעדנע אַרונטערגעקוקט און האָט אַ גלעט געטון אַף רעכטס און אַף לינקס די וואָנצעס.

— אַ קליינע טיפּאָגראַפיע, — האָט ער געזאָגט — אַזעלכע ווי אַפן פראָנט.

— כע!

אַנדריוק האָט אָנגעקוואָלן. ער האָט געהאַלטן דאָס ליכט הע־כער זיין קאָפּ. געהאַט אַן אָפן מויל, פול מיט וואונדער, וואָס באָטשקאָ און זיך זעען ניט דעם סאַמע איקער.

— אָט־אָ, — האָט ער געוואונקען מיט די אויגן.

— אַ־אַ!

אין דער הייך אַף אַ צוואָק, אין ווינקל, איז געהאַנגען אַן אַלטער סטודענטישער פּאַלטאָ, אַ פּאַרדריפּעטער און אומריינער; פון צווישן דעם אָפּגעריבענעם גרין־לאַסטיקענעם אונטערשלאַק האָט אַרויסגעקוקט די אַלטע ברודיקע וואַטע — פּעטרונס סטודענ־טישע וואַטע.

— ס'האָט פּעטרון דאָ געאַרבעט, אַ? אַנדריוק!

— פּעטרון, פּעטרון — ער מיט אַ כאַוועד זיינעם אַ אידליק, און איך האָב געהאָלפן.

— וואָס האָסטו געטון?

— געדרייט די ראָד.

און וואו איז ער איצט, פּעטרון?

— אַוועק צו די „גרויסע". און עפּשער דאָ אַרומעט אַלץ, אין די דערפער.

— וואָס אי־דען, אַ?

— ער מאַכט פּאָלקן...

באָטשקאָן האָט עטלעכע מעסלעס נאָכאַנאַנד ניט אויפגעהערט זיך צו כאָלעמען דער רייעך פון הייסער וועשעריי און פון כלאָר—פּראָסיעס רייעך, און די נעכט איז ער געשלאָפן גרינג, גלייך אָט־אָט וועלן זיך דערהערן טריט: עמעצער וועט אין טיר פון ערד־שטיבל אָנקלאַפּן, און שטיל וועט מען אין דרויסן אַרויסגיין, שטיל וועט מען דערהערן, ווי אין דער נאָענטער פינצטער ברינזשען גנייוויש פּיל קייטעלעך פון כאַיאָלישע פערד — מע וואַרט אַף אים, באָטשקאָן. אויב פּעטרון וועט אַ פּאָלק שאַפן, וועט ער, באָטשקאָ, זיין דער סאַמע עלטסטער, דער קאָמאַנדיר. ער האָט שוין געפּרואווט אויסשטעלן אַ פּאָלק ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, נעמען אַ הייסן שנאַפּס און לאָזן דעם פּאָלק אין אַ דראָטיקן געשלעג — ער איז אין יענע נעכט געווען שיקער, און דעם פּאָלק האָט ער געהאַלטן אין איין פירן אַלץ אַהין, אַף דאָרעם — אַלץ אַהין, צו פּראָסיען.

ער האָט אָפּט באַ דער שיין פון ליכט אַרויסגעפונען פון זיין פּעקל פּראָסיעס קליין פּאָטאָגראַפיש בילדל, געזעסן איבער דעם גאַנצע שאָען, בעאייס אַנדריוק און זיק זיינען געשלאָפן, און האָט זיך איינגעזויגן מיטן בליק אינם אַזעסדיקן פּאַריסענעם נעזל אירן, אינם אייבערשטן פולן ליפּל, וואָס איז פּאַרקאַטשעט, אַזוי אַז טונקעלע ליידנשאַפטלעכע צייגדלעך קוקן פון אונטער דעם פריילעך מיט אַ ביסיק־צאַפּלדיקן באַגער און מיט כיישעק אונטערצווינקען. און ליב האָבן האָט אָט דאָס נעפעש צו שטיין פונדערווייטנס אַף דער קעלט און צו קוקן, ווי טיף־טיף אין מאַרק ראַבירט מען קלייטן, און הייסן הייסט עס — פּראָסיאַ:

— אַ שליינגל ביסטו, אַ? פּראָסיא...

נאָר טעג נאָך טעג זיינען אַוועקגעגאנגען, און פּעטרון, ניט ער האָט זיך אומגעקערט, ניט ער האָט וועגן זיך הערן געלאָזט, ניט ער האָט זיך ערגעץ־וואו דאָ אין געגנט באַוויזן.

באָטשקאָן האָט אָנגעהויבן ציען אין דער געגנט אַריין פּעטרונען זוכן, האָט ער גערופן מיט זיך זיקן און האָט אָנגעהויבן אָפּגיין אַף אַ טאָג און צוויי פון דער היים, אָפּגיין, זיך אומקערן, איבערנעכטיקן אַ נאַכט און זיך ווידער איינעם מיט זיקן אַוועקלאָזן.

אַנדריוק האָט ניט אויפגעהערט צו וואָרענען.

— גייט ניט, זאָג איך... אין די קאַזאַרמעס דאָ אַקעגן שטייען גאַנצע דריי ראָטעס — עמעסע דייטשן.

נאָר באָטשקאָ און זיך האָבן אים דערוף געענטפערט:

— זיך אין דער היים. היט.

און אַליין האָט מען ווידעראַמאָל איינגעשטעלט דאָס ביסל ווייטערדיקע יאָרן און אַוועקגעשפּאַנט — אַזוי ציקאַווע איז דער־מאָלט די געגנט געווען און אַזאַ שטאַרקער קויעך האָט צו איר געצויגן.

אַז מע איז דעם ערשטן היפּשן שעטעך אָפּגעגאַנגען, האָט מען מיטאַמאָל נייע צעשראָקענע אויגן באַקומען און פּאַרוואונ־דערט גענומען אַרום זיך קוקן. באָטשקאָ איז אָפּטמאָל שטיין געבליבן און געגלעט אַף רעכטס און אַף לינקס די וואָנצעס. זיך—אויך.

— וואָס זעסטו, אַ? באָטשקאָ?

— גאָרנישט. געבאַלעבאַטעוועט דאָ אַפּאָנים שטאַרק.

— ווער? די דייטשן, אַ?

און מע איז געגאַנגען ווייטער. זיך אַלץ גערוקט אַהין, וואו כאָרעוודיקע היימען האָבן געלויערט, ווי בלינדע באַהאַלטענע סאַ־קאָנע, און מער באַ קיינעם ניט געפרעגט ניט אַף קיין איכעס און ניט אַף קיין פּאַס.

באַ די שיידוועגן אַף די ווייטע סלופּעס זיינען געווען אָפּ־געמעקט די שילדן, און אַז מע האָט גערוט אונטער זיי און אַז מע האָט פאַרן ווייטערדיקן גיין אַ קוק געטון אַף זיי, האָט זיך געדאַכט — זיי זאָגן:

— גיי, וואוהין דו ווילסט און ווער דו ווילסט. דערפאַר האָבן מער קיין נעמען ניט און מענטשן — אויך. שפּאַן איבער דער לייִנג און ברייט פון לאַנד.

און מע האָט געשפּאַנט אַלץ ווייטער און ווייטער, און געקוקט מיט דולע אויגן, ווי צעמישטע — האַלב־באַוואוינטע, האַלב־פּוסטע — געגנטן טונקלען בייז די אויסגעבראָכענע פענצטער־לעכער, פּייכטן זיך אין בראָנזער אָסיען־לופט און געדיינקען דאָך מיט באַשטענדיקן שטומען רויגעז, געדיינקען אָן אופהער:

— דעם ווייטיקדיקן אַרומיקן אַרום איז די גרעסטע אווייִרע שוין אָפּגעטון געוואָרן.

איצט גייען שוין אַווייִרעס פיצעלעך, גליטשיק־קליינע; מיט קלעפיק־טריפנדיקע טישרע־רעגנס טריפן זיי און טריפן, און אַלץ איז מוטאָר אין אָט דעם גרויסן אָנלאָשנדיקן לאַנד, כאָטש עפעס גרייט זיך דאָך באַנייס אין זיינע מידע ברויזנדיקע קנייטשן: אַן אַווייִרע גרייט זיך דאָרטן, אַן אומגעהערטע, צי אַ מיצווע, אַ ניט געווען גרויסע.

זיינען זיי אַזוי געגאַנגען, געגאַנגען, באָטשקאָ און זיק, געשפאַנט מיט וועגן און מיט אומוועגן ביז איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט. מע איז צוגעקומען צו אַ נייער אומבאַקאַנטער געגנט און באַקומען פאַר איר אַזאַ פורכט, גלייך זי האָט טויזנטער אָנגעשטעלטע אויערן און הערט זיך איין. אַלע גרעזעלעך און ביימער הערן דאָ און הערן. זי האָט געהאַט אין איר נידעריקן עק אַ פאָר היפשע טאָליקע שטעטלעך, באַהעפטע צווישן זיך מיט אַ הויכער קייטן־בריק איבער אַ טייך. זי האָט זיך געטאַכשיט מיט אַסאַך קליינע צעוואָרפענע דערפלעך, פאַרבאָרגן אין איר ווייטסטן וועלקנדיקן גרינס — איז אַפאָנים פון דאָרטן, פון יענע אישעווערדיקע עקן, האָבן איצט צו פאַרנאַכט־צו זיך אומרואיק געטראָגן די טויזנטער ערעוו־יאָנטעוודיקע קוילעס און, פון ווייטן לויפן, דערגרייכט אַהער אָפגעשוואַכט און ניט־קלאָר. צי האָט מען דאָרט ניט, ווי אַמאָל, אויסגעשטעלט אין אַ פאַראַד פיל אויסגעפוצטע פאָלקן? צי האָבן ניט אָט די פאָלקן, ווי אמאָל, ביז אומעגלעך הויך געצויגן צוליב עמעצן זייער לאַנגן העפקערדיקן „הורא”?

אַף אַ הויכן גראָבן, פאַרביי אַ שוואַרצן וואַלד, אַף אַ בערגל, וואָס אַף אָט דעם גראָבן, זיינען באָטשקאָ און זיק געשטאַנען אין אָנהייב פון אָט דער געגנט און זיך איינגעקוקט:

פון אַקעגן מיטן וועג, וואָס ציט זיך אַהער פון יענע ווייטע צווילינג־שטעטלעך, האָט אין לאַנגן זאַמדיקן אַלאַכסן זיך טרייסלען אָנגעהויבן אַ שווערע פור. געשפאַנט איז זי געווען מיט מער, ווי איין פאָר פערד — דאָס האָט זיך געזעען פון דאָרט קלאָר; אַ מאָדנער וואָגן, אַ ברייטער און אַן אומגעווײנלעך גרויסער האָט דאָרט שטאַרק געהעצקעט מיט פיל גרויע רעסאָרנדיקע ברואימלעך, זיי געוואָרפן און געצוואונגען רוקן די דראָטיק־אָנגעצויגענע געזעסער פון איין האַרטן קאַנט אפן צווייטן. דייטשן זיינען דאָס אַפאָנים געווען — יונגיאָריק דייטשיש כאַיל.

באַטשקאָ און זיק האָבן גלייך גענומען אויסמיידן די באַגע־געניש מיט זיי; אָפּגעצייגט אין וואַלד אַריין, זיך פאַרוקט אונטער די ביימער, נאָר אָפּגעגאַנגען דאָרט אַביסל אין דער טיף און גלייך באַמערקט, אַז אויך דאָ אין וואַלד איז מען ניט אַליין, — אַ פרעמד מיטליאָריק מענטשל פּלאָנטערט זיך דאָרט צווישן די ביימער — איינער אַליין מיט געשנירעוועטע שמאַטעס און מיט פּאָסטעלעס אַף די פיס, מיט אַ פּעקל און מיט אַ קעסטעלע אַף די פּלייצעס. ער קער, אַפּאָנים, אויך ניט צו יענעם גרויסן יאָנ־טעוו, וואָס גרייט זיך דאָרטן אין די נידעריקע אישעוודיקע ער־טער. און ווער ווייס פון אַ וואָסער אַ זינד ער קומט איצט איין אַליין ביכידעס, און צו וואָסער אַ זינד ער שפּאַנט?

באַטשקאָ און זיק האָבן אָפּגעצייגט אין אַ זייט, אַסאַך טיפער אין וואַלד. זיי האָבן אָנגעטראָפן אַף אַ שמאָלן וועג, וואָס גאַנ־וועט זיך דאָרט צווישן די ביימער, נישטערט, נישטערט, פאַר־לאָרנווערנדיק אין אומבאַוואוסטן וואַלדיקן טונקל.

ס'האָט אַ בלאָז געטון אַ ווינטל צווישן די ביימער, ס'האָט גענומען טריפן אַ קלעפּיק רעגנדל, וואָס מאַכט קימאַט ניט נאַס, האָבן זיי פאַרן שמאָלן וועג דאָרט באַקומען פורכט און ניט גע־וואוסט, וואוהין ער פירט: אין אַ אויסבאַהאַלטן זינדיק ערטל, צי עפּשער צו אַ צאַדיק אַ ניסטער, וואָס וועט זיך אָט־אָט אַרויס־רוקן און וועט מאַצל זיין די וועלט.

מ'האָט אומרואיק און שפּעט זיך אומגעקערט צו אַנדריוקן אַהיים; געקומען פאַרמאַטערט און מיד פון לאַנגן גיין און אָפּ־געשנאָרכעט דעם נישער נאַכט, פאַרוויקלט אין אַנדריוקס פערדישע דעקטיכער.

נאָר גאַנצפרי האָט פון טיפן פּאָפּן אופגעריסן א נאָענט קנאַלן פון האַרמאַטן. פאַרשלאָפן איז מען פון אַנדריוקס ערד־שטיבל אַרויס און זיך געגעבן א יאָג אין דרויסן, ווי זוכנדיק א זיכער אָרט אַף זיך צו באַהאַלטן. נאָר דער ארומיקער נאַקעטער דרויסן האָט דורכויס אַף זיך קיין זיכערן דאַך ניט געהאַט — א מאָדנע דרויסנדיקער דרויסן. מ'האָט גענומען לויפן. נאָר אויך דאָ איז שוין איצט די געגנט געוואָרן פול מיט טויזנטער אופגע־רעגטע ווידער־קוילעס און מיט שיראַים פון געזאַנגען. לעפּישע, אומפאַרשטענדלעכע האָבן זיי זיך געטראָגן פון ארום־און־ארום

איניינעם מיטן האַרמאַטנדיקן קנאַלן. וואָס האט עס געקאָנט באַטייטן? — א געגנט־פּייגער, א סימכע, א ניט געוועזן גרויסע, צי עפשער גאר א שאַלנדיק איבערקרוינען פון א גאנץ לאַנד — א צוריקומען פון א צאַר?

אַקעגן א פּאָר וויאָרסט איז מען אַזוי אין דרייען אָפּגעלאָפּן פון דער היים מיט די זייטיקע פעלדער, זיך אָפּגעשטעלט און זיך קלוימערשט בארויקט. מ׳האט זיך גענומען איינקוקן צוריק אהיים, צו דער שטאָט:

געלע, רויטע און שוואַרצע פאַרבן האבן דאָרט געפלאַטערט דורכויס אף הויכע טעלעגראַף־סלופּעס, אף די פּיל־גאָרנדיקע קאַזאַרמעס און אף קוימענס פון דעכער. פון פארשיידענע זייטן האבן מידע האַרמאַטן שוין גאָר געקנאַלט אינערט, ווי אויסגייענדיק, און פון צווישן איין קנאַלן און צווייטן האט זיך איצט שוין קלאָר געהערט א גרויס געזאַנג, אויסגעמישט מיטן בלאָזן פון ווינט און מיט א פאַרשטאַרקט שפּילן פון אָרקעסטערס. זיך האט געוואָלט טרעפן:

— יאָנטויווים עפשער, א? דאָרפישע יאָנטויווים?

נאר אנדריוק האט געשאָקלט אף ניין.

— מ׳קלינגט ניט, — האט ער געזאָגט. — ס׳שווייגן אומעטום די קלויסטערס.

סאָפּקאָלסאָף האט מען זיך צעשיידט: אנדריוק איז געגאַנגען געוואוירע ווערן, זיך דערוויסן, זיך — צוריק צום ערד־שטיבל — היטן, און באָטשקאָ איז געבליבן דאָ אין פעלד לעבן א יונג וועלדל—ער האט זיך שטענדיק געפילט זיכערער, אז ער האט געהאט לעבן זיך נאָענט א וועלדל. ער האָט אָפּגעוואַרט דאָ זייער לאַנג אין גרויס אומגעדולד. נאר אנדריוק האט ליב געהאט זיך שליאָיען אַרום פרעמדע סימכעס, זיך אומגעקערט אַהער ערשט פאַרנאכטלעך מיטן צופאַלן פון די ביין־האַשמאָשעס. איצטיקס מאָל האט ער ניט געליגנערט מיט קיין איין קנייטשל אף זיין פאַרשקוואַרעט פּאָנים, אָט דער אַנדריוק — געזאָגט דעם „ריינעם עמעס“ און אין קורצן אלץ, סאַכאַקל אין צוויי ווערטער:

— נימעץ סקאַזיוואַסיאַ!...

---

דער דייטש איז געווען מעטורעף צי שטארק קלאָר. אָפּגעהו־ליעט א טאָג דריי מיט „סאָוועטן" און מיט אלע גליקן און איז געבליבן אויסן — ווי אף אייביק שטאַרק דערשלאָגן און געפּלעפּט.

— נו, אן עק, — האבן געזיפצט סאָכרים, — אויס דייטש.

פּאַמעלעך, ווי מיט כעשבן, וואס איז באוואוסט נאר אים, דייטש אליין, האָט ער ביסלעכווייס פון אומעטום אָפּגעצויגן זיינע טיילן, זיך געגאנוועט שטילערהייט אין טונקעלע טישרע־נעכט און אַלץ געזוכט היסבוידעדעס אף זיין לאַנגן אָוולדיקן „צוריק אהיים".

און ס'זיינען געקומען נעכט אַזעלכע — טויטע, שטומע...

באַ דער שיין פון רויטע פלאַקערס, וואָס רויכערן הויך אי־בער קעפּ, האבן קליינע שלעפּערדיקע רייטער־מאַכנעס געשוויגן ווי טויטע, זיך גערוקט אין געשטאָרבענע רייען מיט א טויטן סיידער.

זיי האבן געטראָגן עפּעס טויבלעכס אין זיך, עפּעס טרויע־ריקס און פאַרשמאכטס, ווי זייער ווייטער אומרואיקער „אהיים".

און פון אַרום־און־אַרום, פון שלאָפנדיקע דערפער, וואס פלעקן זיך דורכויס אין דער נאַכט, זיינען צוליב זיי אף גאַנצע שאָען זיך פארגאַנגען אָן אַ שיר הינט, געקלאָגט, געקלאָגט מיט שאַרפן אויסגעצויגענעם פּיסק און זיי ארויסבאַלייט מיט שרעק פון לאַנגן יאָמערדיקן בילן.

נאַכט בא נאַכט האט באָטשקאָ זיך איינגעהערט אין אָט דעם שרעקנדיקן בילן און געוואכט אין אלע פינצטערקייטן ביז שארי־ענדיקע פאַרטאָגן; געשטאַנען איין אליין אין עק אויסגעהאקטן וועלדל באם פּלויט און זיך איינגעקוקט רעכטס צו דער וויאָר־סטנדיק־ווייטער בלינדער פינצטער, וואו דער ברייטער טראַקט לאָזט זיך אראָפּ פאר א וועלדל צו א טאָל און צו א בריקל; ער האט געוואַרט, אז רויטע רויכערדיקע פלעקן זאלן זיך פּאַמעלעך נעמען רוקן, רוקן.

און טאָמיד, ווען די פייערדיקע פלעקן האבן זיך דאָרט באַ־וויזן, האט זיין מויעך ניט געטראַכט, גאָרנישט ניט געדיינקט, און נאר דאס האַרץ איז באַ אים אַלעמאָל געוואָרן ווי פאַר־שטאָרבן און געגלוסט, געגלוסט צו א ביקס אזאַ מין לאַנגער און א שטאַרקער, וואס זאל פונדאַנען קאָנען צילן אין אָט די רויטע פלעקן און פלעטן קעפּ, שפּאַלטן דאָרט א שאַרבן נאך א שארבן.

— טריק! טריק, טריק — האט זיך זיין אויער ניט אופגעהערט צו מאָלן דאס טרוקענע קנאקן פון אָט די קוילן.

ביז איינמאָל אין א נאַכט האָט ער ווירקלעך הערן אָנגעהויבן: וויט, ווייט לעבן אָט די פלעקן טראַסקען קוילן, ס'טוט דאָרט א ציטער און בלייבט הייגען אין דער נאַכט דער רויטער רויך אַרום די פלעקן און עס פאַרהיקעט זיך עפעס דאָרט אף לאַנג, ס'הייבט אָן שיסן א טויטער קוילנוואַרפער באַ די טויטע דייטשן.

באָטשקאָ האט דעמאָלט אופגעוועקט זיקן און אַנדריוקן און דערשראָקענע פון שלאָף זיי צוגעפירט צום פלויט הערן. באָטשקאָ האט זיך אליין געריסן פאַר אַ וואָנצע; ס'האט אים אהין געצויגן, ווי מיט קייטן. באַטאָג זיינען זיי אלע דריי אַוועקגעגאַנגען קוקן צו יענעם אָרט, וואו לויטן כעשבן האט באַנאַכט באַדארפט פאָרקומען דאָס שיסן, נאר ארומגעקלעטערט לאַנג, געזוכט און אינערגעץ קיין סימאָנים ניט געפונען.

זיי האבן אָנגעהויבן ארומבלאָנדזשען אַף די שמאָלע וועגן, געבליבן אָפט דאָרט נעכטיקן אין א היפשן וואַלד, וואָס באַם טראַקט, ארומגעקראָכן אף די בייכער, זיך אויסגעבאַהאַלטן אין טיפע גראָבנס, ביז איינמאָל אין א שאריענדיקן פאַרטאָג איז זיי מיטאמאָל געוואָרן קלאָר:

ערגעץ־וואו אין טיפע זאַמדן, וואָס אונטער קליינע וועלדלעך, פאַרזעצן זיך צוליב אָט די דייטשישע רייטער־מאכנעס גאַנצע דערפער און שלאָגן זיי, שלאָגן, רייסן שטיקער, ווי פון א פייגער, נעמען אָפּ די פערד, די קוילנוואַרפער און די ביקסן.

אונטער איינעם אזא מין וועלדל איז שוין אויך זיי — באָטש־קאָן, אַנדריוקן און זיקן — איינמאָל אויסגעקומען ניט ווילנדיק זיך מעצאַרעף זיין צו אזאַ מין דאָרף און גלייך מיט אלעמען כאַפּן א כיילעק אינם רויב.

מיטן גרויען טאָגלעך איז דער געשלעג דאָרט געוועזן א גרינגער, ווי יעדער געשלעג מיט א פייגער. באַם ערשטן שאָס פון די געציילט פארזעסענע ביקסן האבן די דייטשן ארויסגע־שיקט א ווייסע פאָן, זיך דערפרעגן, וואָס וויל מען. באָטשקאָ האט דאָרט קימאט מיט אלעמען אָנגעפירט, ער האט געענטפערט:

— אַלץ וויל מען; אלצדינג וואָס מ'האָט.

דערפֿאַר האָט מען אים דערנאָך פֿאַר זיך און פֿאַר זייניקע געלאָזט אויסקלייבן די בעסטע ביקסן. ער האט לאַנג באַטראַכט יעדער ביקס באַזונדער, געגלעט אַף רעכטס און לינקס די וואָנצעס און אויסגעפּרואווט מיט זיין געניטן אויג די זיכערקייט פֿון ציל. ער האט זיך געזעגנט מיט די פרעמדע דאָרפסלייט בעשאָלעם.

איצט זיינען זיי אליין, אין דרייען, שוין אויך געווען א קלענער באַוואָפנטער טייל, געטראָגן אף זיך יעדערער צו צוויי ביקסן און צו קוילן־גאַרטלען אַף די לענדן און אין אַלאַכסן איבער די ברוסטן.

באַוואָפנטערהייט האבן זיי טאָג־טעגלעך אָנגעהויבן אַזוי אַרום שליאיען זיך אף די וועגן און געשראָקן פֿונדערווייטנס דעם עלנדיקן דורכגייער, — דעם טויטס דריי פכאָדימדיקע שליכים.

נאָר אין געגנט איז שוין דעמאָלט קימאַט יעדערער באַזונדער געוועזן פאר זיך אַ קליינער באוואָפנטער טייל און געשראָקן, ווי דעם טויטס א שאָליעך.

מילכאָמעס האָבן זיך געבאָמבלט אַלע נעכט אין כאָלעם — מילכאָמעס אָן א ברעג און אָן אַ צאָל; זיי האָבן געקאָנט אויסברעכן אין יעדער רעגע אזויפיל, וויפל אין לאַנד זיינען פֿאַראַן מענטשן.

נאָר דערווייל האָבן יעדערן און אַלץ פארשלונגען אין זיך די ברודיקע טעג פון יאָר, געמערט די בלאָטעס אַף די וועגן, צעשטערט די בריקן.

סאָף־טישרעדיקע רעגנס האָבן געמאַבלט סיי באַטאָג, סיי באַנאַכט, געפּאַטשט אין אַלאַכסנדיקן שטורעם מיט צעווילדעוועטע ווינטן און געשניטן, ווי מיט קאַרבנדיקע בייטשן, דאָס ווייכע לייב פון לאַנד. זיי האָבן פאַרפינצטערט די וועלט, אָט די רעגנס, און באהאַלטן דעם פֿויער אין פֿאַרוויינטער כאַטע, וואָס אונטערן דאָרפיש קאָשערן און זאָטן דאַך...

אין אנדריוקס קליינעם ערד־שטיבל האָבן זיך צעטיילט די ווילנס: זיק האט געפֿאָדערט, מע זאָל אלע דריי זיך אוועקלאָזן אַף צאָפן: וואָס זיצט מען דאָ? אַהין, צו אונזעריקע, צו די „גרויסע” דאַרף מען גיין. אַנדריוק האט געליגנערט מיט אלע קנייטשן אפן פּאָנים.

— וואַרטן אף פּעטרונען, — האָט ער געזאָגט, — געהייסן, הייסט עס — האָרכן דאַרף מען, פאָלגן.

און באָטשקאָ איז געוועז בייז, ווי האַלב שטום, געזאָגט, אז ער האָט אַלעמען אין דער ערד. ער נעמט מיט זיך זיינע צוויי ביקסן און גייט אוועק איינער אליין אַף צוריק — צו פראָסיען גייט ער.

זיק איז געוועזן אַף אים ברויגעז, זיך געזידלט, געקוקט אַף אים בייז מיט די אויגן און ניט געוואָלט מיט אים ריידן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט איינער אַליין אינדרויסן און געקוקט, ווי ס׳ציבערט, ס׳גייען אָן אופהער די שטאַרקע וואָכן־לאַנגע רעגנס. נאָר איינמאָל אין א נאַס - גרויען זונטעגדיקן גאַנצפרי, ווען באָטשקאָ, וואָס האָט נאָך פאַרטאָג צונויפגעלייגט זיין פּעקל, האָט אנידערגעשטעלט לעבן זיך ביידע ביקסן און האט פון א פּאָר שמאַטקעס גענומען אָפּרייסן פּעסטע אָניטשקעס און וויקלען מיט זיי די פיס, שטופּן זיי אף לאַנגן וועג אין איינגן שטיוול, — האָט אים, זיקן, אַפּאָנים מאָדנע פאַרקלעמט באַם האַרצן — פאָרט געבידעוועט אַ צייט אינייינעם.

— הער, באָטשקאָ, — האָט ער געזאָגט, — וואַרט, איך גיי שוין אויך עפּשער מיט דיר אינייינעם.

באָטשקאָ האט ניט געענטפערט, אַלץ געוועזן פאַרטון מיט די נייע אָניטשקעס, וואָס קריכן ניט אין איינגן שטיוול.

שטומערהייט זיינען זיי אַזוי אין צווייען באַוואָפנט, מיט די פעקלעך אף די פּלייצעס, פון שטיבל אַרויס. נאָר אַז זיי זיינען אָפּגעגאנגען אביסל, האבן זיי דערהערט אונטער זיך אַנדריוקס קוילעס. איבערן פארשטארקטן רעגן האט מען ניט געוואוסט, וואָס ער וויל. זיי האָבן זיך אומגעקוקט אף צוריק און דערזעען: אַנדריוק איז שוין אויך באַלאָדן מיטן פּעקל אף די פּלייצעס און מיט ביידע ביקסן; ער פארשליסט אף גיך די טיר פון קליינעם ערד־שטיבל און לאָזט זיך נאָך זיי לויפן.

---

.IV

# אַלעקסאַנדראָווקע.

אַלעקסאנדראָווקע — אַ קליין שטעטעלע, וואָס קאבצנט זקייניש אונטער מאַריופּאָלער זאַמדיקן באַרג; אַ פּאָר הונדערט אַלטע טשערעפּענע דעכער, וואָס לויערן שוועד אינמיטן פּעלד, אָן אַ טייך אַפּילע. און פונוויטנס דאכט זיך: זיי מאַלעגיירען מיט מאָרעשכוירע, ווי אָן ציין; זיי געדיינקען:

— געוועזן אַמאָל גאָנטע... געוועזן אַמאָל אַ מאַבל... און הייליקע אָוועס אויך — הייליקע אָוועס פונם כומעש...

פון אלעקסאַנדראָווקע שטאַמט לייזערקע — דעם געשטאָרבענעם רויפעס טאכשיט — אַ פּעסטער, אַ ברוינער, אַ שלאָסער אונטער ניקאָלאַיעוו אַף אַ זאַוואָד. און מיידלעך זאָגן: „אַ פריילעכער... אוי, אַ שיינער!" אין אַלעקסאַנדראָווקע ווייסט מען: ער איז שוין איינמאָל „געזעסן", לייזערקע, זיך אַוועקגעשאָקלט ווייט, אַזש קיין סיביר. ניינצן יאָר איז ער אלט געוועזן. אַף דער מילכאָמע האָט אים אָן אלעקסאַנדראָווקער דערקאָנט באַ זיך אין דער ראָטע, ווייט—אַזש אונטערן פראָנט. אין אלעקסאַנדראָווקע האָט מען פאַרשטאַנען: נו, יאָ, אויב „אונטער אַ פרעמדן נאָמען", איז מיסטאַמע האָבן אים „זייניקע" געהייסן זיין צווישן סאָלדאַטן — ברענט ער אייך אַף פייער, לייזערקע.

ווען ניט דאָס, וואָס ער האָט שפּעטער אין דער מילכאָמע באַ דריי כאַדאָשים זיך געכאוועט מיט שקאָצים פון גרויסן דאָרף אַרום באָבראָווער צוקער־פאַבריק און זיך נאָכדעם אויסבאהאלטן אַף אלעקסאַנדראָווקער בוידעמער, וואָלט דאָ קיינער ניט געוועזן געהאַט די האָזע און באַ אים פרעגן:

— איך בעט דיך, לייזערקע, זיי קאָסטן דיר טייער? — כ׳מיין די פּאָר גאָלדענע צײַנדלעך, וואָס דו האָסט פונפאָרנט...

און ווען ניט דאָס, וואָס ער איז אין קערענסקיס צײַטן געווען צווישן די אַרבעטער־דעפּוטאַטן אין דומע, וואָלט קיין קאַשע ניט געווען, פאַרוואָס ער איז נאָכדעם מיט די „גרויסע״ געפלויגן אי־בער קיעוו אַף אַן אַעראָפּלאַן. איצט איז ער ווידער שוין אַ היפּשע צײַט געלעגן אויסבאַהאַלטן אַף אַלעקסאַנדראָווקער בוידעמער און קיינער האָט ניט געוואוסט, וואוהין איז ער פון דאָרט פאַר־שוואונדן — איבער אַ פלעקל פון אַן אַקס איז אַ מאָל כאָרעוו גע־וואָרן בעטער, איבער לייזערקען האָט געזאָלט אומקומען אלעק־סאַנדראָווקע.

---

אין אלעקסאַנדראָווקע זײַנען דעמאָלט באַנאַכט אָנגעלאָפן פון גרויסן טראַקט אַ שטיק זעקס פּעטליורעס רייטער, געזוכט לייזער־קען בײַ זײַן שוועסטער אינדערהיים, אים ניט געפונען און בײַ־פאַלן סויבל דער נייטאָרנס שטוב אפן נייעם פּלאַץ. זיי האָבן דאָרט ווילד געשיקערט אַ גאַנצע נאַכט, דורכגעשאָסן אַ מאָל דריי דעם באלקן, צילנדיק אין גרויסן בליך־לאָמפּ, און האָבן געקייכט, געקייכט פון געלעכטער, געכויזיקט פון די „גרויסע״, וואָס אין גרויסן וואלד, און פון די פויערן, וואָס בונטעווען אַרום באָבראָ־ווער צוקער־פאַבריק; זיי האָבן צוגעזאָגט אינגיכן זיך אומקערן צוריק און אויסקוילען דאָ די גאַנצע שטאָט.

גאַנצפרי האָבן וועגן דעם געקלאַפּט אַלעקסאַנדראָווקער אומ־געשוווינקטע מיילער:

— בײַ סויבל דער נייטאָרן האָט מען מעאַנעס געווען זילפּען, איר שטיפמיידל, וואָס מיטן גרויסן מויל.

— זילפּען ?.. מיט די געדראָלענע ליפּן ?

און געדיינקט האָט זיך מער ווי אלץ די נאַכט אליין, די פאַרגאַנגענע — אַ לאַנגע נאַכט, אַ בייזע, אַן אייביקע. אויסגעבײַ־לעטע אויגן האָבן געקוקט טעמפּ אַף יעריקן פרימאָרגן, געזעען, ווי אַ העלער פלעק טליעט אונטער רעטשענע־שוואַרצן הימל — אַ געלבלעכער פלעק ווי פאַרזשאַווערט אייזן, — דאָס האָט אַלץ געברענט אַ פאַרגעסענער לאָמפּ בײַ דער נייטאָרן אין שטוב,

געבּרענט אַפן טאָג, ווי צו אַ יאָרצייט... אין קאַלטבּלוטיקן כאַ־לאָשעס האָט דאָרט דער נאַסער דאַך געטריפט מיט אומגליק אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן, געמאָנט ראַכמאָנעס באַ דער וועלט... נו... האָט אָנגעזעצט — אַ שטומע וועלט, אַ קאַלטע, אַ כאַכאָמע! אַ פּוסטע געגנט אומעטום; אַ פאַרזעצונג פון כורבן איז דער גרוי־סער טראַקט, און ווייטער פון דעם טראַקט — פעטליוּרעס טיילן, וואָס שניידן אידן; כאַרעוודיקע שטעט.

איז וואָס, אז אף אַ דינעם, דינעם פאָדים פון זיקאָרן איז היינגען געבּליבּן אַ גרויס מיידלש מויל — אַ טיף־פאַרשניטנס ווי באַ אַ כאַזער? איז וואָס, אַז אַ פּאָר גראָבּע געדראָלענע ליפּן זיינען געבּליבּן באַליידיקט־פאַרקרומט, אף אייבּיק פאַרקרומט?

אין אַלעקסאַנדראָווקע האָט מען דעמאָלט סייוויסיי אין דער ריכטיקער צייט געהייצט אף מיטאָג, נאָר דער רויך פון די קוי־מענס איז דאָך געגאַנגען ניט גאָר זיכער, אַ ביסעלע שלאַבּערי־קער, ווי אַלע טאָג. די נייטאָרן אליין האָט ווי טאָמיד זיך פאַרהי־קעט פאַמעלעך, זייער פאַמעלעך, ווי מוירע האָבּנדיק, מע זאָל זיך איר ניט נאָכקרימען: זי האָט זיך געשוואוירן, אַז צוגענומען האָט מען באַ איר ניט מער, ווי דעם מעשענעם סאַמאָוואַר, אַביסל געלט און אַ פייסעכדיק קריגל מיט איינגעמאַכץ, — זי האָט זיך געשוואוירן, ווי מיט מוירע, אַז זי וועט אָנווערן אין שטאָט איר בטוכעס. נאָר וואָס־זשע דען? —

— וואו איז אייער „גרויסער״? — האָבּן זיי אַלץ געשריגן — איר באַהאַלט אים אויס, מיר וויסן: ער בּונטעוועט אקעגן אונז אלע דערפער אַרום באַבּראָוויץ.

— אָט האָסטו דיר... לייזערקע!

— מע האָט דען פריער ניט געוואוסט?

— ער איז אַ „גרויסער״, אַ „גרויסער״.

— אונזער היגער „גרויסער״ וועט אומברייינגען די וועלט.

אין קאַלטבּלוטיקן כאַלאָשעס האָבּן נאַסע דעכער געטריפט מיט אומגליק אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן, און קרומע פענצטער האָבּן געקוקט אַראָפּ אַ באַרג צו אַן אוילעם טאַטעס, וואָס היצט זיך שטאַרק איינמיטן מאַרק און הילכט, שליידערט קוילן קלאָלעס אין דער לופט:

— אין זיין טאַטנס טאַטן!

דאָס האָט אַלץ געבּרענט דער צאָרן אױף לײזערקען — דעם געשטאָרבענעם רױפעס טאַכשיט, און אױף עליק דעם שױ־כעטס אױך:

— אַ סאָציליסט!

— ער האָט געװאוסט, געװאוסט, װאָס טוט לײזערקע אין באָבּראָװיץ.

— ער האָט געמאַכט אַ שװײג.

לײזערקע האָט איצט די קלאָלעס ניט געקענט דערהערן. נאָר לײזערקע האָט געהאַט עלטערן דאָ אױפן בײסױלעם, און אלעק־סאַנדראָװקע האָט געװאָלט: די ערד זאָל דאָרט זײַן טױטן טאַטן אַרױסװארפן און דעם בען זײַנעם אײנשלינגען.

---

איז דער רױך פון אלעקסאַנדראָװקער קױמענס פון דעמאָלט אָן געגאַנגען ניט גאָר זיכער, אַ ביסעלע שלאַבעריקער, װי אלע־מאָל, און קרומע פענצטער האָבּן געקוקט אַראָפּ אַ באַרג צו פּוסטע מענטשן־רעדלעך—באַשטענדיקע, טאָגנעסדיקע רעדלעך, װאָס פּלאָנטערן זיך אין פארקאַבצנטע געסלעך דער אָנגעזעצטער גע־גענט צװישן די פּיס און שמועסן אלץ מיקױיעך זײער אײגענעם אַלעקסאַנדראָװקער שטיקל לעבן:

— אַ סאקאָנע... אַ סאַקאָנע...

— באָבּראָװיץ בונטעװעט — דאָס גאַנצע דאָרף באָבּראָװיץ.

— באָבּראָװיץ װיל צושטײן צו די „גרױסע".

— מע װיל אופרײסן אַרום זיך די בריקן.

— איז זאָל מען שיסן אױף באָבּראָװיץ — נו, זאָל מען שיסן...

פון דעמאָלט אָן האָט אלעקסאַנדראָװקע מער קײן לאָמפּן אױף באַנאַכט ניט אָנגעצונדן, און פױערן פון ארומיקער געגנט האָבּן געלאַכט, געלאַכט, נאָר סאָפּקאָלסאָף געקראָגן פורכט זיך דערנענ־טערן אהין שוין טכילעס אָװנט און זיך אײנגעהערט פון גרױסן טראַקט, װי פּכאַדימדיקער גרויל דרינגט אריין מיט קרעציקע קױ־לעס אין די נאַכט־קױלעס, װי פון א גאַנץ שטעטל א מעצוירע,— און נאָגן, נאָגן, זוכן עמעצן אין הימלס קאַלטן פוסטן בוזים און געפונען ניט — אַ פוסטער בוידעם איבער זיי דער הימל, און װאָס שװאַרצער די נאַכט, אלץ פּכאָדימדיקער די קױלעס — אלעק־

סאנדראָווקע ראנגלט זיך מיט דער פינצטער און שטויסט אָפּ פון זיך אלעמאָל א נייעם אָנפאל מיצאַד יענע, וואָס גראָבן טראַנ־שייען אַרום גרויסן טראַקט. אלעקסאַנדראָווקע זאָגט זיך אָפּ פון לייזערקען און גיט צו וויסן מיט קוילע־קוילעס דער וועלט, אז לייזערקע איז מער ניט אירער.

אַלעקסאַנדראָווקע האָט אופגעהערט צו שלאָפן באנאכט.

אין שטאָק פינצטער, צווישן ליימיק־אויסגעקרומטע הייזער, צווישן שווערע טשערעפּענע דעכער, וואָס קוקן אוראלט־בלינד, פארקאַבצנט־אומגליקלעך, פארשלעפּט אהער ווי פון א ווייטער פרעמדער היים; צווישן שטומע געסלעך, וואָס ארום יאטקעס און ארום דער שול, האָט אף גריבלדיקער ערד נאכט־בא־נאכט גע־מאכט האקאָפּעס א הינקענדיקע לעוואיע, צי אזא מין וואך — אן איימעדיקער נאַכט־מיניען, פארגארטלט, ווי צום דאוונען, באלאָדן מיט פּכאָדימדיקע דריינגלעך, מיט ריבליקעס פון גרעט און מיט אָפּגעברענטע אויוון־שטעקנס.

עמעצנס אַ שטאַרק איינגעהויקערטע קיילעכדיקע פּלייצע האָט דאָרט אלץ אָנגעיאָגט, געשוועבט, געשוועבט. און אָנגעפּירט האָבן דאָרט מיט דער וואך כאימל באשעוועס, כאימל פון איינפאָר־הויז — א קלעצלדיק אידל, — א געוועזענער כאָשעוו בא א געהאר־געטן פּאָרעץ, און קיווע פון דעם דראטש, — קיווע, וואָס שמעקט מיט געלעגערטער פּראָסע־שאָלעכץ, ווי זיינע אַלטע בלינדע פערד, און די לעפּצן זיינען בא אים גראָבע, געדראָלענע און אביסל פאר־קרומט, ווי בא זיין יונגערער שוועסטער, דער פארגוואלדעווע־טער זילפּען; און דעם לינקן קרומען פוס זיינעם, ווייסן אלע, האָט ער אליין זיך אויסגעדרייט נאָך אמאָל, איידער ער האָט באדארפט שטיין צום פּריזעוו, אריינגעשטעקט בעקיוון די פוס צווישן די רעדער פון זיין דראטש, געגעבן סאכאקל איין מאָל א געשריי און אים ארויסגעשלעפּט א שטארק צעבויגענעם, אן אייביק טענצלדיקן.

קיווע האָט אכזאָריעסדיק געקלאפּט אין יעדן פּארקן, געטא־ראכקעט אין אן אלטן מעשענעם טעצל, אין א גרויסער בלע־כענער פּושקע, א פארזשאווערט איינגעבויגענער, אָן א דעק; ער האָט ניט געקאָנט איבערטראָגן, אלעמאי שלאָפט עליק, דער סאָ־ציאליסטל, און גייט ניט ארום מיט דער וואך; ער האָט שטארק

געקלאפט ארום הויז, וואו עליק געפינט זיך. און אז עמעצער האָט דאָרט אין הויז דאָך איינגעדרימלט, און אז עמעצער האָט זיך דאָרט אינמיטן נאכט פון שלאָף דורכגעוואָרפן, האָט זיך אים געדאכט, אז די קלעפ הערן זיך פון יאָרן, פון יאָרן; ציען, ציען זיך פון פאר וועלט און לעבן, און קיווע דער קרומער איז אומענדלעך — קיווע איז אייביק ווילד איינגעגעסן, פאראקשנט און פארביטערט ווייטיקט ער אויס איצט אינמיטן נאכט זיין אוראלטע מוירע פאר אלערליי קלייזאיען און פאר ביקסן, ער סטראשעט די באוואָפנטע וועלט מיט מוירע און שטעלט איר ארויס אקעגן זיין קרומע, אייביק־טענצלדיקע פוס...

אין יענע טונקעלע טעג האָט אַלעקסאַנדראָווקע דערפילט, אַז די אומקומעניש אין אַרומיקער געגנט איז אַ לעבעדיקע און קריכן קריכט זי אַהער אפן בויך.

מע האָט אַלץ געדיינקט.

— די „גרויסע” טרייבן דאָרט פעטליורען.

— פעטליורע לויפט.

אין יענע טעג האָט באַטשקאָ מיט אַ גרופע אופגעשטאַנענע צום ערשטן מאָל ארויסגעשאָטן פון אונטער גרויסן וואַלד, גע־שווינד א קנאַק געטון פון קוילנוואַרפער און פון ביקסן און צע־האַרגעט פעטליורעס אַ קליינעם טייל, וואָס גראָבט טראַנשייען ארום גרויסן טראַקט.

פעטליורעס טייל האָט זיך אָפּגערוקט פון טראַקט, גענומען קריכן איַיליק ארוף אַ באַרג צום גרויסן באַרגיקן דאָרף, נאָר פלוצים איינגעקנייטשט דעם פאָרנטיקן פליגל און זיך אָפּגערוקט צוריק מיט אַ ציטעריקן וואַקל: דאָס דאָרף אַקעגן האָט באַגעגנט מיט צעשאָטענע אַזעסדיקע רויכלעך און אָפּגעוואָרפן די קריכנ־דיקע אָן אַ זייט — דאָס דאָרף האָט געהייסן באָבראָוויץ.

באַטשקאָ האָט ניט געוואוסט, ווער איז זיין העלפער אין גרויסן דאָרף אַפן באַרג. ער האָט אָנגעהויבן ארויסקריכן אַלע־מאָל פון אונטער אַן אַנדער עק וואלד, געטריבן די פעטליורישע טיילן צום גרויסן דאָרף און געקוקט, געקוקט, ווי דאָס דאָרף שטויסט זיי אָפּ אין אַ זייט. פאַרנאַכטלעך וואַרפן זיי אוועק אָן אַ שיר געווער, נאָר נאָכדעם שיסן זיי אַ גאַנצע נאַכט און לאָזן ניט, מע זאָל זייער געווער אופקלייבן.

איז די געגנט אַרום אַלעקסאַנדראָווקע אין יענער נאַכט גע־שלאָפן גרינג, ווי אַ כוילע. שיטערע לופט האָט אַלע ווײַלע איינגעדרימלט און אַלע ווײַלע זיך אופגעכאַפּט מיט נײַע שיסנדי־קע שטראָמען, וואָס טראַסקען מיט באַנאַכטיקן פּלוידער, ווי אין טעמפּע רוישיקע ספּאַזמען. שיסנדיקע שטראָמען האָבן געוועקט פייגלען אין די נעסטן אין די אַרומיקע קליינע וועלדלעך, געטריבן זייערע צעשאָטענע מאַכנעס גאָר נידעריק איבער דעם שטעטלס דעכער און זיי געיאָגט ווײַט אין פינצטערן לאַנד אַרײַן.

אין אַ בלאַסן פייכטלעכן פאַרטאָג איז איינמאָל די לופט אי־בער אַלעקסאַנדראָווקע פול געווען מיט לײַכטן צאַפּלדיקן שוידער פון אָט די פאַרשלאָפענע פייגלשע געשרייען, און נאָכדעם איז מיטאַמאָל געוואָרן שטיל און פכאָדימדיק, גלייך דער געגנט האָט פּלוצים אופגעהערט צו ווײַ־טון אַ צאָן און זי רוט אָפּ, די געגנט, זי שלאָפט אײַן אַפן טאָג.

בײַ עליק דעם שויכעטס, דעם סאָציאַליסטל, האָט מען זיך דערפרעגט, וואָס זאָל דאָס באַטײַטן. בײַ עליקן, דעם דארן באָ־כערל, האָבן פונקט אין יענע טעג ווײַ־געטון די אויגן, זיי זיינען אים געווען שטאַרק רויט און אָנגעגאָסן, ווי מיט בלוט. ער האָט אויסגעזעען באַליידיקט:

— פאַרוואָס פרעגט מען עפּעס פּונקט בײַ מיר? פאַרוואָס מיינט מען עפּעס, אַז איך מוז אַלץ וויסן?

---

אין יענע טעג איז באָטשקאָ מיט אַ קליינער גרופּע אונטער־געגאַנגען גאָר נאָענט צו אַלעקסאַנדראָווקע.

אין מעשעך פון צוויי נעכט האָט ער געפּרואווט אַהין אונ־טערגיין, אוועקגעשטעלט קוילנוואַרפערס אין ביידע עקן שטאָט און אַ שאָס געגעבן אין דער לופט — קורץ, אַזוי זיך, גלייך ער פּרואווט נאָר אויס די קיילים. אף געלעגערט קוילנוואַרפעריש לאָשן האָט עס געהייסן:

— נישטאָ קיינער בײַ אייך אין שטאָט? אַוועק פעטליורע?... מע קאָן אַרײַנגיין?

און געענטפערט האָט אים ביידע מאָל אינמיטן נאַכט קיווע דער קרומער מיט זיין וואך — דער ענטפער איז באַשטאַנען פון

אַסאַך, אַסאַך אַכזאָריעסדיקע קלעפּ אין מעשענעם טעצל און אין דער צעבויגענער בלעכענער פּושקע. אַף יעדער שאָס דאָ אונטערן באַרג האָט אַ שטאַרקער טומל אָפּגעענטפערט נידעריק פון שטעטל: אַ פאַראַקשנט טאַראַכקען אין די פּאַרקנס איז דאָרט אַלע ווילע ווי פאַרשטאָרבן און אלע ווילע זיך אופגעכאַפּט מיט מער קראַפּט.

באָטשקאָ האָט זיך איינגעהערט, איינגעהערט און ניט גע־וואוסט, וואָס די בייזע קלעפּ דאָרט אין שטעטל קאָנען באַטייטן. סאָפּקאָלסאָף האָט ער אהין אונטערגעשיקט זיינס אַ רירעוודיק רייטער־פּאָרל.

אין דער נאַכט פון דאָנערשטיק אַף פרייטיק איז דאָס געווען.

אין דער נאַכט פון דאָנערשטיק אַף פרייטיק מיטן טאָגלעך, ווען גאַנץ אַלעקסאַנדראָווקע איז נאָך געשלאָפן, איז כאַימל באַ־שעוועס — אַ קלעצלדיק־קליינער מיט אַ געלבלעך־געשוירן בערדל — ארויסגעגאַנגען פון זיין איינפאָרהויז, וואָס אין עק גאַס. ער האָט אַ שמעק געגעבן די לופט, אַ טראַכט געטון, אַז עס נעמט אַ פרעסטל און אַז מיטן פרעסטל וועט שוין עפּשער גאָט העלפן — עס וועט ווערן שטיל; ער האט אַ הוסט געטון ברייטלעך מיט לעכעץ, ווי כאַימל באַשעוועס קאָן, זיך שטייפער איינגעהילט אין זיין ברייטן ראָק און האָט פּלוצים דערהערט:

אין דער נאָענטער פּראָסטיקער לופט אין עק שטעטל שעלט זיך עמעצער מאָדנע ברייט, מיט אַסאַך פּאַרדרייט־שטאָלענע רוסישע קלאָלעס; הילכיק שעלט ער דאָרט און שטעכיק־בייז, ווי גלייך מע שמייסט איבער אַ נאַקעט לייב מיט אַן אַראַפּניק. כאַימל באשעוועס איז ארונטערגעגאַנגען אונטער זיין לאַנגן איינ־פאָרהויז און האָט דערזעען אַ פרעמדן רייטער אין אַ לעדערנעם לייבל און אין לעדערנע הויזן — אַ בלאָנדער מיט אַן אזעסדיק ארויסגערוקטער פּייע. ער איז באוואָפנט מיט אַ קליין אונטערגע־זעגן ביקסל, מיט אַ גרויסער ביקס, מיט אַ שווערד און מיט צוויי גראַנאַטן באַם קוילן־גאַרטל. ער זיצט מאָדנע גרינג אַף זיין גרויסן גרויען פערד, וואָס האָט אַ ניכטערן אונטערגעצויגענעם בויך, און שעלטן שעלט ער טעקלי דער ווּעשערנס מאַן, וואָס שטייט לעבן אים מיט אַ האַק פאַרשטעקט אין גאַרטל און מיט אַ גנייוויש בינטל האָלץ אַף די פּלייצעס:

— רעד! ווערטער רעד! אין דיין מאַמען אריין...

און קאָשע איז:

ער זידלט ניט פאַרן גנייווישן בינטל האָלץ, נאָר פאַרן אוקראַינישן לאָשן, וואָס ער, דער רייטער, פאַרשטייט ניט.

כאַימל באשעוועס איז אריין אין שטוב און האט גענומען קוקן אין פענצטער:

דער רייטער יאָגט איבער דעם שטעטל, און ניט אליין איז ער — אין איין שורע מיט אים יאָגט אַ צווייטער, אַ קליי־ענדיק־רויטער אין אַ האַרטן געלעכערטן קאַפעליושל מיט אַ שאַרפעלע אפן האַלז. זיי בלייבן עטלעכע מאָל שטיין, קוקן אריין אין די זייט־געסלעך און יאָגן אוועק געשווינד אף צוריק אַרויס דער שטאָט.

זיי זעען אויס, ווי רייטער, וואָס האָבן נאָך קיינמאָל ניט גע־פּרוואווט פאָרן פאַמעלעך, און אז זיי שאָקלען פונוויטנס צו עמעצן מיט די הענט, דאכט זיך אלץ אויס: זיי זאָגן אָן אַ בסורע.

אין יענעם פרימאָרגן איז באָטשקאָ מיט זיין גרופּע אריין קיין אלעקסאַנדראָווקע.

איז עס געווען אין אַ געוויינלעכן טונקלען און פּראָסטיק־קילן פרייטיק. און ערעוו־שאבעס איז דאן יאָ געווען און ניט געווען — ערעוו־שאבעס האָט געקוויינקלט, און די צייט האָט זיך געצויגן קריינקלעך לאַנג, ווי אין היץ.

שלעכטע הייצונג האָט געטליעט אין די אויוונס אָף טשאָלנט; קוימענס פון שטיבער האָבן געדרויכערט פאַמעלעך, מאָדנע שלא־בעריק, ווי ניט זיכער, פּעטע ברענענדיקע שמאַטע האט געטשא־דעט, געטשאַדעט און פארסאמט די לופט.

און ליכט האָט מען דאָך פאַרנאַכטלעך, ווי אין פארשפּעטי־קונג, אָנגעצונדן.

פון אונטער אלטע טשערעפּענע דעכער האָבן פרי־באַלויכטענע אויסגעקרומטע פענצטער געקוקט מיט שאַבעסדיקן פלעמל צום אוילעם, וואָס קלייבט זיך לעבן כאַימל באשעוועס איינפאָרהויז. מע האָט געקוקט אף די צוויי האַרמאַטן, וואס מע האט אהין געבראכט צו שלעפּן פון ערגעץ אַ זומפּיק אָרט. מע האָט געקוקט אַף דעם ארויסגעהאַנגענעם ברעטל מיט די רויטע קרומע אויסיעס „שטאַב" און אפן בלאָנדן מיט דער קאָזאַקן־פּייע, וואס שפּרינגט דאָרט אלע ווײלע ארוף אַף זיין הויכן פאַרמאַטערטן פערד,

באהאלט עפּעס אַ בריוועלע אין היטל און יאָגט און יאָגט ארויס דער שטאָט; מע האָט געשמועסט:
— עס דאַרפן קומען נאָך — פּאָוסטאַנצעס.
— אַסאַך, אַסאַך דארפן באלד קומען.
— מער פון אַ פּאָלק.
— קיטאַיצעס אויך — איינער פון זיי האט געזאָגט.
— און לייזערקע דעם רויפּעס איז דאָ — ער איז דאָ.
— כ'האָב אים אליין געזעען.
— ער איז דאָ, אָט גייט ער, לייזערקע.

---

איז אָט וואָס:

איז לייזערקע דעם רויפּעס גאָרניט אוועק שטאַרק ווייט פון אלעקסאַנדראָווקע... ער איז געלעגן אויסבאַהאַלטן בא זיינע באַקאַנטע שקאָצים אין באָבראָוויץ און האט דאָרט אונטערגעהיצט די גאָים.

עפּשער האט ער דאס אָנגעזאָגט אין וואלד דער גרופּע „גרויסע״, אַז זיי מעגן קומען, צי עפּשער האט ער איינעם מיט זיינע באָבראָוויצער שקאָצים באגעגנט מיט צעשאָטענע פייערלעך יענע צעשאָטענע פּעטליורישע טיילן, וואס לויפן פונם טראקט, צי עפּשער איז ער פאַרט געלעגן באהאלטן אַף אַ בוידעם, עלעהיי אַ טורמע — שטאָל און אייזן, לייזערקע!

— זע, זע! ער טראָגט שוין אַ גראָע שינעל — אַ לאַנגע ביז די פּיאַטעס, און אַ פּיסטויל באַם גאַרטל — וואו האט ער אזוי גיך גענומען?

איצטיקס מאָל האט ער קיין צייט ניט מיט עמעצן זיך אָפּצושטעלן — אַ גלייכמעסיקע שנעלקייט אין זיינע טריט און ערנסטע באַרירעוודיקייט פון אַ באשעפטיקטן, וואָס זעט ניט קיינעם כוץ יענעם, צו וועמען ער שפּאַנט.

מע קוקט אים נאָך:
— ער העלפט די „גרויסע״.
— ער ברייגגט נייע מענטשן.
— ער העלפט זיי אוועקשטעלן צו צוויי, צו דריי אַף אַ קוואַרטיר.

איניינעם מיט באַטשקאָן איז ערגעץ אַף גיך געגאַנגען. זיך אומגעקערט און ווידער געגאַנגען, און ביידע — אין לאַנגע גרויע שינעלן. דענסטמאָל האט מען זיך אַ רעגע געפּלאָנטערט:

— ווער איז איצט דער עמעסער עלטסטער — ער צי באָטשקאָ.

אינמיטן גאַס האָט ער פּלוצים צו איינעם אָנגעהויבן רעדן מיט היציקן פייער, ווי אַן אַרטיסט — ער האט זיך אליין געהייסן ווערן אין קאַס, שטאַרק אין קאַס — אַ שפּאָגל־נייער לייזערקע:

— אַ קאָמענדאַנט — אַ קאָמענדאַנט.

און באַ כאַים באשעוועס האט מען אונטערגעקוקט דורך אַ צעלעכערטער טיר, ווי אזוי לייזערקע איז דאָרט צום ערשטן מאָל אריינגעקומען צו באָטשקאָן אין צימער.

— איך קום פון באָבראָוויץ, — האט ער געזאָגט — פון די אופ־געשטאַנענע אין גרויסן דאָרף באָבראָוויץ. און ער איז נאָכדעם באלד אוועק נאָך מיט איינעם, רייטנדיק אַף פערד.

איצט באַ ליכט אָנצינדן האט דער אוילעם צוגעקוקט, ווי ער איז רייטנדיק געקומען צוריק צום איינפאָר־הויז און ווי אנדריוק, וואס היט דארט מיט דער ביקס דעם טויער, קאָן אים שוין און לאָזט אים פריי אריין.

הייסט עס, אַז עס האט קיין שום פּועל ניט געהאַט דאָס, וואָס באלעבאטים האָבן געשיקט רופן לייזערקעס שוועסטער צום ראָוו און איר אָנגעזאָגט זאָהיר־וועזאָהיר, אז לייזערקע זאל זיך ניט מישן—איבער לייזערקען וועט נאָכדעם אומקומען די גאנצע שטאָט.

באַלעבאטים זיינען נאָכדעם אליין געגאנגען צו לייזערקען נאָך טויוועס, כאַימל באשעוועס האט אים אליין לאנג געטשאטע־וועט אין לאַנגן הויז פון זיין איינפאָר און איז דארט אלע ווײלע צו אים צוגעשטאַנען אָן אַ היטל, ווי צו אַ פּאָרעץ, מיט אַ ווײ־נענדיק פּאָנים, און האט אלץ געבראָכן פיסקעס, ווי גלייך בא אים אין שטוב ליגט אַ מעס:

— לייזערקע, — האט ער ווי געציטערט, — נעם זיי פון מיר צו, לייזערקע. איך בעט דיך — זיי עסן מיך אוף, לייזערקע... ווארט אַ ווײלינקע... איין וואָרט, טו מיר אַ טויווע, לייזערקע!

נאָר לייזערקע האט סאכאקל נאָר איין רעגע אַף כאימל בא־שעוועס אַ קוק געטון — אביסל צעטראָגן האט ער אַף אים אַ קוק געטון, נאָר רואיק, רואיק:

— כאימל באשעוועס, — האט ער צו אים געזאָגט... תּאָב איך אייך פיינט!

# איינעמס א וועג

I

אינמיטן דאָרף, אַפן שטיבל פון „שטאַב", האָט פון גאַנצפרי אָן געפלאַטערט אַ שטיק רויטער שטאָף. דער שטאָף האָט ווי א פרישער קימפעט־פאָרהאַנג געהאט פיל פרייד אין זיינע קנאַקנדיקע כוואַליעכלעך און אין אַלע אומרואיקע קנייטשן, וואס אין זיינע פּאָכנדיקע עקן. לעבן שטאַב איז געהאַנגען אַ שילד:

— „דער פערטער פּאָלק פון די אופגעשטאנענע".

און ווייל דער פּאָלק איז אָנגעקומען אין דאָרף אריין באַנאַכט, ווייל אַף מאָרגן זיינען פריַיוויליק צו אים צוגעשטאַנען פיל אָרטיקע און פרעמדע שקאָצים, איז קיינעם דאָ ניט איינגעפאַלן זיך נאָכצופרעגן אף די ערשטע דריי פּאָלקן, צי זיינען זיי ניט קיין אויסגעטראַכטע, צי געפינען זיי זיך נאָענט פונדאַנען, אָדער וייט. דאס וואָרט „פערטער" איז געוועזן אָנגעשריבן מיט גאַנץ גרויסע אויסיעס. עס האָט געוועקט דערעכערעך, עס האָט געשראָקן.

פון טייך האט געבלאָזן אַ ווינטל גלייך אַפן שטיבל פון „שטאַב", און ניט אַזוי אַפן שטיבל, ווי אַפן רויטן שטיק שטאָף, וואָס פלאַטערט פריי און זיכער אַפן דאַך. נאָר באַטאָג איז דאס מויל באַם ווינטל געוואָרן פייכט און פול מיט צעפוילטן אָסיען און מיט אַ רייעך פון צווינטער. ווידער איז געוואָרן קויטיק, טונקל און נאַס אינדרויסן. פון מיטן דאָרף גוואַדזשען שטיוול צום „שטאַב", און נאָך מער שטיוול גוואדזשען אינם זייטיקן געסל, וואָס באַרג־אַראָפּ צום טייך־צו. קערפּער זיינען דאָרט אַראָפּגעזעצט צו דער ערד, פּלייצעס — אָנגעבויגן אַרום געניטע פאַרקאשערטע הענט, פינגער אָנגעשמירט מיט פעטס שייערן מיטגעבראַכטע האַרמאַטן, גרייטנדיק זיי צו א נייעם שלאַכט. און אַקעגן,

אין אַ בלאָטיקן הויף, וואָס אַרום אַ פּאָר פּאַרקאַזאַרמעוועטע שטיבלעך, פּוצט מען מיט אומענדלעכן כיישעק קאַזיאָנע פערד. מע באַטראַכט אַף זיי די אָנגעמוליעוועטע ערטער, וואָס זעען אויס ווי ציטערנדיק וואונד־פליש, אַף וועלכן עס שטעלן זיך פליגן, און מע פרעגט מעוויניש באַ אַבען, דעם באַלעגאָלישן באַ־כער, וואָס שנירעוועט דעם רויטן גאַרטל אַף די לענדן:

— אַבע! — לאַדט מען אים איין, — אַנו, כאַפּ נאָר אַ קוק... מיט וואָס באַשמירן, אַבע?

---

אַבע איכיעל־מוישע דעם באַלעגאָלעס באָכער איז דער איינ־ציקער איד אין פּאָלק און וויל דאָ ניט אויסריידן צו קיינעם קיין איבעריק וואָרט. מער ווי אַלץ איז ער צופרידן, ווען מע לאָזט אים צורו. ערגעץ טיף אין זיך רופט ער אָט דעם גאַנצן אוילעם אַרום זיך ניט אַנדערש, ווי גראָבע קעפּ. ער דרייט זיך אַרום צווישן זיי א דרימלדיקער און פוילער, ווי אַ פּויעל־באָטל, און אַלץ, וואָס ער הערט דאָ, גייט אים דורך איין אויער אַריין און דורכן צווייטן — אַרויס.

— וואָס גייען זיי מיך אָן, — טראַכט וועגן זיך אַבע — מיין דאַיגע?

אינדערפרי האט געטראָפן אַ מאַיסע:

איינער פון די כעוורע האָט עפּעס צוגענומען באַם פּויער, באַ וועלכן ער איז איינגעשטאַנען. דער פּויער האָט געמאַכט אַ גוואַלד. דאָס דאָרף איז זיך צוזאַמענגעלאָפן. אַפן דאָרפישן זייט זיינען געוועגן אַלע אָרטיקע שקאָצים, וואָס האָבן אָקאָרשט נעכטן באַ־קומען ביקסן. און פלוצים, אין אַ רעגע פון פליסיקער סאַקאָנע, האט מען פון אונטער איינער אַ כאַטע דערהערט אַ שאָס. מע האָט זיך אַהין אַ לאָז געגעבן און געפונען דעם שולדיקן אַ טויטן. און דער כשאַד איז געווען, אַז דערשאָסן האָט אים איינער פון „שטאַב״ — יענער, וואס מיט דער בעלמע אַפן לינקן אויג.

אַבע איז געווען פון יענע געציילטע, וואָס האָבן אַליין גע־זעען, ווער עס האט דערשאָסן, נאר אז מ'האָט וועגן דעם באַ אים געפרעגט, האט ער באַלעגאָליש טומפּ אַ צי געגעבן מיט די אַקסלען און האָט זיך פויל אַוועקגעדרייט אין אַ זייט:

— מיין דאַיגע !...

עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט ניט וועלן אומזיסט אַוועקלייגן דאָ זיין האַרץ; אַז סאַכאַקל איז ער נאָר צוליבדעם אַריינגעטראָטן אין פאָלק, ער זאָל ענדלעך פּאָטער ווערן פון אַוועקלייגן אומזיסט זיין האַרץ, וואָרום אַבּע, קאָן מען זאָגן, האָט אַלע זיינע יאָרן געטון אומזיסטיקע און איבעריקע אַרבעט צוליב אַנדערע און האָט דערפאַר ניט באַקומען קיין שום לוין. אין דעם איז באַשטאַנען זיין באַזונדערע געשיכטע — אַ געשיכטע פון אַ באַאַוולטן, פאַר וועמען קיינער שטעלט זיך קיינמאָל ניט איין.

אָנגעהויבן האָט זיך פאַר אַבּען דידאָזיקע אומזיסטע אַרבעט פון דעם, וואס ער האט אינם שטעטל סטאַווישטש אַלע זיינע יאָרן אומזיסט גערופן „טאַטע" איכיעל־מוישע דעם באַלעגאָלע, מיט וועמען זיין מוטער די אַלמאָנע האָט אַמאָל כאַסענע געהאַט, און אַליין איז ער דאָרט יעדער יאָנטעוו געגאַנגען אין דער באַ־לעגאָלישער שול און האָט דאָרט אומזיסט געזאָגט „איזקויר" נאָך זיין עמעסן טאַטן, וועמען ער, אַבּע, האט ניט געקאָנט אַפילע ניט אין כאָלעם. געדיינקט אַבּע, ווי אין פּאָליש פון דער באַלע־גאָלישער שול פלעגט ער אומזיסט אָפּוואַרטן גאַנצע שאָען, ביז מע וועט אָנהייבן זאָגן „איזקויר", און ווי באַלעגאָלישע ווייסע כעוורע פלעגט אים דארט קיינמאָל ניט רופן באַ זיין עמעסן נאָמען.

— איכיעל־מוישע דעם באַלעגאָלעס נאַדן,— פלעגט מען אים רופן.

אָדער פּאָשעט:

— דער נאַדן.

נאָר שטאַרק דערצאָרענען אים האט מען דאָך מוירע געהאַט, ווייל כאָטש ער האט שטיל און געטריי געהאָרעוועט אַף איכיעל־מוישע דעם באַלעגאָלע, ווי אף אַן אייגענעם טאַטן, איז ער דאָך אַ פעסטער פאַרשלאָפענער באָכער און האט פיינט געהאַט צו האַלטן פאַרלייגט די הענט, ווען מע רייצט אים שטאַרק אוף, אָדער מע טוט אים רישעס. אַבּע האָט געהאַט אַזעלכע אַקסלען, וואָס אַז זיי גיבן זיך אַ דריי, איז יעדן קלאָר, אַז זיי, די אַקס־לען, האַלטן פאַר זיך פונם געזעץ:

— וואס עמעס איז עמעס.

— וואס מיינס איז מיינס, און וואס דיינס איז דיינס.

טאָקע דערפאַר — אַרויסגייענדיק פונם געזעץ „וואס דיינס איז דיינס" — האָט אַבע מילכאָמע־צייט אָפּגעדינט דריי מיט אַ האַלבן יאָר אַף די פראָנטן, אָפּגעדינט אַזוי קאָשער, אַז קאָשערער קאָן ניט זיין. און די מילכאָמע, קאָן מען זאָגן, האָט אים גאָרנישט ניט געשאַדט, גאָרנישט ניט בעסער געמאַכט און גאָרניט אויס־געלערנט, ווייל ווי פאַר דער מילכאָמע, אַזוי נאָך איר האָט אַבע נאָך אַלץ שטיל און פאַרשלאָפן געהאָרעוועט אַף איכיעל־מוישע דעם באַלעגאָלע, פירנדיק זיינע פאַרשוינען פון סטאַווישטש אין דער וייטלעכער גרויסער שטאָט, וואס ליגט אין טאָל. און זיין איינציקער פריעריקער כיסאָרן איז איצט בא זיינע פיר און צוואַנציק יאָר נאָך אַלץ געווען א כיסאָרן — ער איז געווען אַן אַכזער אַף די פערד, מיט וועלכע ער פאָרט אַזוי, אַז דער באַ־לעגאָלישער שטיפטאַטע האָט זיך טאָמיד געקלאָגט פאַר זיין מוטער:

— ער יאָגט, ער יאָגט, דער באָכער דיינער. ער שינדט פון די פערד די פעל.

נאָך דאָס האָט זיך עפּשער גענומען דערפון, וואס צו אַלע אַנדערע ברואים איז אַבע געווען גוט און וואויל, אַלע האָבן אים אומזיסט אויסגענוצט, האָט ער אויסגעלאָזט זיין האַרץ צו די פערד. אליין אָבער האָט ער נאָך אַלץ ניט געוואוסט, אַז אַלע נוצן אים אומזיסט אויס, און ווער ווייסט ווי לאַנג דערדאָזיקער „ניט וויסן" וואָלט זיך געצויגן, ווען ניט די דינסט פון יענעם זעלבן איינפאָרהויז, וואוהין אַבע פאַרפאָרט אין דער גרוי־סער שטאָט מיט זיינע פאַרשוינען. דידאָזיקע מויד איז אים דאָרט אין איינפאָרהויז פון מאָל צו מאָל געוואָרן אַלץ מער אייגן און איינגעבאַקן אין האַרצן, ביז זי איז סאָפּקאָלסאָף געוואָרן זיין קאַלע.

אים, אַבען, איז די מויד זייער געפעלן געוואָרן, שוין מיט דעם אַליין, וואס צו אַלעמען איז זי געווען א בייזע, אַ ברויגעזע, און צו אים איז זי אַדראַבע — צו אים איז זי געווען אַ ווייכע, אַ צוגעלאָזענע. אַבע האָט זיך געקאַנט וועטן: אַנו, זאָל עמעצער אַן אַנדערער פּרוּוון צו איר צושטיין, וועט ער פון איר האָבן אַ וויסטן סאָף, און אַקעגן אים, אַבען, האָט זי גאָרנישט, אפילע

אַז ער שטייט צו איר צו אין הויז פון איינפאָר, וואו עס שטייען די פערד, און אַז ער פּאַקט זי דאָרט אין א טונקל ווינקל, בעת־איים זי גייט אַרויס נאך א קאָך־טעפל, בלייבט זי דארט א ווײלע שטיין און לאָזט אים ער זאָל טון בא איר אין בוזים אַלץ, וואָס ער וויל. עס מאכט זיך: מיט פריען גרויען פרימאָרגן קומט ער אָן מיט זיין פור אַהין אין שטאָט און טרעפט זי דאָרט איינע אַליין אונטערן איינפאָרהויז, בעאייס זי איז אָנגעבויגן איבער אַ פּריש אויסגעגאָסענעם צעבער. לעבן איר — אַ פּאָר אָנגעפלויגענע ראָבן, א פּאָר צוגעלאָפענע כאַזיירים, וואס דער איבערגעקערטער צעבער שמעקט זיי.

— אַטשו, — שרייט זי ביין אַף די כאַזיירים, — אַטשו!

און אַליין איז זי א באָרוועסע, מיט אַ פולן בוזים, די הענט פאַרקאַשערט, די פיס נאַקעט. איר פאַרשלאָפן פּאָנים, וואס מיט די שמאָלע אויגן, איז מאַט און פּעכקע, און שמעקן שמעקט עס ווי אָן אומגעוואַשענע. פון שטענדיקער בייזקייט רעדט זי זייער ווייניק, נאָר אַז זי דערזעט אים, אַבען, אָנקומען מיט זיין פור, טוט זי א פּאָמפּע זייער געשווינד:

— זע נאָר, אַבקע!... ווי קומסטו אַהער? האַ, אַבקע?

אַבען האט אָנגעהויבן ציען צו איר אין שטאָט אַריין אַזוי, אז אַפילע ווען ער האָט זיך געפונען אינדערהיים, און אַפילע אין שטאַרקסטן שלאָף, האָט ער טאָמיד געדיינקט איר רייעך — אַ רייעך ווי פון פרישער שטרוי, וואָס האָט סאַכאַקל איין נאַכט אונטער פערד גענעכטיקט. און דערדאָזיקער רייעך האָט ווי פון זיך אָנגעהויבן לערנען אַבען, אַז ער קאָן עפּעס אופטון אויך פון זיינעטוועגן אַליין און אַז ביז איצט, איז אַ קריינק אַף זיי, אַ כאָלערע אַף יענע אַלע מענטשן, וואָס ער האָט ביז היינטיקן טאָג, אַכוץ דער מויד פון איינפאָרהויז, געזען אַרום זיך. צוליב זיי האָט ער אַלע זיינע יאָרן אַוועקגעלייגט זיין געזונט, און זיי צוליב אים — גאָרניט.

— אַ בראַנד אַף זיי.

פאַרקערט, זינט מע האָט זיך דערוואוסט, אַז אַבע נעמט די־דאָזיקע מויד פון איינפאָרהויז, האָבן אַלע אָנגעהויבן לייגן אַף אים מער קאָוועד, און אָט אַפילע די מאַמע זיינע — זי האָט אָנגעהויבן דערגיין די יאָרן איר מאַן איכיעל־מוישע דעם באַלע־

גאָלע, מע זאָל וואָס גיכער דעם באָכער כאַסענע מאַכן. און טאַקע פונדאַנען האָט זיך גענומען די געשיכטע, וואָס אַבע איז ניט־ווילנדיק אַריינגעצויגן געוואָרן אין אָט דעם פּאָלק אַריין — אַ פּאָלק, וואָס רופט זיך „דער פערטער פּאָלק פון די אופגעשטאַנענע" און באַשטייט דורכויס פון אַזעלכע מענטשן, וועלכע ער, אַבע, רופט ערגעץ טיף אין זיך ניט אַנדערש, ווי מיטן נאָמען „גראָבע קעפּ".

דער שאַבעס, ווען איכיעל־מוישע דער באַלעגאָלע האָט אַבען אופגערופן ווי אַ כאָסן אין דער באַלעגאָלישער שול, איז געווען דער לעצטער שאַבעס איידער עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פּאָגראָמען, און אַבע האָט דענסטמאָל מיט פאַרשלאָפענע אויגן גענגעקוקט, ווי באַקאַנטע באַלעגאָלעס גייען נאָכן דאַוונען צו זיי אין שטוב אַף „קידעש", און קיינעם פאַלט דאָרט שוין מער ניט איין אים, אַבען, דאָס היטל איבער די אויערן אָנצורוקן און דערביי ווי געוויינלעך צו זאָגן:

— שינדסט די פעל פון די פערד, הא? אַבע, ביסט אַן אַכזער אַף פערד, אַבע.

מע טרינקט צו אים לעכאַים, מע ווינטשט אים די כופּע זאָל זיין אין אַ גוטער שאָ און מע ווינקט צו אים מיט איין אייגל וועגן דער נאַכט, וואָס נאָך דער כופּע. מע טריקנט אויך לעכאַים צו זיין שטיף-פאָטער איכיעל־מוישען. און איכיעל־מוישע איז שוין שיקער, שיקער איז איכיעל־מוישע אויך אַף מאָרגן נאָכן אופרופן. נאָר צו דער קאַלע, אין דער גרעסערער שטאָט, וואָס אין טאָל, זאָגט ער, קאָן מען איצט דעם באָכער ניט פירן. ער קומט אלעמאָל פון מאַרק, וואו ער הערט זיך אָן מיט שרעקלעכע זאכן, און קריגט זיך מיט זיין ווייב:

— פיר אים אליין! — שרייט ער צו אַבעס מוטער. — פיר אים אַליין, דעם באָכער דיינעם. דו הער בעסער, וואָס מע זאָגט אין מארק, הער בעסער: פעטליורעס היצלעס, זאָגט מען, שניידן אידן אַף אַלע טראַקטן.

עס קומען אריין אין שטוב באַקאַנטע באלעגאָלעס, און אויך זיי זאָגן:

— וואוהין פאָרן?

— אַ סאַקאָנע... אַ גרויסע סאַקאָנע.

אַבּע האָט זיך אזוי אַרומגעדרייט אַ וואָך און צוויי, און זיינע געפילן זיינען געווען אזעלכע, ווי גלייך מע האָט אים געקוילעט, נאָר ניט דערקוילעט. אלע מענטשן ארום זיינען אָדער באווייבטע אָדער ניט קיין באווייבטע. און ער, אבּע, איז אַ באַזונדערער. אַז ער איז אַ באָכער, קאָן מען מער ניט זאָגן, ווייל מע האָט אים שוין „אופגערופן", נאָר קיין באווייבטער איז ער אויך ניט. ער איז עפּעס אַ „צווישן". מע לאכט דעריבּער פון אים אין מאַרק, מע זאָגט צו אים:

— אַ קריינק אין דיינע ביינער, אַבּע, אַפילע כאַסענע האָבן קאָנסטו אויך ניט ווי געהעריק.

און באלעגאָלישע הענט רוקן אים שוין ווידער זיין היטל אי־בער די אויערן:

— יאָגסט? האַ, יאָגסט... ביסט אַן אַכזער אף פערד, אבּע.

און צו דער קאַלע, דער מוּיד פון איינפאָרהויז, ציט איר רייעך, אַ רייעך פון פרישער שטרוי, וואָס האט סאכאקל איין נאַכט אונטער פערד גענעכטיקט, געדיינקט זיך אָן אופהער אפילע אין שטאַרקסטן שלאָף.

אַבּע האָט סאָפּקאָלסאָף אַליין אָנגערוקט אף זיך זיין באַראשקן היטל. ער האט אָנגעטון זיין גרויען שינעל, וואָס איז אים פאַר־בליבּן פון מילכאָמע־צייט, פאַרגאַרטלט אף זיך דעם רויטן באַלע־גאָלישן גאַרטל און האט זיך אוועקגעלאָזן איינער אליין צופוס צו זיין קאַלע.

— אַ בראנד אין זיי! — האט ער געטראכט וועגן יענע אלע מענטשן, וואָס ווילן אים אַהין ניט פירן ווי עס קומט אַ כאָסן — כ'האָב זיי אין דער ערד. זאָלן זיי ברענען.

און דער פאַרדראָס אף אלע ארומיקע מענטשן, אף וועלכע ער האט אלע יאָרן אומזיסט געהאָרעוועט, האָט איצט דערגרייכט אין אים ביז דער העכסטער מאַדרייגע.

די ערשטע פופצן ווערסט איז ער אָפּגעגאַנגען בעשאָלעם: קיינער האָט אים אפן וועג ניט אָפּגעשטעלט, קיינער האָט בא אים ניט געפרעגט ווער ער איז און וואוהין ער גייט, נאָר פאַר־נאַכט, ווען ער איז צוגעקומען צום גרויסן טראַקט, וואָס ציט זיך פארביי דעם גרויסן באַליאַסנער וואַלד, האָט ער דערהערט פון טיפן וואלד אַ ווידערקאָל פון אַ שיסעריי. דאָס ווידערקאָל האָט

געהאַט אָן אַ שיר רעציכעדיקע כוואַליעס. דער וואלד האָט אויס־געזעען זייער כמורנע און בייז. אַבע האָט אָפּגעוואַרט אַ רעגע און האָט דערהערט אַ צווייטן שאָס מיט אַ ווידערקאָל, און ווידער מיט אָן אַ שיר רעציכעדיקע כוואַליעס. גיין ווייטער אַקעגן נאַכט, האָט זיך געדאַכט, איז זייער געפערלעך, און אבע האָט דעריבער אַראָפּ־געגויגט אָן אַ זייט, קעדיי איבערצונעכטיקן דאָרט אין פעלד באַם פּיליפּאָווער שמיד אין שטיבל. מענדל דער שמיד איז געווען אינדערהיים. זיין ווייב ראָכע אויך. אבען האבן זיי געקאָנט ניט ווייניקער, ווי אלע פאַרבייפאָרנדיקע באַלעגאָלעס. אַבע האט גע־נעכטיקט בא זיי אפן אויוון, און געדאַכט האָט זיך אים, אז ער געפינט זיך ערגעץ זייער טיף אין דער נאַכט.

אינדרויסן האָט אַן עלנטער בגים געדוכנט אָן אופהער מיט זיינע צעפלאָכטענע צווייגן, געשטאַנען איבערגעבויגן אינמיטן פעלד און האט געראַשט, געוועקט דעם שמידס שטיבל.

ווייטער פון פעלד — דער וואלד, נאָך ווייטער — דער העמ־שעך פון נאַכט און פון פעטליורעס טשיפּיקעס, וואס שלאָגן זיך מיט אופגעשטאַנענע פּאָלקן און קוילען אויס אידן. אַבע איז גע־שלאָפן פעסט.

נאָר באנאכט האָבן דעם שמידס שטיבל אַ מענטשן פּופּצן רייַטער אַרומגערינגלט מעשונע שטיל, ווי צוליב אַ מאַנעוור, און די לעוואָנע איז דאן יאָ געווען און ניט געווען — די לעוואָנע איז מיט איר שיַין געשפּרונגען ווי איבער בערג, איילק איבער־געיאָגט פיל לויפנדיקע וואָלקנס און געבלייכט און געגילדט דאָס פעלד.

דעם שמידס ווייב — אַ אידענע, וואָס האָט אלע אירע יאָרן געזאָגט „אַ וויסטער, אַ פינצטערער כאָלעם”, געזאָגט און ניט געוואוסט די טייטש. נאָר איצט האָט זי די ערשטע דערהערט פון שלאָף ווי מע קלאַפּט, פאַרהויבן גלייך פון שלאָף אַ פּאָרהאנג און האָט דערזעען: אַ וויסטער, אַ פינצטערער כאָלעם בלאסט זיך איר אַקעגן אין דער נאַכט — אין אַ האלבער ראָד שטייען רייַטער אַרוס איר שטיבל, נאכטיקע פּענימער, שטומע בליקן; בא אלע־מען שטעקן ביקסן פון אונטער די פּלייצעס; בא איינעם וויל דאָרט ניט איינשטיין זיין פערד — איינער האַרגעט, האַרגעט שטאַרק זיין פערד.

— מענדל! — האָט די אידענע שטאַרק געוועקט דעם מאַן — אַ גרויסער בראָך!

— וואָס שלאָפסטו, מענדל? זע! זיי קריכן שוין אראָפּ פון די פערד. מענדל! וועק גיכער אבען, איכיעל-מוישעס באָכער. ווײ און ווינד, מענדל!

אַבע האָט זיך געפונען אין קיך אפן אויוון און איז דאָרט געשלאָפן פאַרהילצערט, ווי נאָך גרויסע ווייטיקן, וואָרום אלע אַרומיקע מענטשן זיינען אַזעלכע ווערעמדיקע, פּאַסקודנע — ער, אַבע, האָט צוליב זיי אלע יאָרן אוועקגעלייגט זיין געזונט, און זיי צוליב אים גאָרניט — נעכטיקע טעג.

— אַבע! — האָט אים דער שמיד שטאַרק געוועקט, — אַבע!

אַבע האָט אראָפּגעלאָזט פונויבן אַ פּאָר פאַרלאָפענע באָר־וועסע פיס און האָט זיך גלייך איינגעהויקערט אַף צו שלאָפן ווײ־טער זיצנדיק.

— אַבע, שטיי נאָר אוף!

אַבע האָט ווי כאַראָטע געקריגן, וואָס ער האָט זיך אופגע־זעצט, און האָט זיך צוריק אוועקגעלייגט. סאָפּקאָלסאָף האָט מען אים דערוועקט. אין האלבן שלאָף האָט ער זיך דורכגעשלעפּט צו דער טיר, זיך דורכגעשלייכט מיט שנאָרכענדיקן אָטעם, מיט דרימלענדיקע פיס און מיט פארקלעפּטע אויגן, ווי אף פּאָטער צו ווערן. נאָר אינדרויסן האָט ער אַ שמועס געטון מיט עמעצן, אַ שמעק געגעבן די לופט, אַ טראכט געטון, אַ שווייג געגעבן און האט זיך אומגעקערט אין שטיבל האלב־וואַכנדיק מיט אַ ניכ־טער קאָל:

— רעב מענדל, זיי ווילן די קוילנווארפער; די פּיליפּאָווער גאָים זאָגן, זיי האָבן אייך געגעבן פאַריכטן קוילנוואַרפער.

— ווער וויל?

— זיי, אינדרויסן... גרויסע, זאָגן זיי, זיינען מיר, פון די פּאָווסטאַנצעס פון פערטן פּאָלק.

— וואָס זאָגן זיי?

— זיי ווילן צעטראָגן די שטוב.

מיט דער אידענע האָט געוואָרפן:

— מענדל, גיב זיי, גיב זיי, אַ גרויסער אומגליק, מענדל!... ווײ און ווינד.

אַבע איז אוועק מיט דעם שליסל פון קוזניע אָפּגעבן די קוילנוואַרפער, נאָר איצטיקס מאָל האָט ער זיך אינדרויסן מער געזאַמט און זיך אומגעקערט מער וואַכנדיק:

— רעב מענדל, זיי ווילן אייער פעדד־און־וועגעלע אויך. זיי שפּאַנען שוין איין דאָס פערד. מיר דאַרפן, זאָגן זיי, פירן די קוילנוואַרפער.

— בעט זיי, אבע, — האָט געפּלאַטערט די אידענע, — אַ גרויסער בראָך. בעט, זיי זאָלן לאָזן דאָס פערד.

אַבע איז צום דריטן מאָל אַרויס אינדרויסן און זיך געזאַמט לאַנג, לאַנג — אַ גוזמע. איצטיקס מאָל איז ער אריין אין שטוב געשווינד, מאָלע־געדולע. אָן אָטעם, מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער אף גיך, גיך געשלעפּט אַף די באָרוועסע פיס זיינע שטיוול.

— וואָס איז, אבע? — האָט מען זיך בא אים געבעטן, — רעד ארויס אַ וואָרט... וואָס זאָגן זיי?

פון גרויס גליק האָט אבע ניט געקענט רעדן.

— זיי נעמען מיך מיט... האָט ער זיך פאַרכלינעט, אָנציענדיק מיט אלע קויכעס די שווערקריכנדיקע שטיוול, — אָט באלד... צו מיין קאַלע נעמען זיי מיך... ווי איך בין אַ איד. זיי גייען, זאָגן זיי, אַף דער שטאָט... וויינט ניט, ראָכע, איך וועל אָפּהיטן אייער פערד... איר מעגט זיך פארלאָזן... ווי איך בין אַ איד... כ׳וועל עס שוין היטן...

## .II

פון דענסמאָלט אָן געהערט אַבע צו דידאָזיקע דריי הונדערט מענטשן, וואָס טראָגן ביקסן און האָבן אַ „שטאַב" מיט אַ שילד, אַף וועלכער עס איז אָנגעשריבן „דער פערטער פאָלק פון די אופגעשטאַנענע". שוין אַ וואָכן צוויי זינט ער נעכטיקט דאָרט, וואו זיי נעכטיקן, און טאָגט דאָרט, וואו זיי טאָגן. אים האָט מען גלייך ווי אלע געגעבן אַ ביקס, טראָגט ער זי גלאט אַזוי, קעדיי קיינער זאָל ניט באמערקן, אַז ער איז דאָ אַ זייטיקער, אַ פרעמדער, און אז צוגעשטאַנען איז ער צו דער כעוורע נאָר דערפאַר, וואָס מע האָט אים צוגעזאָגט אינגיכן קומען אין דער גרויסער שטאָט, וואָס אין טאָל, צו זיין קאלע. ווי נאָר ער קומט אהין אין שטאָט, איז אַן עק — אויס מעכוטן.

אין די לאַנגע נעכט איז אבּע דעריבּער דאָ אין דאָרף גע־שלאָפן פעסט, ווי אַן אומזיסטיקער פעפער — אַ שטומער רעמעז, אַז נאָכגעשלעפּט אַהער האָט ער זיך האלב מיט אַ מיין, האלב אַזוי זיך, ווי פון פוסט־און־פּאַס. ער האָט דאָ די גאנצע צייט פויל אַרומגעשנאָרעט צווישן דער „כעוורע", געקוקט, ווי פון נאָענטן צעראַבּירטן שטעטל קומען אהער אין דאָרף אנטלאָפענע אידישע יונגעלייט, ווי מע גיט דאָ די יונגעלייט ביקסן, און אַז עמע־צער פון דידאָזיקע יונגעלייט הייבּט זיך אָן באַ אים צעפרעגן געגוי, ווער דער פּאָלק איז, און צי ועט ער נאָך לאנג דאָ אין דאָרף שטיין, ענטפערט ער קאַלט:

— מיין דאַיגע?

גלייך אַ מער וואַרעמער ענטפער איז שוין גענוג אַף אָנצו־קניפּן אים נאָענטער אָן אָט דעם פּאָלק. ער האָט דאָ געקוקט, ווי אַ זייטיקער, און דער אוילעם, האָט זיך אים געדאַכט, איז דאָ אַ מאָדנע וואַרעמער, אַ היימישער, כאָטש טיף אין זיך האָט ער זיי גערופן ניט אנדערש, ווי גראָבּע קעפּ. אים, אבּען, גיט מען דאָ ברויט, גיט מען, און אויך פליישׁ, אז מע קאָכט, רופט מען אים צו, ער זאָל נעמען אַ כיילעק, און אין טאָך איז ער דאָך אַ זיי־טיקער, אַ פרעמדער, די פינפטע ראָד אין וואָגן...

נעכט האָבּן דאָ אלץ געשמעקט מיט שווייסיקע קאַזאַרמעס, מיט שמאַטעדיקע לייבּער, וואָס טוען זיך ניט אויס, ליגן אויסגע־וואַלגערט אַף דער פּאָדלאָגע און פארשנאָרכען די דאָרפיש־אָנגע־הייצטע שטיבּער, און אז זיי צעהיצן זיך טיף אין דער נאכט, פּאַרשפּרייטן זיי ארום זיך אַ וואַרגנדיקן איפּעש, אַ געמיש פון אומריינער הינערשער שטייג מיט טשאַדנדיקן לאָמפּ, און דענסט־מאָל כאַפּן זיך אוף אייניקע פון די אידישע יונגעלייט, וואָס זיינען אהער געקומען פון נאָענטן צעראַבּירטן שטעטל, און נאָך איידער זיי כאַפּן זיך אוף, דערפילן זיי, אז עס שטיקט — ניטאָ מיט וואָס צו עטעמען.

און נאָכדעם קאָנען זיי שוין מער ניט אַנשלאָפן ווערן. זיי לויפן אלעמאָל אינדרויסן כאַפּן לופט, זיי זיצן איינער לעבּן צווייטן און רעדן מיט באַנאַכטיקע קוילעס וועגן דעם פּאָלק, וואָס איז ארומגערינגלט פון אלע זייטן מיט פּעטליורעס טיילן, וואָס שניידן אידן, און איז אָפּגעריסן פון די איבּעריקע רויטאַרמייאישע

פּאָלקן און ווייסט ניט, וואו זיי געפינען זיך, און וואַרט אלץ דאָ אין דאָרף אַף אַ יעדיע פון זיי, אַף אַ פּאָר מענטשן, וואָס דאַרפן זיך דורך פּעטליורעס טיילן אַהער דורכרייסן.

די יונגעלייט האָבן אַזוי גערעדט צווישן זיך אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט, און אבע איז דענסטמאָל געשלאָפן שטאַרק, ווי אַ זייטי־קער, ניט געהערט, ווי זיי רעדן, ווי זיי דרייען זיך אין דרויסן אַרויס כאַפּן לופט, ווייל אין טאָך איז דאָ קיין זאך ניט זיין דאַיגע, און וויבאלד ער קומט מיט דעם פּאָלק אין שטאָט אריין צו זיין קאַלע, איז אַן עק — אויס מעכוטן.

נאָר איינמאָל פאַרטאָג האָט אַבעס פּעפּעריש לייב דערפילט, ווי מע רייסט עס צו שטאַרק פון שלאָף, און אַז דער, ווער עס רייסט אים, האָט צופיל אימפּעט און ווייסט אַלע כאָכמעס, ער איז אַ בעריע אַף אופוועקן, און אז ער, אַבע, וויל אַלעמאָל צוריק אַנשלאָפן ווערן, כאַפּט ער אַ טרוקענעם קנאַק ערגעץ־וואו צווישן די ריפּן, אַזוי אַז ער מוז זיך סאָפּקאָלסאָף אופזעצן און דערהערן, ווי מע שרייט צו אים ער זאָל זיך אָנטון:

— גיכער גיי. מע וואַרט אף דיר אינדרויסן.

און געווען איז דאָס אַלץ פּאַר אַבען, ווי א כאָלעם בא גרויען מאָרגנדיקן דרויסן.

געשאָטן האָבן דאַן פון באַנאַכט אָן ווייסע געפּרוירענע גריי־פּעלעך, געפאַלן שטיל, ווי וואָגלאָזער שניי. און געשטאַנען זיינען אינדרויסן אונטער אָט די שיטנדיקע גרייפּעלעך אַלע פון „שטאַב", און יענער, וואָס איז מיט דער בעלמע אַפּן לינקן אויג, איז דאָרט אויך געשטאַנען און האָט אויסגעפרעגט בא אַבען, ווען קאָן ער פון די ארומיקע דערפער. ער האָט זיך געשעפּטשעט מיט די איבעריקע, געשיקט אַבען צו זכאריע דעם סטעלמאַך אין גרויסן דאָרף לישטשינאָווקע און אים געהייסן דאָרט אונטערקוקן, וואָס טוען דאָרט אין דאָרף פּעטליורעס טיילן.

— פּאַרטיק? — האָט מען באַ אבען געפרעגט.

און בעשאָס אַבע האָט אין איילעניש פאַרצויגן דעם רויטן גאַרטל אַף זיינע לענדן, האָט איינער פון „שטאַב" מעווויניש צו־געפּייפט, זיך אַרויסגערוקט פאָרויס, צילענדיק אַף אַבען מיט איין אייגל, זיך אויסגעגלייכט, און א קאָמאַנדעווע געגעבן מאַמעדיק, מיט האַרץ:

— דעם רעכטן אַקסל פֿאָרויס, מארש!

אַבע האָט געפֿאָלגט שטום. עלעהיי ער איז נאָך א סאָלדאַט, אין גאָ‏ישע הענט און מוז טון אַלץ, וואָס מע הייסט אים. ער האָט זיך אַ דריי געטון ריכטיק, לויט דער קאָמאַנדע, און האָט זיך אַוועקגעלאָזן צופֿוס. נאָר אַליין איז ער נאָך געווען שטאַרק פֿאַרשלאָפֿן. ער האָט ניט געוואוסט אַף קלאָר, נאָך וואָס מע האָט אים קייך לישטשינאָוועקע צו זכאַריע סטעלמאַך געשיקט און וואָס דאַרף ער דאָרט טון. ער האָט געשפּאַנט איבער די פֿעלדער, און וואָס טיפֿער ער איז אריין אין פֿייכטן, גרוי־ווערנדיקן נעפּל, אלץ מער איז אים זיין שליכעס אַרויס פֿון געדאַנק.

און געבליבן איז אים נאָר, אַז ער דאַרף אויספֿעלן אומעטום די דערפֿער, ווייל עס איז אַ סאַקאָנע, אַז אויב ער וועט אומעטום אָנלייגן וועג, וועט ער דאָך קיין לישטשינאָוועקע האָבן ניט מער ווי אַ מייל אָנדערהאַלבן. און פֿון לישטשינאָוועקע אין דער גרעסערער שטאָט, וואָס אין טאָל, איז שוין סאַכאַקל א מייל פֿיר, און דאָרט אין איינפֿאָרהויז דינט זיין קאַלע, זי איז א בייזע, א ברויגעזע, און ער, אַבע, קאָן זיך וועטן:

— אַנו, זאָל עמעצער אן אַנדערער פּרואוון צו איר צושטיין...

אַבע האָט איצט ווי טאָמיד קיין באַשלוסן ניט אָנגענומען. ער האָט נאָר געפֿילט, אַז צוריק גיין ווילט זיך ניט און אַז צו איר, דער קאַלע זיינער, איז אַפֿילע איצט אין אָט דעם אומקומעניש אַ מעכאַיע צו שפּאַנען אַזוי ווי ער שפּאַנט. איינמאָל איז ער צו איר אין אזאַ פֿריען און גרויען פֿרימאָרגן אָנגעקומען, האָט ער זי געטראָפֿן איינע אליין הינטערן איינפֿאָרהויז אָנגעבויגן איבער א פֿריש־אויסגעגאָסענעם צעבער, לעבן איר—א פּאָר אָנגעפֿלויגענע ראָבן, אַ פּאָר אָנגעלאָפֿענע כאַזיירים.

— אטשו, — האָט זי בייז אַף זיי געשריגן, — אַטשו!

און אליין איז זי געווען א באָרוועסע מיט א פֿולן בוזים, די הענט פֿאַרקאַשערט, די פּיס נאַקעט, איר פֿארשלאָפֿן פּאָנים, וואָס מיט די שמאָלע אויגן—מאַט און פֿעכקע, און שמעקן שמעקט עס ווי אַן אומגעוואַשנס. פֿון שטענדיקער בייזקייט רעדט זי ווייניק, נאָר געשווינד, געשווינד אַזוי, אַז א זייטיקער פֿאַרשטייט זי קוים, און אַז זי רעדט, פֿינטלט זי מיט די אויגן.

— זע נאָר, אַבקע! — האָט זי צו אים דאַן געשווינד אַ פּאָנפּע געטון — ווי קומסטו אהער? אַ, אבקע?

אַבע איז געגאַנגען מיט גיכע טריט, מיט פרעמדע פעלדער. אַרום אים — אַ פוסטער אויסגאָס אינדערטיף פון שטרעקעס און קיינער, קיינער, ווער עס זאָל זען, ווי זיין באַלעגאָלישער גאַרטל רויטלט זיך פונווייטן. דער טאָג — א וואָלקנדיקער, אַ טונ־קעלער, אַן איינגעשרומפּענער — שטאַרק ענלעך צו אַ קורצן פריי־טיק — א טאָג, וואָס וואַרט אַף שניי און קיין שניי גייט ניט. איינ־געשרומפּן האָבן זיך געדאַכט אויך די שטרעקעס. און ווי נאָר אַבע איז אונטערגעקומען מיט די פעלדער צום גרויען אָרעמלעכן דאָרף, אַזוי גלייך האָט אַף אים פון דאָרט א קוק געטון עפּעס צווינטערדיקס און טויטס — א געפלעפּטע שטילקייט צווישן שטי־בער, אַף די גערטנער און אַף די געסלעך. גלייך עמעצער האָט נאָר־וואָס איצט אינמיטן באַטאָג געמעסט און דאָס גאַנצע דאָרף וואַרט און הערט זיך איין: אָט באלד וועט אָנהייבן קלינגען אין קלויסטער. נאָך שטילער האָט מען אַף אַבען א קוק געטון באַם סטעלמאַך אינם האַלב גאָיִשן, האַלב אידישן שטיבל.

---

דער סטעלמאַך מיט זיין ווייב זיינען ביידע געזעסן מיט אויסגעצויגענע פּאָדעשוועס אַפן סאָפּקעלע, לעבן דער לעבלעכער הרובע, און געדאַכט האָט זיך: א טאָנעס אין שטוב. קיין אָנבייסן קאָכט מען ניט. די פּאָרהאַנגלעך אַף די פענצטער זיינען געווען אַראָפּגעלאָזן איצט אינמיטן באַטאָג, די קינדער האָבן געשפּילט באַ דער זייט, שעפּטשענדיק שטיל, דערשלאָגן, ווי נאָך אָפּטע געשרייען פון טאַטע־מאַמע—שיווע־זיצער:

— שאַ — שטילער... זע נאָר, ווי דאָס איז פריילעך, איז עס.

און אַז צו אַבען האָט מען דאָרט צום לעצט א וואָרט אויס־גערעדט, איז דאָס געווען אַ קאַלטבלוטיק וואָרט, אַ שטילס און אַ קלעמענדיקס:

— איז וואוהין, אַ? אַבע, — האָט געזאָגט דער סטעלמאַך, — צו דיין קאַלע טראָגט דיך א שוואַרץ יאָר אין אַזא אומגליק?

— בלייב שוין דאָ, פערד איינער. וועסט לייגן דעם קאָפּ אַפן וועג. מע קוילעט אומעטום, אַרום יאַנאָווקע און אַרום גראַנאָוו.

און געקוקט האָט מען דערבײַ מיט אומעטיקע אויגן, ניט צו אַבען, נאָר צו די אַראָפּגעלאָזענע פאַרהאַנגלעך אַקעגן.

— הער בעסער וועגן מאַליאַסניק, הער.

אין אַבען האָט געגליווערט די אַקשאָנעס.

— איך גיי ווייטער... איך האָב עס אין דר׳ערד.

נאָר אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דעם מאַליאַסניק האָט ער געקאָנט—ער האָט געוואוינט אין הויז אונטער בלעך, אַ וויאָרסט צוויי ארויס פון דאָרף: דעם מאַליאַסניק מיטן אײדעם האָט מען נעכטן געפונען געהאַרגעטע הינטער דער שטוב, און מאַלי די שטומע טאָכטער זײַנע האָט פּלוצים אָנגעהויבן ריידן. זי איז אַנטלאָפן אין אַ נעענטערן וועלדל באָרוועס מיטן זויג־קינד אַף די הענט. באַנאַכט האָט זי אָנגעקלאַפּט צום גאַלעך; „איך וויל זיך שמאַדן", נאָר אַז מע האָט איר געעפנט, איז זי שוין ניט געווען. איצט דערציילן פויערים: באַנאַכט קלאַפּט זי אין טיר: „עפנט, איך בין באָרוועס מיטן קינד אַף די הענט"... און אַז מע עפנט איר, איז זי שוין ניטאָ — זי פאַרשווינדט, זי איז צעדולט... און די ראָצכים:

— פראַנק און פריי — אָט דאָ אין דאָרף זײַנען זיי.

פון צייט צו צייט האָט מען באַם סטעלמאַך פאַרהייבן אַ פאָר־האַנגל פאַר אַ שפּיץ און זיך אײַנגעקוקט צו די פעטליוראָווצעס, וואָס קלייבן זיך אַקעגן אַפן פּלאַץ:

— זע: היצלעס. זיי קומען אַלץ צו.

— זע נאָר וויפל!!!

האָט אַבע אויך אַהין אונטערגעקוקט, נאָר געזעען האָט ער ניט מער, ווי היטלען מיט לאַנגע וואָרעטשיקעס, ברייטע פליאָנ־דרען פון רויטן און גרינעם זייד, ווי אַף קאָמעדיעס צו מאַכן.

— אַ כאָליערע, — האָט ער געשאָלטן,—אַן אויסכאַפּעניש.

אינמיטן דאָרף באַ דער אײַנקלאַסיקער שולע איז געשטאַנען צוגעבונדן אַ הונגעריקע ציג — אַ ווייסע זקיינע, וואָס פעטליורעס אָפּגעטראָטענע טיילן האָבן געבראַכט פון נאָענטסטן אומגעקומענעם גראַנאָוו. די ציג האָט געפינטלט מיט פרעמדע אומעטיקע אויגן אַקעגן פרעמדן דאָרף. און פון אינעווייניק, אין די שול־צימערן, האָט פון באַנאַכט אָן זיך געפונען דער פעטליורישער „שטאַב". ער האָט געשיקערט. אויסגעזעצטע שויבן האָבן פון צייט צו צייט

אַרויסגעוואָרפֿן אין טונקלען דרויסן שטיקלעך פֿון דער אינע־ווייניקסטער הויך־פֿאַריסענער סימכע — אַ מעסלעסן־לאַנגע סימכע מיט מוידן און מיט טענץ. און אַרום־און־אַרום — מעשונע טונקל, גלייכגילטיקע שטיבער, געפֿרעסט מיט גרינגן פֿראָסט, אָן אַ שיר דע־כער, ווי שטומע פֿלעקן אינדערווייט, און א פֿאַרטראַכטער צײַלעם — פֿון ווייטן עק פֿון דאָרף — וואַרט אַף שניי און קיין שניי גייט ניט. אינדרויסן ווערט נאָר טונקעלער, טונקעלער, עס פֿאַלט צו די נאַכט.

באַם סטעלמאַך אין שטיבל האָט בוימלדיק געצאַנקט א טונ־קעלער קאַנעץ, באַ אַראָפּגעלאָזענע פֿאָרהאַנגלעך האָבן פֿענימער זיך געבלאַסט, ווי אין אַ טאָנעס, און גערעדט האָט מען אַלץ וועגן דעם מאַליאַסניקס טאָכטער מאַליען, וואָס האַלט זיך אוף באַ אַ פֿויערל אין וואַלד — באָרוועס מיטן קינד אַף די הענט, און אַז מע דערנעענטערט זיך, אנטלויפֿט זי:

— צעדולט, אַ?.. צעדולט.

— און ברויט, אפּאָנים, האָט זי מיטגענומען... זי האָט, זי האָט.

אַבע איז געזעסן אַקעגן מיט אַ צעעפֿנט מויל פֿול מיט גאַוואַר ווי אַ געלעגערטס, מיט פֿאַרשמאָלטע אויגן, געקוקט, געקוקט און אַזוי אַנדרימלט געוואָרן, — פֿון לאַנגן אײַנהערן זיך, פֿון טומפּער מאָרעשכוירע, און ווי נאָר ער איז אַזוי אַנדרימלט געוואָרן, אַזוי גלייך האָבן זיך דערהערט די פֿרעמדע טריט, וואָס דערנעענטערן זיך אינדרויסן צום שטיבל — האַרטע טריט אין פֿעסטע מאַנסבל־שטיוול. קוילעס האָבן דאָרט אַ רעד געגעבן, עטלעכע מיטאמאָל, אַ זיכערער אַקסל האָט דאָרט אַ פּרוואו געטון פֿונדרויסן די טיר, און נאָכדעם האָט מען אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן, פֿריער אין איין פֿענצטער, און באַלד — אין צווייטן. אַבע האָט א ציטער געטון, געעפֿנט די אויגן און ניט דערקענט קיינעם אַרום זיך. אין שטיבל האָבן זיך פֿאַרבראָכן א פּאָר הענט — דער אידענעס הענט. די הענט האָבן אַ רעד געטון מיט אַ קאָל פֿון א מענטשן:

— אוי, עס איז שלעכט... ס'איז שלעכט!..

עמעצנס אַ פּאָר אויגן האָבן זיך פֿאַרגלאַנצט מיט אַזאַ צע־טומלטקייט, גלייך נידעריקער פֿון זיי, איבערן האַלז, פֿירט מען דורך מיט אַ מעסער, און אין דערזעלבער צייט האָט אַבעס לייב

דערפילט, אַז דאָ אין שטוב וויל עס מער ניט בלייבן. דאָ איז אים איינג, ווי אין אַ שטייג, וואָס מע וועט באַלד אַף אייביק שליסן. ווען אינדרויסן זאָל זיין איינער אדער צוויי, וואָלט ער זיך אף זיי געוואָרפן, נאָר דאָרט רעדן א מענטשן זיבן־אַכט:

— האָב זיי אַ שוואַרץ יאָר!..

פלינק, מיט א שטומען זייטיקן שטויס, איז אַבע געווען אין פינצטערן הינטער־הויז, אָנגעטאַפּט דעם לייטער אין ווייטן ווינקל און איז אַרוף אפן בוידעם. דאָרט איז ער געשטאַנען א ווײַלע אָנגעבויגן און זיך איינגעהערט: מע איז שוין אַריין אין שטוב. מע רעדט הויך, שטאַרק הויך. מע בייזערט זיך. זיין לייב האָט פּאַראַקשנט זיך געצויגן ווייטער דורך דער היפּשער לאָך אַרום קוימען, האָט ער אויסגעקוקט דעם דאַך פון דער נאָענטער שטאַל און זיך אַהין איבערגעקליבן. דאָ אינם ווייכן היי, וואָס פילט אָן דעם לעכעריקן שטאַל־בוידעם, איז געווען פיל וואַרעמער, פינצטערער און שטילער. פונונטן האָט זיך נאָר געהערט, ווי דעם סטעלמאַכס צוויי פערד הערן אוף א ווײַלע צו קייען און הערן זיך איין, באַגלייך ווי דאָס, וואָס אפן בוידעם טוט זיך, דערמאָנט זיי אָן די אָפּטרעטנדיקע דייטשן, בא וועמען דער סטעלמאַך האָט זיי פּאַר אַ שיבעש אָפּגעקויפט, און אַרום דער שטאַל — קיין מינדסטער שאָרך. אַבע האָט זיך אַזוי לאַנג איינגע־הערט צום אויסגאַנג פון שטאַל, ביז אים האָט אָנגעהויבן ציען דער האַלז און נאַקן. ער האָט מיד און שלעפעריק דעם קאָפּ אונטערגעשפּאַרט, און ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן דרימלען, אַזוי גלייך האָבן פיל פּיצעלעך און שטיקעלעך שרעק אָנגעהויבן נעענטער צו אים צוטרעטן. זיין לייב איז געלעגן צווישן זיי, ווי נאַקעט. ער האָט זיך אופגעכאַפּט טיף אין דער נאַכט. אַרום אים — אַ כאָלעמדיק געריש, אַרומגעצוימט, ווי מיט שטעכנדיקע דראָטן. אַ ביקס האָט טומלדיק אויסגעשאָסן, אָפּגעוואַרט און ווידער אויסגעשאָסן, נאָר אַז ער האָט זיך איינגעהערט, איז ארום־און־אַרום דער שטאַל, ווי פריער, געווען באַנאַכטיק־שטיל. לינקס, פון יענער זייט, וואו עס געפינט זיך דעם סטעלמאַכס שטיבל, האָט מען נאָר געטון אַ שטאַרקן קלאַפּ מיט דער טיר. אַ וויי־בעריש קאָל האָט דאָרט פּלוצים אויסגעשאָסן היסטעריש און ווילד, ווי ניט וועלנדיק נאָכגיין איינעם, וואָס שלעפּט זי מיט

גוואַלד אין דרויסן. אַ ווײַלע האָט דאָרט דאָס קאָל זיך ווי פאַר־האַלטן, זיך אײַנגעגריבלט מיט שאַרפן גרויל אין טויטער באַנאַכ־טיקער לופט, נאָר באַלד זיך איבערגעריסן, זיך אָפּגעהאַקט מיט אַ מאָדנע־שטילן ווײַבערשן זיפץ:

— אוי, ווי צו מיר, ווי!

און ווידעראַמאָל טויבער טויטער גליווער און אייביק־פוסטע נאַכט ארום.

ווידער האָט זיך אַבע אופגעכאַפּט אין גרויסער שרעק. גע־ווען איז דאָס מיט גרויען טאָג־ליכט. אים האָט זיך געדאַכט: זכאַריע דער סטעלמאַך קרעכצט, ער בעט אַ טרונק. נאָר אז ער האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט ער אַרום זיך קיינעם ניט געפונען, און שטארק דורשטיק איז גאָר געווען ער, אַבע אליין. ער האָט שטיל אַרויסגעקלעטערט אין דרויסן. איצט באַם גרויען שלעפּע־ריקן שאַריען, מיט ערשטן קרייען פון די הענער, איז געווען די בעסטע צייט אף מאַכן פּלייטע. ער האָט זיך געשווינד אַ טראָג געגעבן אַראָפּ בערגל, צו דער נעפּלדיק־פייכטער בערע, וואָס נאָך דעם סטעלמאַכס לאנגן גאָרטן, נאָר פלוצים דערזעען, ווי קעגנ־איבער דעם בריקל העצקען אף פערד עטלעכע פּעטליורישע רײַ־טער, העצקען אין אַ הירטל, ווי אַן אויסשפּיר־טייל, וואָס קערט זיך אום אין דאָרף פון נאָך באַנאַכטיקן מעראַגלים־זוכן. אַבע האָט זיך מיטאַמאָל צונויפגעלייגט אין צווייען, אַ יאָג געגעבן אָן אַ זייט און אײַנגעהויקערטערהייט זיך אריבערגעוואָרפן איבער אַ פּלויט אין אַ פרעמדן גאָיִשן גאָרטן. ער האָט ניט געוואוסט, צי דער רײַטער־טייל האָט אים געזעען צי ניין. ער איז געלעגן אַ ווײַלע און זיך אײַנגעהערט: מע רעדט אלץ הויך אין אָנהייב בערע, באַם בריקל, קלאָלעס קלינגען דאָרט, ווי אַ טויבלעכער מעטאַל, און צו אַנטלויפן איז שוין שפּעט: מע הייבט אָן רודערן אַרום די הייזער. אַ וואָגן רוקט זיך ערגעץ הילכיק, ווי אַף ברר־קירטן שטיין, און ווייט־ווייט אין רעכטן עק פון דאָרף הייבט מען אָן זונטיקדיק צו קלינגען אין קלויסטער. עס איז שוין געווען אינגאַנצן ליכטיק. עס איז קוים־קוים וואַרעם אופגעגאַנגען די זון, געאיילט, געאיילט צו העלער צייט פון מיטן טאָג, און דער דרויסן האָט זיין פרעסטל געהאַלטן אין איין נאָכלאָזן.

## .III

אַבע איז געלעגן אין אַ פרעמדן גאַיִשן גאָרטן אין אַ גרוב, וואָס איז אַמאָל אַ קעלער געווען; געזעסן דאָרט פאַרלוירן אַף אַ פאַראַיאָריק בערגל מיסט און זיך איינגעהערט: אין דאָרף טופּען אַלץ נײַ און נײַ פערדישע טלאָען, פּעטליורישע רײַטער קומען צו.

איין זײַט גרוב איז געווען פאַרדעקט מיט קרומע צווײַגן, מיט דינע פּרוטיקלעך, און דורך זיי האָט זיך דער הימל געזען, ווי דורך אַ סכאַך, — אַ רײנער אָנהייב־ווינטערדיקער הימל, אַ נײַ אויסגעבלויטער און א לויטערער, וואָס ציט צום פרישן דרויסן, נאָר דער טאָג אַליין דערמאָנט שטאַרק אָן אלץ, וואָס איז פאַר־געקומען באַנאַכט — א לאַנגע נאַכט. אַבע זיצט דאָ אין גרוב אָן אַ היטל. ער ווייס ניט, וואו האָט ער זײַן היטל פאַרלוירן: באַם פּלויט, צי נאָך אין סטעלמאַכס בוידעם צווישן היי. ער געדיינקט אָן אופהער דעם סטעלמאַכס צוויי פערד, וואָס זײַנען הפקרדיק פאַרבליבן דאָרט אין שטיבל: באַנאַכט, ווען עס וועט פינצטער ווערן, וועט ער פּאַקן איינעם פון אָט די פערד און וועט שטיל אַוועקיאָגן צוריק אַהין, אין דאָרף, צו די „גרויסע". נאָר אָט, ווען עס זאָל אופהערן האַווקען דער הונט, וואָס באַם פויער אַפן הויף אַף דער קייט! ווען קיינער זאָל אים אַ גאַנצן טאָג ניט פּאַקן אָט דאָ אין גרוב, וואו ער ליגט.

איצט איז באַטאָג.

צוויי שיקערע פון די היידאַמאַקעס זײַנען דורכגעגאַנגען גאָר נאָענט לעבן פּלויט, ניט ווײַט פון דער גרוב, וואו ער ליגט, גע־הוסט זיגעריש צו אַ שיקסע אין א הויף, באַגעגנט א זייעריקן, אַ נײַ־צוגעקומענעם, אַפּאָנים, און זיך מיט אים אָפּגעשטעלט, זיך דורכגעשאָלטן דרייגאָרנדיק אין דער לופט און פאַרשוואונדן. און נאָכדעם איז שוין געווען נאָענט צו זון זעצן זיך, און אין דאָרף האָט באַנײַס זונטיקדיק געקלונגען דער קלויסטער און איז באַנײַס אַנשוויגן געוואָרן. און דעמאָלט האָבן קריסטלעכע קינדער־מייד־לעך, אַפּאָנים — שפּילנדיק, געשאַרט צווישן די אָפּגעפרוירענע גרע־זער, וואָס נאָענט לעבן גרוב; געשאַרט, געשאַרט און צום גרוב דאָך ניט געקומען, געפּלאַפּלט צווישן זיך אַזוי רואיק קינדעריש, און גערעדט האָט זיך אַלץ: זיי זײַנען אַזעלכע ווײַטע, ווײַטע:

זיי, די שפּילנדיקע קינדער, און ער, אַבע, וואָט ליגט אין גרוב, זיי: די שפּילנדיקע קינדער, און דעם סטעלמאַכס העפקערדיק שטיבל, וואָס דאָ ניט ווייט אַף א זייט. עס האָט זיך געהערט, ווי מאַמעדיק מע שרייט צו זיי איצט פאַרנאַכט פון וויטלעכן הויז, וואָס אין אָנהייב גאָרטן אַפן בערגל. מע רופט זיי איצט ווי טאָמיד רואיק צו דער היימישער, נאָר־וואָס פאַרטיקער קאַרטאָפל.

אַבע האָט שטיל אָנגעהויבן אַרויסקלעטערן פון גרוב.

אין גרינגן פרעסטל האָט געשמעקט מיט שאָלעכץ פון קאַל־טע עפּל און מיט נייעם שעפּסענעם פעלץ.

אינמיטן דאָרף אַקעגן שטיל געוואָרענעם קלויסטער האָבן אויסגייענדיק דערויכערט די צוויי היידאַמאַקישע אייזערנע קיכן, געזעצט מיט דאַמף פון פעטן מאַרך־ביין און פון כיילעוו. און היידאַמאַקעס אין דאָרף זיינען געווען אַסאַך, אַסאַך.

פריער אַביסל איז מען מאכנעסווייס געשטאַנען אַפן פּלאַץ, זיך געוואָרגן אין אייגענעם רייעך, אַ רייעך פון אויסגעוועבטן יאָדאָפאָרם און פון שוויס, זיך געשטופּט צו אַ גרויסער שפּילנ־דיקער האַרמאָשקע, ארום וועלכער עס טאַנצן פאָרן. דערנאָך האָבן צו פאַרנאכט־צו ערגעץ געבריקעוועט פערד, געיאָגט צו אַ נידע־ריקן עק הימל, וואָס ברענט אַרום דאָרף, ווי אַ געגנעמדיקער פייער. אינמיטן דאָרף האָט מען געמיסטיקט מיט שאָלעכץ פון יאָדערן, מיט קאַטשאַנעס פון קרויט און אופגעהויבן אַ גרויס גע־לענדער באַ יעדער פּרוואוו, וואָס אַ שיקסע מאכט ארויסצוטרעטן פון פאָטער־הויז. און פּלוצים האָבן זיך דאָרט דערהערט די קוי־לעס, וואָס האָבן אַבען ארויסגעגנאַרט פון גרוב.

— יאָג אים, יאָג אים!

— לאָז ניט דורך.

אין אַ צעשאָטענעם געמיש האָבן די ערשטע פּאָר פּיס אַוועק־געיאָגט צו אַ פרעמדער פור, וואָס באַווייזט זיך אינמיטן וועג אין אָנהייב עק פון דאָרף:

— כאַפּ! האַלט! האַלט!

און נאָך זיי האָבן זיך געלאָזט אַנדערע — אַלע. מע האָט אויס־געשאָטן פון די שטיבער און פון די הויפן, באַשטיוולטע קני האָבן בעריעש געשווינדלט פון איבער פּלויטן, און אלץ איז גע־לאָפן אַהין, צו דעם פרעמדן פאַרהאַלטענעם וואָגן:

— לאָז ניט!

— זיי האָבן געוואָלט אַנטלויפן.

די מאַכנע ארום דער פור איז געוואָקסן, ווי אַ רירעוודיקע געשווילעכץ, זיך געשנירלט און גערינגלט, רעציכעדיק האָט מען דאָרט איבער אַקסלען און איבער קעפּ אַריינגעזידלט און אין סאַמע מיטן פון דער מאַכנע אַריינגעשטויסן מיט די פויסטן און זיך אַלץ געריסן צו צוויי פרעמדע, וואָס זיינען אין טיפן מיטן פון דער מאַכנע שוין געווען שטאַרק הייזעריק און מיד פון ווערן זיך און האָבן נאָך אַלץ געשריגן מיט גרילצנדיקע האַלב דערוואָרגענע קוילעס און מיט טאַינעס, טאַינעס.

עמעצער האָט דאָרט אלץ געוואָלט אלעמען פאַריידן, אַלעמען פאַרפלוידערן מיט אָן אַ שיר רייד.

עס איז געוואָרן שפעט; עס איז אופגעגאַנגען די לעוואָנע. דעמאָלט האָט מען פון מיטן דער מאכנע אַרויסגעפירט אַ פּאָר מידע אויסגעשפאַנטע פערד, מע איז אַוועק מיט זיי אַראָפּ אין דאָרף אריין, ווי נאָך אַ רואיקן פסאַק־דין, און די אַרומיקע איינגע רייען האָבן זיך פאנאנדערגעשאָטן, זיך ניט פאַנאַנדערגעגאנגען, נאָר זיך צעקראָכן, אויסגערונען און זיך צעשוואומען, ווי אַ געשווילעכץ. אין גאַנצן דאָרף איז מען שוין געשלאָפן, און נאָר אַבע איז דאָרט איינער אליין געשטאַנען; געשטאנען אָן אַ היטל אין זיין גרויער אָפּגעריבענער שינעל, האַרט באַם פאַרטראכטן ציילעם, וואָס אין אָנהייב דאָרף, און האָט געקוקט מיט באַנאכטיקע אויגן.

אַקעגן, אפן אָרט, וואו עס איז פאָרגעקומען דער געשלעג, איז געבליבן ניט מער, ווי אַ היפּשער ליידיקער וואָגן, אַן אומגליקלעך־אויסגעשפּאַנטער מיט אַ שטעקנדיקן דישל, מיט וואַלגערנדיקע פערדישע שלייעס, און אַרום וואָגן האָבן געפּאָרקעט צוויי פרעמדע געשלאָגענע ברואים. איינער אַ וואוקסיקער אין אַ קורץ לייבל און אין שטיוול, אַ רירעוודיקער, ווי אַ יונג אויסגעפּראַוועטע סאָלדאַט, וואָס פאָלגט און רעדט ווייניק. ער האָט אַלעמאָל צוגעלייגט אַ זשמעניע צו דער נאָז און האָט געקוקט אַקעגן דער לעוואָנע, צי עס גייט נאָך בלוט. און דער צווייטער, אַ מיטל־וואוקסיקער אין אַ שווארצער שינעל, האָט אַלץ ניט אופגעהערט קורצזיכטיק צו פּאָרקען אין דער שטרוי פון וואָגן

און קלאַפּן דאָרט אין דער ברעט, ווי מע קלאַפּט אין אַ דאָפּל־טער דעק:

— ס'איז דאָ, — האָט ער געזאָגט, — אַלץ איז דאָ.

דער דאַשעק פון זיין סטודענטיש היטל איז אים געווען פאַר־פּאָרן אין אַ זייט. זיין צעטראָגן פּאָנים האָט אויסגעזען אַזוי, ווי עס וואָלט וואָכן לאַנג קיין צייט ניט געהאַט צו לאָזן זיך אַרומ־גאָלן, און פאַר זיינע שוואַרצינקע גלאַנציקע שוואַרצאַפּל איז גע־ווען ווינציק פּלאַץ אין די קליינע שמאָלע אויגן. זייער אויסדרוק איז געווען:

— ניטאָ קיין צייט... ניטאָ קיין צייט...

— איז ווי, — האָט ער אַלץ געפרעגט באַם לאַנגן, — טוט וויי, אַ? טוט וויי?

אַבע האָט זיך אַלץ דערנעענט צו זיי פּאַמעלעך פון הינטערן ציילעם, וואָס אין עק דאָרף אַקעגן; געגאַנגען א טריט נאָך א טריט, נאָר אַלץ אָן מוירע.ביידע זיינען זיי געווען געשלאָגע־נע, געיאָגטע, ווי ער, אַבע. זיין לייַב האָט זיך צו זיי געצויגן, געצויגן און ניט געפילט קיין סאַקאָנע. ער איז שוין געווען נאָענט, געשטאַנען ווי אַ בער מיט אויסגעקייטלעכטע הענט און געקוקט מיט באַנאַכטיקע אויגן. און פּלוצים האָט זיין בליק באַ־געגנט יענער וואוקסיקער אין לייבל און שטיוול, וואָס קעגנ־איבער דעם וואָגן, באַגעגנט טומפּ, אָן שוידער. אַבע האָט שטיל אָפּגעטראָטן צוריק צום ציילעם, נאָר יענער האָט זיך אַלץ דער־נעענטערט, צוגעקומען פּאַמעלעך מיט אַן אָנגעבויגענעם שטערן, ווי אַף א שטויס צו געבן, און מיט מעשונע־פּרעמדע, שטאַרק גרויע אויגן; אַ ווײַלע האָט ער זיך אַזוי אַרײַנגעזויגן אין אַבעס פּאָנים.

אַ פּויזע.

זיין קאָל האָט אַ פרעג געטון באַ אַבען, זייער שטיל, גלייך ער בעט זיך באַ אים ער זאָל פאַרגלויבן זיין סאָד:

— דאַכט זיך, א איד?.. אַ?..

שטיל.

— דאכט זיך, א איד?.. צי ניין?

אַבע האָט אָן מוירע אַראָפּגעשלונגען. געדאכט האָט זיך אים, אַז ער מאכט פּינקטלעך נאָך דעם שטילנס קאָל. ער האָט אַ פּאָנ־פּע געטון צו זיך אין נאָז:

— נו, יאָ...

און אָפּגעוואַרט אביסל, צוגעגעבן:

— ס'אידען, אַ?..

די שטאַרק גרויע אויגן האָבן באַמערקט, אַז ער איז אָן א היטל.

— ווי קומט מען עפּעס אַהער? — האָט זיך געכידעשט דער לאַנגער.

אַבע האָט אָנגעהויבן דערציילן. נאָר איצט זיינען שוין לעבן אים געשטאַנען ביידע פרעמדע, זיי האָבן זיך אַ שעפּטשע געטון, א קוק געגעבן אף אַבען, זיך ווידער א שעפּטשע געגעבן און ווידער א קוק געגעבן אף אבען:

— און צו די „גרויסע", — האָט מען בא אבען געפרעגט, — צו די „גרויסע" איז וויַיט? צו די אופּגעשטאַנענע...

— צום פערטן פּאָלק? וואָס'איר־דען?

— מיר דאַרפן...

— אזוי... אַ וויאָרסט פּופצן, זאָג איך.

— ניט מער?

אבע האָט אומשולדיק אופגעהויבן די אקסלען:

— מענטש איינער, איך קום דאָך פון זיי...

ווידעראַמאָל אַ שטום קוקעניש אַף אַבען, אַ שטיל שעפּ־טשען און באַנייס אַ קוקעניש.

— און אַ פּאָר פערד קאָן מען קריגן?

אַבע האָט געזאָגט.

— בעסער צופוס.

— ניין, מיר מוזן האָבן.

— וואָס זשע? — אַבע האָט מיט א באַלעגאָלישן ווינק זיך אַ זייטל געטאָן אַפּן וועג, — מע פירט דאָרט עפּעס?

— מע פירט.

אַבע האָט זיך גענומען קראַצן, ער האָט זיך אַרומגעקוקט.

— פאַראַן דאָ באַם סטעלמאַך אין שטאַל אַ פּאָר פערד... ערשט אָט דאָ באַנאַכט האָט מען געהאַרגעט דעם סטעלמאַך...

— נו?..

— מוז מען דעם וואָגן פריער אַוועקשלעפּן אַרום־און־אַרום דאָרף צום בריקל, וואָס בא דער בערע, און איך האָב מוירע... און הונגעריק בין איך... ניטאָ עפּעס צו קייען?

אַבען האָט מען געגעבן ברויט, און צום בריקל אַ קוק געבן איז אַוועק דער באָכער מיטן לײַבל און מיט די שטיוול. דערנאָך האָבן אַלע אינײנעם אַהין געשלעפּט דעם וואָגן, דער באָכער מיטן קײַענדיקן אַבען, אײַנגעשפּאַנט אין די שלײעס, און דער צעטראָגענער אינם סטודענטישן היטל האָט אונטערגעשטופּט. באַ דער שײַן פון דער לעוואָנע האָט אַבע ארויסגעפירט און אײַנגעשפּאַנט דעם סטעלמאַכס פערד, און דער, וואָס אין סטודענטישן היטל, האָט אַלץ געוואָלט ס'זאָל זײַן גיכער, גיכער.

— איז עפּשער אַף אײַך וואַרט מען? — האָט געפרעגט אַבע.

— ס'איז דען?

— כ'האָב געהערט זאָגן: מע וואַרט אַף א פּאָר מענטשן פון די רויטאַרמײיִשע פּאָלקן... און אף געלט, האָב איך געהערט, וואַרט מען.

און בײדע פרעמדע האָבן זיך דורכגעקוקט. באַ אַבען האָט מען געפרעגט:

— פאַראַן דאָרט באַ אײַך אין שטאָב אײנער מיט א בעלמע אַפן אויג?

— פאַראַן. א לאַנגער אַזא, אַ קאיסן, זאָגט מען. ס'איז דען?

— גאָרנישט, ס'איז רעכט... פּאָר!

מע האָט זיך אַלע דרײַ אַרײַנגעוואָרפן אין וואָגן און מע איז שטיל אַוועק מיטן זאַמדיקן וועג אַרויף אַ באַרג. איצט איז שוין דער אָוונט אינגאַנצן געווען טונקל. מע האָט באַלד נאָכן באַרג אויסגעמיטן דעם ברײטן וועג, און מ'איז אַוועק מיט אַ זײַטיקן, א שמאָלן, וואָס פאַרלירט זיך אין דער ברײטער שטרעקע, ווי אין אַ סטעפּ. דאָרט האָבן די פערד אָנגעהויבן אונטערצולויפן, און בײדע פרעמדע האָבן זיך ווי אײַנגעהויקערט און אַנשוויגן געוואָרן. אַבע איז געזעסן אין וואָגן באַלעגאָליש, אָן אַ היטל, די פיס אונטער זיך, און האָט פויל אָנגעטריבן. ער האָט אַלץ געדײַנקט דאָס דאָרף, וואָס הינטער די פּלײצעס, און זכאַריע דעם סטעלמאַכס האַלב גאָיִש, האַלב אידיש שטיבל, וואָס דאָרט אַקעגן דער אײַנקלאַסיקער שול:

— געווען באַדאַרפט כאָטש אַרײַנגײן אַהין צו זכאַריע דעם סטעלמאַך, כאָטש אַ קוק טון... אים האָט באַנק געטון זכאַריע דער סטעלמאַך, אָט אַזוי, ווי עס טוט באנק א שטילער איד אַ

פעטער, אזעלכער, וואס זאָגט קיינמאָל ניט קיין ווייך וואָרט, נאר מע ווייסט דאָך, אַז ער איז געטריי, און מע פילט זיך לעבן אים געשיצט. און אויך דער מאַסליאַניק פונם הויז אונטערן בלעך, וואָס אַרויס דאָרף, האָט שטיל און באַנאַכטיק באַנק געטון.

אַבע האָט אלץ געקוקט אַקעגן צום קליינעם וועלדל, וואוהין מע דערנעענטערט זיך. הויך איבערן וועלדל האָט איצט נאָך ליכטיקער ווי פריער געשיינט די לעוואָנע. אונטן, צווישן די בוי־מער, האָט זיך געדאכט, לויפט ארום עפעס א שטאַרק רויטלעכס און רירעוודיקס, ווי א קליין ציטעריק פייערל, נאָר א קאַלטס, ווי דאָס פרעסטל, וואָס שטאַרקט זיך אין דער שפעטער נאַכט אַריין, ווי די קאַלט שיין, וואס גיסט זיך פונויבן, פון דער לע־וואָנע. וואס מער מע האָט זיך דערנעענטערט, אלץ מער האָט זיך עס אָפּגערוקט, אָט דאס קאַלטע רירעוודיק פייערל, זיך אָפּ־גערוקט און אַנטלאָפן טיפער אין וואלד אריין. אַבע האט זיך אַזוי לאנג אין פייערל איינגעקוקט, ביז ער האָט שיר־שיר אָנ־געהויבן דרימלען: מע איז שוין געווען גאָר נאָענט לעבן וועלדל. און פלוצים האָט אַבע, זיצנדיק אַפן וואָגן, זיך א וואקל געטון און האט מיט ציטעריקן גרויל טומפּ צעעפנט די אויגן. ער איז טיף אין זיך נאָך אַלץ מיט אַלע כושים געשלאָפן, נאָר די אויגן זיינען דאָך באַ אים געבליבן אָפן, און געזעען האָבן זיי ווי אין כאָלעם: אין אָנהייב וועלדל אַפן ליידיקן אויסגעהאַקטן אָרט, צווישן די וואָרצלען, וואָס געלן זיך אַקעגן דער לעוואָנע, ווארפט זיך איבער אַ שאָטנדל פון איין אָרט אַפן צווייטן, און אַ גע־שטאַלט ווי אין אַ קליידל, אַ מאָדנע גרינגס און שוועבנדיקס, טוט דאָרט אַ יאָג באָרוועס מיט א קינד אַף די הענט, שווימט אַרויס פון צווישן די ביימער, וואס אין איין זייט, און פאַרשווינדט גלייך צווישן די ביימער, וואס אַקעגן.

— טפּרו! — האט אבע פלוצלינג אָפּגעשטעלט דעם וואָגן און איז געשווינד אַראָפּ פון דער פור.

— וואס? — האבן דערשראָקן, ווי פון שלאָף, אַ פרעג געטון ביידע פרעמדע. — וואס האט געטראָפן?

נאר אַרום־און־ארום איז געווען מאָדנע שטיל. די לעוואָנע־שיין האט זיך געגאָסן פונויבן אַפן וועלדל, און אין דער גאָ־רער טיף פון וועלדל—ניט קיין מינדסטער שאָרך אַפילע, ניט קיין

פייער, און ניט קיין ריר פון אַ בוים, אָדער פון אַ צווייג. אַבּע האט אָקאָרשט איצטער ווי אופגעוואַכט. ער האט זיך ארומגעקוקט:

— ניין, גאָרנישט... האט ער געענטפערט.

און פאַרגייענדיק פונפאָרנט פאר די פערד, האט ער געמאַכט אַזאַ אויסזען, גלייך באַם שפּאַן האט זיך עפּעס צעריסן, און ער פאַרבינדט שטאַרק, מיט קויעך און מיט אַסאַך קניפּן, קעדיי עס זאל מער ניט פּלאַצן. ער האט פּלוצלינג דערפילט, אז מיט די צוויי, וואס זיצן אַפן וואגן, איז ער ווי פון לאַנג שוין זייער היימיש — דאס זיינען ניט די פאַרשוינען פון זיין שטיף־פאָטער, וואָס ער פלעגט פירן, און די פור אַליין איז אויך עפּעס גאָר אַן אַנדערע — זי איז קיינעמס ניט און איז אַלעמענס.

— אַ בראַנד אין זיי, — האט ער געזאגט, — היצלעס, אַ? — אָט יענע, וואס אין דאָרף... מירן גיין אף זיי, אַ? מירן גיין אף זיי מיט אונזער גאַנצן פאָלק.

## .IV

אַף מאָרגן אינדערפרי.

רויטער שטאָף האָט הויך אַפן שטיבל פון „שטאַב" געפלאַטערט פון גאַנצפרי אָן, ווי אַ פרישער קימפעט־פאָרהאַנג זיך גע־ווינטלט מיט אָן אַ שיר קנייטשעלעך אין די קנאַקנדיקע כוואַ־ליעכלעך, און אין יעדער קנייטשעלע א פרייד:

— אַן עק צום שטיין.

אקעגן, אין גרויסן בלאָטיקן הויף אַרום די פאַרקאַזאַרמעטע שטיבלעך, וואו מע רייניקט די קאַזיאָנע פערד, האָט אַרומגעבלאָנ־דזשעט אַבּע.

אַרומגעבלאָנדזשעט שלעפעריק נאך א קורצן גאַנצפריעדיקן דרימל, געשטאנען היימיש, ווי אַן אָרטיקער, וואס קאן גלייך מיט אלע ארומיקע דאָ זאָגן א דייע, און אלץ גייט אים דא אָן נאך פיל מער, איידער עס גייט אים אָן זיין קאַלע, וואס דארט אין שטאָט אין טאָל... צו איר, צו דער קאַלע איז שוין איצט עפּעס אַזוי ווייט, פיל ווייטער, ווי עס האט זיך געדאכט. נאר אים, אַבּען, אַרט עס ניט.

אַבּע האט שטייענדיק אַזוי געשפּיגן זויערלעך און בייז. אין ווייטן ווינקל איז אַ הירטל קאַזיאָנע פערד געשטאַנען מיט פאַר־

שמאָלטע, דרימלענדיקע אויגן, זיך גענעצט סיי באַטאג, סיי באַ־נאַכט אַפּן רעגן. צו דריי פון אָט די פערד האט אַבע געהאַט אַ נאָענטע שאַיכעס: איינס איז געווען אַ קליינס, אַ פאַרזשמורעטס, דעם אידישן שמידס, פון הינטער דעם דאָרף באַם ווייטן טראַקט, און צוויי זיינען געווען דעם סטעלמאַכס: גרויסע, מיט שטארק קורצע, אייביק צאַפּלענדיקע ווייטיק־עקן, מיט אָפּגעשווירענע פאַרמוליעטע העלזער און מיט דאַרע שמעקנדיקע קלובעס. אַבע האט אַף זיי געקוקט אומעטיק, ווי אַף יעסוימים.

— שטיי, דו!

מיט אַ בייזלעכן פאָנפע האט ער זיך אָנגעבויגן צו איינעם פון די פערד, אים באַפרייט אַ פאַרפּלאָנטערטן פוס פון שטריק און ניט געשלאָגן מיטן פוס אין בויך, ווי עס קומט אין אַזעלכע פאַלן.

און קוקנדיק אַזוי, האט ער שוין געפילט, אז אויך אַלע אַנ־דערע פערד, וואס דא אין הויף, זיינען אים פיל מער אייגן, ווי די פערד פון זיין שטיפטאַטן איכיעל־מוישע דעם באַלעגאָלע. אויך צו זיי האט ער, ווי אלע מענטשן דא אין פאָלק, זייער אַ נאָענטע שאַיכעס.

— אַבע — האט מען גערופן פונהינטן, — גיי!

— מע רופט דיך אין „שטאַב" אַריין, אַבע!

אַבע האט זיך אהין אַוועקגעלאָזן מיט א באַשעפּטיקט פאָנים פון א שוטעף. ער האט געוואוסט, אז אין „שטאַב" זיצן נאך אַלע פון פאַרטאָג אָן, פארזאמלט ארום די צוויי נייע, וועלכע ער האט נעכטן אינאָוונט ארויסגעראטעוועט. ער, אבע, איז איינער פון זיי.

אין שטאַב האבן זיך אַלע געצויגן מיט א שמייכל אַפּן פּאָ־נים, זיך געצויגן, ווי פון נאך א לאַנגער אָנגעלייגטער מאַיסע.

— אַבען, — האט מען געזאגט, — דעם ערשטן געהאלט! אַבע האט אַרויסגעהאָלפן זיך פארבינדן מיט די רויטארמייאישע פּאָלקן.

— מאָלאָדיעץ!... אַ העלד — אבע!

אַבע האט געקוקט ברויגעזלעך, ווי גלייך עמעצער וויל אים דא זאָגן:

— האסט דאָך דאָ געוואלט ניט מער, ווי צו דיין קאלע, האסטו דאָך געוואלט.

ער איז געווען גרייט צו ענטפערן:

— איז וואס-זשע, אז איך האב געוואָלט, איז וואָס?

ער האט געקוקט מיט ניט גלויבן אפן געהאלט, וואס מע גיט, און האט עס מוירע געהאט צו נעמען אין די הענט אריין, ווי גלייך מע וויל אים מיטן געהאלט אָפּאַטערן; מע וויל אים זאגן:

— אָט האָסטו דערפאר, וואָס דו האָסט ארויסגעראטעוועט — און איצט גיי דיר, צו דיין קאלע גיי דיר.

אַבעס לייב האט געפילט, אז עס וויל פונדראנען ניט אַוועקגיין.

אַבע האט געוואלט זאָגן, אז ער האט אלע יאָרן אומזיסט געהאָרעוועט אף איכיעל-מוישע דעם באלעגאָלע און אף זיינע פאַרשוינען — און האט אלע יאנטעוו אומזיסט געזאגט „איזקויר" אין דער באַלעגאָלישער שול; אז ער האט צוליב זיי אלע יאָרן אוועקגעלייגט זיין געזונט, און אז זיי צוליב אים — א קריינק אף זיי, א בראנד!... אבע האט געוואָלט זאָגן, אז צו אָט „יענע" וועט ער זיך ניט אומקערן; אז א מענטש איז ער א פּראָסטער, נאר אז דא, אין דער ארמיי, איז — די נעשאָמע...

נאר אבע האט ניט געקאנט ריידן, איז ער דעריבער געשטאַנען ביי־זלעך, ווי אָנגעבלאָזן. ער האט ניט געוואָלט קוקן אפן געהאלט, וואס מע שטרעקט צו אים אויס. ער איז געשטאַנען צום אויסגעשטרעקטן געלט ווי מיט א בייזלעכער זייט און האט בייז און פארשלאָפן געפרעגט:

— איז ווען גייען מיר מיטן פּאָלק אפן דאָרף?... אף ליש־טשינאָוועקע, הייסט עס, ווען גייען מיר?

# הינטער א ברענענדיקן שטעטל

אין דער לינקער זייט פון געגנט האָט פון גאַנצפרי־אָן גע־ברענט א שטעטל. שווער איז געווען צו וויסן, ווער האָט באַנאַכט דאָס שטעטל אונטערגעצונדן:

די באַנדעס, וואָסווילדעווען אין געגנט.

אָדער דער „רויטער" פאַנצערצוג, וואָס היט שוין א מעס־לעסן דריי די ליידיקע רעלסן ערגעץ ניט ווייט אף א וואָקזאַל— ער ווייסט ניט, וואו די באַנדעס הוליען, און ער הערט ניט אוף צו שיסן.

שוואַרצע רויכיקע קנוילן האָבן זיך אָנגערירט אָן הימל.

זיי האָבן פאַרטונקלט דעם לינקן ברעג פון פרימאָרגן און אים געמאַכט ניי און גרויזאַם.

אין פעלד איז קיינער ניט געפאָרן.

דאָס שטעטל האָט קיינער ניט געלאָשן.

און נאָר מיטן וועג, וואָס פירט פון דאָרט, איז איינער אליין גע־גאַנגען שאַיע אוגער — א געוועזענער אָנגעשטעלטער באַ א צוקער־קאָמיסיאָנער אפן וואָקזאַל — א רויטהאָריקער יונגערמאַן מיט אַ געזונט און געדיכט לײַב און מיט אייביקע פאָקן אפן פּאָנים, אף דער נאָז און אף די לעפּלעך פון די אויערן — ער האָט זיך גע־גאַנגען שטיל, ווי דער פאַרצייטיקער פעטער לאָט פון ברענענ־דיקן סדאָם.

ער איז געגאַנגען געוואוירע ווערן צו זיין קוואַרטיר און צום ביסל באַלעבאַטישקייט, וואס ער האָט באַם וואָקזאַל געלאָזט אף דער האַשגאָכע פון א באַקאַנטן שייגעץ — א טעלעגראַפיסט. ער האָט ניט געוואוסט, צי זיין וואוינונג איז נאָך גאַנץ, צי עפשער האָט מען זי שוין פאַנאַנדערגעטראָגן. זיין פּלאַן איז געווען זיך אויסצובאַהאַלטן עטלעכע טעג באַם באַקאַנטן טעלעגראַפיסט, און גאָר גוט אפן האַרצן איז אים ניט געווען:

עס איז געווען אינמיטן טאַמעז — א צייט פון אומגליקן און פון שכיטעס, א צייט, ווען שטילע דערפער האָבן אויסגעקוקט זייער בייז, ווי גלייך זיי זיינען באַזעצט ניט מיט מענטשן, נאָר מיט הינט, און די הינט זיינען מעשוגע געוואָרן פון גרויסער היץ און פאַרזייען אומעטום די טראָפּנס פון גיפטיק־ווילדער סלונע...

אוגער איז געגאַנגען זייער פּאַמעלעך און געהיט, ווי עס פּאַ־דערט זיך צו גיין אין אזא צייט אף איינגעשטעלטע מעסוקענע וועגן. זיינע טריט זיינען געווען פויל, ניט זיכער און פול מיט כאַראָטע.

אלע רעגע האָט ער געוואָלט זיך אומקערן צוריק.

נאָר ווי פּאַמעלעך ער איז ניט געגאַנגען, איז דאָך צווישן אים און צווישן דעם ברענענדיקן שטעטל געוואַקסן די שטרעקע. די סאַקאָנע איז שוין געווען אלציינס גרויס סיי פונהינטן, סיי פונ־פאָרנט, און דערצו נאָך האָט אים זיין מאַזל צוגעשיקט א מאָדנע באַגלייטערן דאָ אף זיין וועג — א באַשעפעניש, אף וועלכער מע קאָן גאַנצע שאָען קוקן און זיך וואונדערן:

— ווער איז זי?

פאַר אים, מיט קנאפע דרייסיק קלאַפטער ווייטער, איז די גאַנצע צייט געגאַנגען א וואוקסיקע און פעסטע מויד, אן אויס־געפוצטע און איינגעשנורעוועטע, ווי אין זייער א לאַנגן שטייפן קאָרסעט.

געגאַנגען איז זי מיט א פריילעך גיינגל און געווען איז זי אויסגעפוצט, ווי אף יאָנטעוו אָדער אף א כאַסענע. זי האָט גע־רוישט מיט אירע שטייפע שווארץ־זיידענע קליידלעך און האָט אויסגעזעען, ווי אָנגעקראָכמאַלעט.

אוגער האָט זי פון שטעטל ניט געקאָנט. ער האָט זי פון אויג ניט אַרויסגעלאָזט און איבערהויפּט איז אים געווען ביז גאָר קאָשע:

— פונוואַנען האָט זי זיך אהער גענומען?

אַלע ווײַלע האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און האָט זיך איינגעקוקט צוריק צום ברענענדיקן שטעטל.

ס'האָט אויסגעזעען, ווי זי האָט דאָרט עמעצן געלאָזט און עס טוט איר באַנק. זי האט געצויגן איר ווייסן שאַרף איבערן קאָפּ און איבער די אויגן, קעדיי די הייסע זון זאָל זי ניט בראָטן. פון אונטער איר שאַרף האט דאן ארויסגעקוקט ניט מער, ווי איר אונ־טערשטער האַלבער פּאָנים — א געשמאַקער, א לייגלעכער, ווי

דער האַלבער פּאָנים פון א קאַלע בעשאַס מע דרייט זיך אַרום איר אונטער דער כופּע, און אַלע קוקן דאַן אף איר — אַלע דער־קענען, אַז זי האָט שטאַרק געוואָלט דעם כאָסן...

אירע אויגן האָבן געקוקט איבער אונדזערס קאָפּ, זיי האָבן גע־זוכט עמעצן.

דענסטמאָל האָט זיך אויך אונדזער אָפּגעשטעלט קוקן אף צוריק — אויך ער האָט קלוימערשט געזוכט עמעצן מיט די אויגן.

נאָר אף דער גאַנצער לאַנגער אָפּגעגאַנגענער שטרעקע איז קיינעם ניט געווען צו זען.

ווייט, ווייט פון קעגניבער א טונקל וועלדל האָט נאָר פון צייט צו צייט געשיינט דעם שטעטלס רויכיקער פּלאָנטער — גאַנץ געדיכטע שוואַרצע קרייזלען זיינען דאָרט פול געווען מיט העלע פייערדיקע צינגער, און פון ערגעץ נאָך ווייטער האָט די גאַנצע צייט ניט אופגעהערט צו קנאַקן, כאָטש קיין שיסנדיקע רויכלעך האָט מען אין קיין זייט ניט געזען.

אונטער דעם ריינעם בלויען הימל האָט זיך דעריבער געדאַכט, אַז די זומערדיקע וועלט שיסט פון זיך — זי דונערט מיט שטילע דרימלדיקע דונערן. און ווידער איז געווען ניט קלאָר, צו וועמען אָט די דונערן קערן: צו די באַנדעס, אָדער צום „רויטן" פּאַנצער־צוג, וואָס היט דעם וואָקזאַל.

דעם וואָקזאַל איז אים אין ארומיקן רוים נאָך אַלץ ניט געווען צו זען.

די מויד איז אלץ געגאַנגען ווייטער, איז נאָך איר פּאַמעלעך נאָכגעגאַנגען אויך ער — אונדזער. פון מאָל צו מאָל האָט ער זיך מער איבערגעצייגט, אַז די מויד איז אַ טשיקאַווע־שיינע:

— ערשטער סאָרט.

אונדזער איז געווען אַ וואָקזאַל־מענטש פון אינגלווייס אָן — אַ שטומער מעכוטן מיט יענע זייער שיינע פאַרבייפאָרנדיקע נעקיי־וועס, וואָס האָבן זיך דאָרט אף אים קיינמאָל ניט אומגעקוקט. אַ זייטיקער מייוון אף „ערשטן סאָרט". ער האָט דאָרט טאָמיד אין די פרייע זונטיקס אף זיי ביגנייווע געקוקט און טאָמיד געהאַט צערטלעכע געפילן אַפילע צו די שיינע יונגעלייט, מיט וועלכע זיי באַווייזן זיך אין פענצטער פון וואַגאָן. אזא יונגערמאַן, האָט זיך דעם רויטן געשטופלטן אונדזערן געדאַכט, איז עפּעס א מאָדנע

דרואיקער. אַזוינער, אַז ער לייגט זיך שלאָפן, טוט ער סאַכאַקל איינמאָל א געגעץ און ווערט גלייך אנדרימלט, ווייל זיינס אין לעבן האָט ער שוין אָפּגעטון און ווייל בּאַ דער שיינער וואוקסי־קער פרוי, וועלכע ער בּאַגלייט אין וועג, איז די האַנט — א האַנט און די דיך — אַ דיך, ווי בּאַ די אַנצוגן, וואס ווערן אַרויסגעשטעלט אין דער גרויסער שטאָט אין די פענצטער פון ערשט־קלאַסיקע מאַגאַזינעס — א לאַץ איז דאָרט א לאַץ און אן אַרבּל — אַן אַרבּל. און מערסטנטייל טרעפן זיך פרויען מיט קיילעכדיקע צונויפגעקור־צעראַבּעטע קערפּערס, ווי בּאַ א רעקל, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אף טאַנדייט — די בּרוסט גיסט זיך צוזאַמען מיטן קיילעכיקן בּייכל, דער רוקן איז נידעריקער פון פלייצע שטאַרק איינגעבּויגן, די אַקסלען מיט די נאַריש־היינגענדיקע הענט — אַרונטערגעבּויגן אף צוריק, און אינגאַנצן מיטן אַרויסגערוקטן בּייכל איז אַזוינס בּאַשאַפן געוואָרן בּלויז אף צו קינדלען; אף צו טראָגן שווערע קאָשעקעס פונם מאַרק, אף צו זיין אייבּיק מעאובּערעס, — אזאַ ווייבּל האָט געהאַט ער, אוגער, איז ער פון איר קוים פּאָטער געוואָרן — ער האָט איר צוגעצאָלט און האָט זי אָפּגעגעט... נאָר עפשער איז דאָס טאַקע געווען אן אַוולע און ער, אוגער, וועט נאָך דערפאַר בּאַשטראָפט ווערן... עפשער איז דאָס אַליין שוין א סימען, אַז ער וועט היינט געהאַרגעט ווערן — דאָס, וואָס דער סאָטן האָט אים איצט אפן וועג אונטערגעשיקט אָט די נעקייווע און אים ארופ־געפירט אף אַזעלכע געדאַנקען — איצט אין אזא מין צייט, פאַרן טויט, אַזעלכע געדאַנקען...

פון בּיידע זייטן וועג האָט הויכער גרויער קאָרן געבּויגן זיינע טרוקענע איבּערגעשטאַנענע זאַנגען, זיך געבּראָכן, געשאָטן קער־נער פאַרן ווינט. קיינער אכוץ פייגלען האָט דאָס יאָר דידאָזיקע קערנער ניט געזאָלט קלייבּן.

ערטערווייס זיינען איבּערגעטרוקנטע טוואועס געליגן אומגע־וואַלגערט, גלייך ווי שיידים וואָלטן זיי פאַרזייט ניט מער ווי אף קוליען זיך, אף טאַנצן — זיי זיינען געליגן ווי העפקער, און פון דער געגנט האָט ניט געקוקט צו זיי קיין איינציק אויג.

די מויד האָט אַ פּאָר מאָל זיך צוגעזעצט אָפּרוען לעבּן אָט די טוואועס, האט מיט א קלאַפּטער דרייסיק ווייטער זיך צוגעזעצט אָפּרוען אויך אוגער.

יעדער נייער זינדיקער געדאַנק וועגן דער מויד האָט אים גע־שראָקן, ווי א סימען, אַז ער האָט שוין זייער ווינציק צו לעבן — ער וועט זיכער געהאַרגעט ווערן — און דאָך איז געווען אַנגענו־מען ביז גאָר אַזוי צו זיצן, כאָטש די מויד רעדט ניט און קוקט ניט צו אים. די מויד איז געגאַנגען ווייטער, איז ווייטער געגאַנ־גען אויך אוגער.

נאָך אָט האָט אינמיטן פרייען פעלד זיך באַוויזן דער וואָק־זאַל. ער האָט געשטעקט פונווייטנס, ווי א טורעם, אַרומגערינגלט מיט איינציקע, נידעריקע געצעלטן. זיין דאַך — אַ רויטער פליך, וואס היט די מיילנווייטע שטרעקעס, און אַרום־און־אַרום — פוס־טע, ווי אויסגעבערנטע, פעלדער, סימאָנים פון צעשטערטע שוץ־גריבער און פון שלאַכטן.

די מויד האָט אָנגעהויבן שפּאַנען גיכער, זיכער רוישן מיט די שטייפע שוואַרץ־זיידענע קליידלעך. איצט האָט זיך שוין קלאָר געהערט, ווי דאָס קנאַלן קומט פון „רויטן" פאַנצערצוג, וואָס היט די רעלסן באַם וואָקזאַל. פויל און גלייכגילטיק האָט פון צייט צו צייט אָפּגעהילכט איינע פון זיינע בלינדע, גרינגע האַרמאַטן, און דאַן האָט זיך געפילט, ווי פוסט און אומגעבראַכט איז די גאַנצע געגנט, זי ענטפערט שוין מער ניט אפן צוגס שיסן. זי איז פול מיט פלוידערדיקער לערקייט, און אין גרויסער טאַמעוזדיקער היץ שמעקן אירע זאַמדן מיט טשאַד, ווי הייסע טליענדיקע האָ־לעוועשקעס.

אוגער האָט דערזעען, ווי די מויד האָט זיך אפסניי אָפּגע־שטעלט, זי האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, אויב קיינער איז נישטאָ... און מיט אים, אוגערן, האט זי זיך שוין ניט גערעכנט, פונקט ווי ס'האָבן זיך מיט אים קיינמאָל ניט גערעכנט יענע שיי־נע דורכפאָרנדיקע נעקייוועס דאָרט, אַפן וואָקזאַל. זי האָט אים באַגעגנט אין פעלד און האָט שוין אַפּאָנים געקוקט אף אים, ווי אף עפּעס אַזעלעכס, וואס וואַקסט אין פעלד.

זי האָט אַרויסגענומען פון איר רענצל א קליין שפּיגעלע, א קעסטעלע פודרע און פּאָמאַדע אף אָנצושמירן די ליפּן. זי האט זיך אָנגעפּודרעט אַקעגן שפּיגעלע, אָפּגעווישט מיט שפּייעכץ די ברעמען און האָט זיך ווידער אומגעקוקט. זי האט צוגעקלעפּט לעבן מויל א קליין פּלאַסטערל, די גרייס, ווי אַן אַרבעס, און האָט

מיט באַשלוס, מיט זיכערע טריט אַריבערגעשפּאַנט די רעלסן. דע־מאָלט האט אוגער אָפּגעוואַרט, מיט וואונדער זיך אַרומגעקוקט, אויב קיינער האָט דאס אלץ ניט געזעען, און האָט געשווינד אַוועקגעשפּאַנט נאָך איר.

אפן וואָקזאַל האָט אוגער די מויד ניט געפונען. אף איין רע־גע האָט ער זי אָפּגעלאָזט פון אויג, און זי איז פאַרשוואונדן.

II

אַפן וואָקזאַל האט געשמעקט מיט זשיוויצע, מיט היץ פון ווייך־געוואָרענעם אַספאַלט, וואָס בראָט זיך ווי סמאָלע אף הייַ־סער פרימאָרגן־זון און לאָזט זיך קנייטשן אונטער טרעטנדיקע פיס.

דער „רויטער״ פּאַנצערצוג האָט מער ניט געשאָסן. ער האָט געדרימלט נאָך אן אומרואיקער, וואַכיקער נאַכט, זיך געקילט אין זיין אייגענעם קורצן שאָטן און געוואַרט אף הילף.

בלויז זיין לאָקאָמאָטיוו, דער פּאָרנטיקער גיבער, האָט שטיל געבברומט, געזאָדן מיט זיין גרויסן קעסל און מיט אַלע זיינע הייסע און פעטע טשאַדנדיקע רערן. קיינעם איז ארום אים ניט געווען צו זען.

אַקעגן, אַף דער אָנגעגליטער פּלאַטפאָרמע, איז איינער אַליין געשטאַנען אוגער. זיינע אויגן — אויגן, ווי גרין־בלויע אויסגע־וועבטע זעלצער־וואַסער, וואָס האָט נאָך אין זיך געצייַלטע שווימענ־דיקע גראַדן, האבן ווייטיקלעך געקוקט ערגעץ וואוהין, אין איין פינטל. איצט נאָכדעם, ווי ער האָט זיך איבערצייגט, אַז די מויד איז דאָ ווירקלעך ניטאָ און אז קיינער אפן וואָקזאַל האט זי ניט געזעען, האָט ער אָקאָרשט אפסניי אָנגעהויבן קומען צו זיך און האט צוריק דערפילט זיינע צאָרעס.

זיין פאַרמעגן דאָ אפן וואָקזאל — זיין וואוינונג און זיין מעבל — זיינען ווירקלעך געווען גאַנץ און ניט גערירט, נאָר דער טעלעגראַפיסט האט אים דערציילט, אז צום וואָקזאל רוקן זיך פון אלע זייטן באַנדעס, אז קיינער פון די „רויטע״ איז שוין דעריבער ניטאָ און אז אָט, אנו... זאל זיך נאָר דער פּאַנצער־צוג פונדאַנען אוועקרוקן...

אוגער האָט אין אַזאַ פֿאַל זיך געקענט העלפֿן נאָר מיט אַ זיפֿץ. ער האָט אָנגעהויבן ליידיקגייעריש ארומצוגיין אף דער פּוס־טער פּלאַטפאָרם און איז ענדלעך אף לאַנג פאַרגליווערט געוואָרן אַקעגן מיטלסטן, גרויסן און זייער נידעריקן וואָקזאל־פענצטער.

ער האָט געזעען:

אינעווייניק, קעגניבער דעם פענצטער, טוט עמעצן אף צופּי־קעניש אַ שמייכל די קורצע, פאַריסענע נאָז בא דעמיאַניוקן, דעם קליינוואוקסיקן טעלעגראַפיסט. דער טעלעגראַפיסט בלייבט זיצן, ווי א מאַלפּע, לעבן אַפּאַראַט, וואָס שטייט פאַר אים אַקעגן דער שיין אַפן טיש. ער בייגט זיך צו מיט איין אויערל און הערט פּלוצים אוף דעם אַפּאראט צו קיצלען. ער דערזעט אוגערן דורכן פענצטער און באַווייזט אים מיט צוויי פינגער אַ ציילעם:

— ששש! — ציט ער אויס זייער לאַנג מיט די ליפּן, — דער אַפּאַראט איז טויט.

צופרידן, גלייך עס שטייט זיי פאָר צו נעמען אביסל מאַשקע, פאַרקאַשערן זיך באַם טעלעגראפיסט די פייכטע ליפּן, און זיינע הענט טוען מיט סימכע אַ רייב איינע די אַנדערע.

— ס'איז גוט!...

אוגער האָט נידעריקער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ מיט די אויגן, וואָס קוקן בעקיש־בייז פון אונטערן שטערן, און האָט מער ניט געוואָלט צוזען דעם טעלעגראפיסטס סימכע. ער איז טרויעריק אוועק פון פענצטער.

נאָר דער טעלעגראַפיסט איז שוין געווען אינדרויסן, ער האָט אוגערן אָנגעיאָגט און האָט אים פריילעך אַרומגעכאפּט פונונטן באַ די אַקסלען:

— אוגער, אוגערל!... דיך וועט מען נישט טשעפּען, כאָטש דו ביסט געווען אין „זאַווקאָם". מיר וועלן ניט דערלאָזן, נאַרעלע — דו ביסט אונזערער...

אוגער האָט אים מאָרעשכוירעדיק אָנגעקוקט.

— וואָס איז דען, דעמיאַניוק? דעם עמעס זאָג, שוין פאַרפאַלן?...

— דיך גייט עס ניט אָן, זאָג איך... מיט דייניקע האַלט שלעכט, מיט אידן, הייסט עס... און דו גייסט מיט מיר אף מיין קוואַרטיר... פאַרשטאַנען שוין?.. לאָז אַרומנעמען, זאָג איך.

— נײן, װאַרט...

אוגער האָט אים לײכט אָפּגעשטויסן.

— װאַרט, זאָג איך.

— נו, פרעג, אוגערל, נו, פרעג.

— עס איז שלעכט, האַ? איך מײן מיט די „רויטע"?..

דער טעלעגראַפיסט האָט פאַרבויגן אַ קנאָכן פון אַ פינגער און האָט דעם קנאָכן צוגעטראָגן גאָר נאָענט צו אוגערס אויגן:

— נאַ, זע, גראָבער קאָפּ! אַ פאַרשטעקל. פאַרשטאַנען צי נאָך אַלץ ניט? געשפּאַרט פון אַלע זײַטן.

— די נאָענטע קרײַז־שטאָט ראַבעװעט מען?

— נאָך אַ מין! פון נעכטן אָן.

— װער?

— אַ באַנדעטשקע, מײַן ליבינקער.

— די שטאָט איז דאָך אַ פאַרלאָזענע.

— איז װאָס?

— נו, און קאַזאַטין? איך האָב געהערט... דעם גרויסן װאָקזאַל...

— שוין אויך געמומען: מע װײסט ניט װער, קאַזאַטין האָט נאָך באַנאַכט אופגעהערט צו ענטפערן אין אפּאַראַט. און פון דער זײַט — װידער אַ באַנדעטשקע, זי רוקט זיך אַהער. זעסט? אָט דאָרט... אַהין קוק—איבערן װעלדל: דײַן שטעטל ברענט, און דו ביסט גאַנץ... דיר װעט ניט שאַטן... אַנו, קום אין א פראַנצויזישער. טפו!.. טפו!.. גיב די האַנט!

און פון סימכע האָט דער טעלעגראַפיסט געמאַכט אַ באַװעגונג אף אָנצוכאַפּן אוגערן פאַרן האַלז־און־נאַקן, אַף ראַנגלען זיך און אויסמעסטן די קויכעס.

— שטײ, זאָג איך, שטײ! אַנטלויף ניט. װאו איז די מויד? װאָס הערט זיך טאַקע?.. זע, אַ רויטינקע בערדעלע באַ דיר, אוגער, אַ געשװירענע און א האַרטינקע אַזאַ—שטעכט, װי נאָדלען...

— לאָז צורו!

— שטײ, שטײ, זאָג איך. פאַרװאָס האָט דיך פאַראיאָרן אװעקגעװאָרפן דײַן װײַבעלע? אוגער!.. װילסט זיך ניט ראַנגלען?.. איז קום, װעלן מיר זוכן די מויד, אוגער... קום, װעלן מיר זי געפינען, זאָג איך.

## III.

אַרום צוויי אַזייגער באַטאָג האָט זיך די מויד פּלוצים באַוויזן אפן וואָקזאַל.

אַרום צוויי אַזייגער באַטאָג האָט דער קעסל באַם געפּאַנצערטן לאָקאָמאָטיוו שטאַרקער אָנגעהויבן צו זידן, און דעמיאַניוק האָט געשלעפּט אַהין אוגערן, קעדיי אים צו באַווייזן:

— נאַ, זע, ער גרייט זיך צו, ער גייט אוועק... ער גייט אַוועק.

נאָר אַביסעלע שפּעטער איז פון דער נאָענטער פּאַרלאָזענער שטאָט זייער פּלוצים און אומגעריכט געקומען א לאנגער פּראכטצוג, פול געפּאקט מיט היימלאָזע, וואָס ריכטן זיך גלייך פאָרן ווייטער און לויפן געשווינד איבער דער פּלאַטפאָרם:

ווער אָנטרינקן זיך, ווער א פרעג געבן וועגן דעם ווייטערדיקן וועג.

אַף דעם פּראכט־צוג און אַף דער כאַליאַסטרע, וואָס האָט זיך פון אים אַרויסגעשאָטן, האָבן ווי אַף בייז־וואונדער געקוקט די באַוואָפנטע מאַטראָסן פונם פּאַנצערצוג. זיי זיינען צוגעקומען נעענטער און האָבן באַטראַכט די וואַגאָנעס.

זיי האָבן צוליב עפּעס אַרונטערגעקוקט צו די רעדער. זיי האָבן זיך א שעפּטשע געטון מיט זייער עלטסטן און האָבן זיך אומגעקערט צוריק צו די פול־געפּאַקטע וואַגאָנעס מיט א שטרייענגן באַפעל:

— סטאָפּ! אַרויס פון די וואַגאָנעס!

— פאַרוואָס?

— אַזוי, מ׳קאָן ניט פאָרן ווייטער.

— ווער האָט געזאָגט?

— מע וועט דיר דערציילן...

ערגעץ אין אַ וואַגאָן האָט מען זיך אָנגעהויבן קריגן צווישן זיך, קוילעס האָבן זיך דאָרט געראנגלט:

— וואַרט נאָר!

— וואַרט!

— אַזוי גרינג איז מען געפאָרן.

— עס האָט אָפּגעקאָסט געגוג גאָלד.

אַן עלטערע אידענע האָט פון דאָרט מיט אירע אייגענע קוי־כעס בעשומויפן ניט געקאָנט אַרויסשלעפּן איר שווערן פּאַק. זי האָט געבעטן הילף, נאָר קיינער האָט צו איר ניט געקוקט.

מע האָט אַלע מיטאַמאָל אָנגעהויבן פליען פון די וואַגאָנעס.

אין א קליינער ווילע אַרום זיינען ביידע היפּשע וואָקזאַל־קלאַסן שוין פול געווען מיט איבערגעשראָקענע געזינדלעך, מיט טאַטעס און מיט מאַמעס, וואָס טרייסלען זייערע שרייענדיקע זויג־קינדער מיט אלע קויכעס, ווי נאָך א בריס־מילע. מישפּאָכעס־וויס האָט מען זיך דאָרט איינגעריבלט אין טונקעלע ווינקלען, זיך פאַרצוימט מיט שמאַטעס און מיט בייכיקע, געלאַטעטע און פול אָנגעשטאָפּטע זעק. פון שוואַך פאַרבונדענע געפעק האָבן אַרויס־געקוקט רערן פון זילבערנע לייכטער, הענטלעך פון קופּערנע פאַנען. פיס האָבן געטראָטן אַף פרעמדע וויקלשנורן, אף פאַנאַנ־דערגעוואַלגערטע שטריק. צעשאָטן איז מען צוריקגעלאָפן פון קעגניבער דעם נאָענטן פּוסטן פּלאַץ, וואו מע האָט געקלערט קריגן ברויט. קוילעס האָבן פאַרשריגן איינע די אַנדערע.

— מע איז דאָ געשפּאַרט.

— מע איז אין פּעסל.

— פאַרפאַלן !..

— מע וועט דאָ אויסגיין.

און צווישן אָט דעם גאַנצן פּילדערדיקן טומל האָט ווי אַן אומרואיקער זיידענער פלעק זיך ווידער באַוויזן די וואוקסיקע מויד. זי האָט זיך אויסגעטיילט מיט אירע שוואַרץ־זיידענע שטייפע קליידלעך, מיט איר אומרואיקן פריצישן גיינגל און מיט אירע דינע פּיס אין די לאַקירטע טופליס — פּיס, ווי אין אַ גרויסער שטאָט אין אַ פענצטער פון ערשט־קלאַסיקן זאָקן־געשעפט. אירע אַקסלען האָבן זיך געשווינד באַוועגט צווישן די שטויביקע היים־לאָזע. אירע אויגן האָבן עמעצן געזוכט און אירע קניען האָבן אונטערגעיאָגט, גלייך ערגעץ־וואו, צווישן די צוג־לופטן, וואָס טראָגן זיך דורך, ווען מע עפנט אוף אַ הויכע וואָקזאַל־טיר, צווישן קוויטשענדיקן גרילץ, וואָס די טירן טוען, צווישן געוויין פון קינדער און גראַגעריי פון מאַמעס, — צווישן דעם אלעמען איז אַ באַהאלטענע רעטונג נאָך פאַראַן, מע דארף די רעטונג נאָר געפינען, אויסשפּירן, וואו זי האָט זיך באהאלטן.

היימלאָזע פּענימער זײַנען געווען שטאַרק באַצאָרנט; ערטער־ווייס האָט מען זיך געקריגט צווישן זיך, נאָר דאָס אַלץ איז איר ווייניק־וואָס אָנגעגאַנגען. זי האָט אַזוי לאַנג געריסן פרעמדע מענטשן בא די פּאָלעס, ביז יענע האָבן איר געענטפערט אַ וואָרט און זי אָפּגעשיקט צו אַ צווייטן.

זי איז אַזוי לאַנג ארומגעלאָפן, ביז זי האָט זיך אָנגעשטויסן אַף אוגערן.

— הערט, — האָט זי אים גלייך אַ שמיץ געגעבן מיט איר בליק, אַף וויפל קאָן ער איר העלפן, — מיר האָט מען אַף אייך אָנגעוויזן: איר זייט אַ היגער — עמעס, אַ היגער?

פון איר האָט געשמעקט מיט פּודרע, מיט קליידער, וואָס זײַנען לאַנג געלעגן אויסבאַהאַלטן צווישן שמעקנדיקע זייפן, און מיט נאָך עפּעס אַ רייעך פון אַ שיינער, וואוקסיקער מויד, וואָס איז ערגעץ אויסגעכאָוועט געוואָרן אומיסטן צוליב גווירים... צוליב־דעם, אַז ער, דער רויט־האָריקער אוגער, זאָל אין רואיקע צייטן קוקן אַף איר גנייוויש פון אַ זייט און זאָל ניט פאַרגינען... און אין אומרואיקע צייטן, אינם טאָג פון זיין טויט, זאָל ער איבער איר האָבן אַ פולן קאָפּ מיט זינדיקע מאַכשאָוועס.

זי האָט אלץ געצויגן איר ווייסן שאַרף איבערן פּאָנים, קעדיי די זון זאָל זי ניט בראָטן; זי האָט זיך געדרייט, צוגעשטעלט צום שטערן אַ לאַנגע און שמאָלע האנט מיט דינע און זייער לאַנגע מאַניקיור־פינגער און האָט גערעדט, — זי האָט געשאָטן, קוקנדיק אַף אוגערן, קוקנדיק אין די זייטן.

אין פאַרלויף פון זייער אַ קורצער ווײַלע האָבן שוין אַלע אַרום געוואוסט, אַז דאָס איז זי — זי, וועמען עס האָט אַהער פאַרשלעפּט, מאַמעש ווי ס'פאַרשלעפּט אַמאָל אַ ניט־גוטער, אַז אין דער נאָענטער פאַרלאָזענער שטאָט האָט זי געוואָלט אופזוכן איינעם אַ יונגגמאַן, אַ נאָענטן פריינט, קימאַט אַ כאָסן... נאָר דעם יונגגמאַן האָט זי דאָרט ניט געפונען. זי האָט אים געזוכט אין נאָענטן שטעטל, אין דעם, וואָס ברענט איצט, נאָר ארויס־געוויזן האָט זיך, אַז אויך פון דאָרט איז ער שוין אַוועק. און געמיינט האָט זי פון אָט דעם וואָקזאַל זיך אומקערן אַהיים, כאָטש דאָס איז גאָר ניט איר ריכטונג — עס איז גאָר פונקט קאַפּויר, אין אַן אנדער זייט, עס איז גאָר אַרום־און־אַרום.

— און נאַט, זעט, ווי דער טויט ציט, ווי דער טויט פאַר־שלעפּט. אָן אומגליק. אירע זאַכן האָט זי געלאָזט אין דער גרוי־סער שטאָט. זי איז אָט... ווי זי שטייט און גייט. און אַהער, זאָגט מען, גייט אַ באַנדע. אַלע וועלן דאָ אומקומען:

— עס איז שלעכט, אַ?

אוגער האָט זי אָנגעקוקט פון אונטערן שטערן מיט אויגן פון אַ מענטשן, וועלכער דאַרף בא קיינעם אף דערדאזיקער מויד קיין מעווינעס ניט פרעגן. אריינקוקנדיק אזוי אין איר פּאָנים, האָט אים אָנגעהויבן שטאַרק נאָגן אונטער דער ברוסט, באַם לעפעלע. ער איז איר אין יענער רעגע געווען אַ מאָדנער גוטער־פריינט. נאָר ווייל ער איז איר געווען אַזאַ גוטער־פריינט, האָט ער אף אירע פראַגן געענטפערט זייער פויל, ווי אָן ליפּן, גלייך ער פאַסט:

— נו, יאָ, אַוואַדע שלעכט.

— איז וואָס וועט זיין?

אוגער איז אויסערלעך געבליבן נאָך מער קאַלט:

— מאָדנע מיידל, וואָס איר זייט! ווער קאָן עס וויסן?... אָט בין איך אויך אַזעלכער ווי איר...

אים האָט זיך פאַרוואָלט ווערן נעענטער צו איר כאָטש מיט דעם, וואָס ער איז אויך אַזעלכער, ווי זי:

— איר פארשטייט, צי ניין?... אַז איך וואוין שוין גאָר נישט דאָ. כ'האָב דאָ געלאָזט אַ וואוינונג מיט באַלעבאַטישקייט און בין אַנטלאָפן. האָט מיך דער רועך אָנגעטראָגן אַראָפּקומען אַהער פונקט איצט... אַ קוק געבן דאָ צו מיינע זאַכן בין איך געקומען.

— איז וואָס קען מען טון? איר זייט דאָך א היגער.

— וואָס זאָל מען טון?

ער איז ליידיק־גייעריש געבליבן שטיין און האט מיט כאַראָ־טע, מיט אומעטיקע, פאַסטנדיקע אויגן נאָכגעקוקט אירע אַוועק־שפּאַנענדיקע פיס. ער האָט געזעען, ווי זי מישט זיך אויס מיטן אוילעם, ווי זי שטעלט אָפּ מענטשן און דערפרעגט זיך, און אים האָט באַנק געטון:

— זי ניט געווען באדארפט עפּשער אָפּלאָזן?..

און נאָך:

— ערשטער סאָרט...

זויבער, ווי געוואַשן מיט שטאַרקע רעגנס, איז אַף די רעלסן געשטאַנען דער פּאַנצערצוג, געשטאַנען רואיק מיט אַ זודיק־הייסן לאָקאָמאָטיוו, און פון קעגניבער, פון דער פּלאַטפאָרם האָבן אים אַרומגעקלעפּט אויגן, וואָס זיינען פאַרמישפּעט צום טויט.

מע האָט געקוקט אַף אים טרויעריק, פאַרשמאַכט, מיט קינע, וואָס ער קאָן אין יעדער רעגע זיך אופהייבן און אוועק פונדאַנען, ווי אַ פרייער צולאָכעסניק — אַ ריז, וואָס קייַעט וועיטן.

אָט וועט ער זיך אַ ריס טון פון אָרט און וועט אוועק צו זייניקע, קיין מאַירעוו־זייט, אַקעגן דער גרויסער, רויטער זון, וואָס וויל זיך אַנרירן אין דער ערד, וועט ער זיך טראָגן; ער וועט האַלטן אין איין שיסן — לויפן און שיסן, לויפן און שיסן.

מע האָט געשמועסט:

— ער וועט זיך דורכשלאָגן, ער וועט זיך דורכשלאָגן...

לעבן דעם צוג, ניט ווייט פונם לאָקאָמאָטיוו, איז געשטאַנען אַ יונגער קאָמאַנדיר, געשטאַנען רואיק, ווי אַרויסגעשטעלט אַף ציקאַוועס: דער צוג איז זויבער, און ער — אויך... מיט אַ שמייכעלע אַרום די צוזאַמענגעצויגענע אויגן האָט ער געקוקט צו דער פּלאַטפאָרם אַפן אומבאַהאָלפענעם, פאַרלוירענעם אוילעם, און ניט אַזוי אַפן גאַנצן אוילעם, ווי אַף דער אומרואיקער אַרומגייענדיקער מויד, וואָס רוישט מיט איר זיידענע קליידלעך. ער האָט שטיל צוגעפייפט מיט די ליפּן.

שעמעוודיק, ווי קעגן דעם אייגענעם באַשלוס, האָט זיך די מויד ענדלעך לעבן אים אָפּגעשטעלט.

— הערט, — האָט זי געזאָגט, — איך פרעג בא אייך... ניין, טאַקע עמעס... איר שמייכלט אַלץ... וואָס וועט זיין מיט אייער פּאַנצערצוג? איר וועט זיך דאָך דערשלאָגן, ניט עמעס, אַ?

— נו, יאָ, געוויס.

— ניין, אָן לעצאָנעס.

— אָן לעצאָנעס, מיין פריילן...

— אַף וואָס־זשע וואַרט איר?

דער יונגער קאָמאַנדיר האָט שמייכלענדיק זיך דורכגעקוקט מיט דעם מאַטראָס, וואָס שטעקט נייגעריק אַרויס זיין קוימענקערער־פּאָנים פונם לאָקאָמאָטיוו.

— אַף אייך, ליבע פריילן...

— נו, אָט, איר לאַכט.

— און איר ווילט, איך זאָל ניט לאַכן?

— איך וויל, אז איר זאָלט זאָגן דעם עמעס.

— איז אף א דעפּעשע, מיין פריילן. מיר וואַרטן אף א דע־פּעשע.

— פונוואַנען?

— פון הימל.

— ניין, טאַקע, דעם עמעס.

— דעם ריינעם עמעס.

— רעכט, רעכט, איר מאַכט אַלץ כויזעק פון מיר.

די מויד האָט זיך אַרומגעקוקט און האט זיך פארשעמט פאַר יענע, וואָס שטייען ארום איר און הערן.

— און מיר וועלן דאָ בלייבן,—האט זי געזאָגט צום קאָמאַנ־דיר, — דאס איז שיין, דאס איז וואויל. שטעלט אייך פאָר: איר פאָרט נאר אַוועק פונדאַנען, קומען אַהער גלייך די באַנדעס, און איך, א פרוי...

— אַך, אַזוי?...

דער קאָמאַנדיר האט אפילע קיין פינטל ניט געטון מיט די אויגן:

— איר האט אַ ברייררע.

— צום ביישפּיל?

דער קאָמאַנדיר האט זיך ווידער שמייכלענדיק דורכגעוואונ־קען מיטן אַרויסגערוקטן קאָפּ פונם קוימענקערערישן מאַטראָס.

— איך זאָג אייך, איר האט א בריירע... נעמט א ביקס און ווערט אַ רויטאַרמייער.

שטיל.

אפן לאָקאָמאָטיוו האט מיט גראָבע ווערטער א פלוידער געטון דער מאַטראָס. דעמאָלט האט זיך שוין מער ניט געקאָנט איינ־האַלטן דער רויטער אוגער — ער האט דאס אַלץ צוגעזען פון דער זייט מיט בעקיש־בייזע אויגן.

— הערט,—האט ער די מויד אָפּגערופן אָן א זייט, — קומט נאָר אַהער...

זיינע אויגן האבן צו איר געוואונקען אָן ווערטער, מיט גע־טריישאַפט פון א מענטשן, וואס וויל זי פארהיטן פון אן אומגליק.

— איך האָב דאָ א באַקאַנטן קריסט, א טעלעגראַפיסט.
— א טעלעגראַפיסט?...
— נו, יאָ, כאָטש א שייגעץ איז ער, אָבער א וואוילער מענטש... איז אין ערגסטן פאַל וועל איך אייך עפשער קאָנען נעמען מיט זיך צו אים. דעריקער איז — עס זאָל זיין שטיל. איר פאַרשטייט?
אוגער האָט זיך אַרומגעקוקט פון אונטערן שטערן, גלייך ער מעקלערט איר א פארבאָטענע זאַך; ער האט באמערקט, ווי זי קוקט אַלץ צוריק צום צוג.
— דעריקער איז, אז אין אונז זאָלן זיך ניט אָנקלעפּן נאָך מענטשן... אז ניט, קאָן זיך אויסלאָזן גאָרניט פון דער גאַנצער זאַך. איר פארשטייט, צי ניין?... אַנו, קומט אריין אין וואָקזאַל, זייער שטיל... זאָל קיינער ניט באמערקן, אז איר גייט מיר נאָך...

## IV

אינמיטן וואָקזאַל, צווישן די פיל היימלאָזע, האט די פרעמדע מויד זיך איינגעהויקערט.
זיצנדיק מיט אוגערן אף עמעצנס א פרעמדן זאַק, האָט זי פארלייגט א פוס איבער א פוס און איז מיטאַמאָל געוואָרן קלענער אף א גאַנצן קאָפּ. זי האט געזאָגט:
— איך פאַרגעס אַלץ: ווי רופט מען אייך?
— אוגער.
— אַך, יאָ, אוגער... ווי מיינט איר — די באַנדע וועט קומען?
אוגער האט דערפילט, אז די באַנדע איז זיינס א זאַך; זי שטייט אים אין זיינע נויטן, פונקט ווי זיין קניפּל, ווי די אָפּגעשפּאָרטע עטלעכע רובל, וואס ער פארמאָגט. מיטן לעפעלע, וואס נאָגט אונטער זיין ברוסט, האט ער דערפילט — אַ מאַזל־זאַך. ער האָט א בלאָנדזשע געגעבן מיט די אויגן איבער דער מוידס בוזים — א בוזים פון אַלעמגוטן, האט דאס לעפעלע, וואס אונטער זיין ברוסט, שטארקער אָנגעהויבן צו נאָגן. זיין לאַנגע נאָז האט דערביי אַ שמאָרע געטון, ווי פון זיך:
— נו, יאָ, מע זאָגט... די באַנדע גייט.
— זי וועט קוילען?

— ווער ווייסט ?

די מויד האט געטון דעם ערשטן גענעץ, א גענעץ אין דער צופאַלנדיקער נאַכט אריין. איר קערפּער איז געווען פול מיט אומאַנגענומענעם גרויל, גלייך איר שטייט באַלד פאָר צו פאנאנ־דערייסן איר מויל און זיך לאָזן אויסוואָרצלען א געזונטן, ווייסן באַק־צאָן. זי האט געזאָגט:

— נו, יאָ, געוויס... בא אונז איז אויך אַזוי געווען.

— וואו ?

— בא אונז... א שטאָט מיט דרייסיק טויזנט איינוואוינער, געקומען א באַנדע — הונדערט צוואַנציק מאַן — און האט אויסגע־האַרגעט ביז דריי טויזנט. נאָכדעם האט מען געזאָגט: ווען הונדערט יונגעלייט גייען אַרויס אַקעגן, וואָלט די באַנדע אַנטלאָפן.

— אַקעגן וואָס זאָגט איר דאָס ?

— טאַקע אקעגן דעם: פאַראַן געזונטע יונגעלייט דאָ, אין וואָקזאל, צווישן די אַנטלאָפענע. קוקט: מע וואַלגערט זיך אף דער ערד. מע שלאָפט. נעמט כאָטש וועמען איר ווילט, נעמט כאָטש זיך אליין... מיט א ביקס קעגן דער באנדע גייט איר ניט.

און די מויד האָט ווידער פאַרקרומט איר מויל מיט א גענעץ:

—אך, מאַנסלייט, מאנסלייט !

איר צווייטער גענעץ — אַ לאנגער און אויסגעצויגענער — האָט געגעבן צו פילן, ווי ווייט איר זיינען מיעס און לאנגוויי־ליק סיי אָט די יונגעלייט, סיי אירע רייד וועגן זיי — זיי זיי־נען איר שווער און רופן אַרויס אין איר עקל, אָן א שיר עקל— איבער זייער פוילקייט מוז זי דאָ זיצן פארשפארט באגלייך מיט אלע ווייבער און ווארטן אפן טויט, זי—א מויד פון „ערשטן סאָרט״.

— אך, מאנסלייט... מאנסלייט !

פלוצים האָט זי ארויסגעזיפצט פון אָנהייב דרימל:

— און „ער״ האָט געטון אנדערש... ער איז געשטאַנען לעבן צוג מיט א שמייכעלע און האָט געקוקט, ווי אף א סטאַדע — מע פלאָגט זיך, מע האָט מוירע...

— ווער ? — האָט זיך געוואונדערט אוגער.

— ער, — האָט די מויד געענטפערט, אריינפאלנדיק צוריק אין דרימל, — דער יונגער קאָמאנדיר, א גרוזינער, אַפּאָנים.

זי האָט אים דאָך געדיינקט, דעם יונגן קאָמאַנדיר — אים געדיינקט איצט אין אָנהייב דרימל.

— ניין, — האָט ביי‌זלעך געזאָגט אוגער, — ניט קיין גרוזינער. א אינגוש איז ער, א אינגוש.

אינגושן זיינען בא אים געווען שפּאָט ביליק, — זיי זיינען בא אים געווען צוגערעכנט צום ערגסטן סאָרט מענטשן:

— אינגושן, — האָט ער געזאָגט, — פלעגן זיך דאָ פאַרדינגען צו די פּריצים און שמייסן די פּויערים מיט קאַנטשיקעס.

---

עס איז נאָך אַלץ געווען ניט מער, ווי ארום צען אַזייגער אין אָוונט. נאָר אין פינצטערן וואָקזאַל האָט פון זייער הויך ארייגעקוקט אַ פרעמדער הימל, און די שטערן, האָט זיך געדאַכט, זיינען דאָרט שפּעטע — שטערן פון נאָך א האַלבער נאכט.

דער פאַנצערצוג, וועלכער האָט פון פאַרנאַכט אָן געשאָסן זייער זעלטן און פויל, איז פלוצים ווי אין שטיפעריי אינגאנצן אנשוויגן געוואָרן.

אין ביידע איבערגעפולטע וואָקזאַל־קלאסן איז מען דעמאָלט פון גרויס מידקייט באלד ארייגעפאַלן אין א טיפן שלאָף. מע איז געלעגן איינגענייוועט אין די ווינקלען און דורכויס אפן דיל. נאָר אז מע האָט זיך אופגעכאַפּט, האָט דער וואכנדיקער פאַנצערצוג שוין געהאַט אוועקגעפויזעט ווייטער פון וואָקזאל און האָט דאָרט געקלאַפּט זייער ערנסט מיט דריי האַרמאַטן אף אַ מאָל.

באַ יעדן זעץ האָט זיך געדאַכט, אז די ווענט פון וואָקזאַל זיינען זייער דינע — זיי באַשטייען דורכויס פון פענצטער, און די פענצטער קלינגען, ווי קלאַפּנדיקע ציין אין אַ אומגעהייער גרויסן און קראַנקן מויל. מע איז אלץ געשלאָפן, אדער זיך געמאכט, ווי מע שלאָפט, און נאר בא א זויגנדיקער מוטער האט א וויין געגעבן א קינד, האָבן ארום און ארום פון דיל און נאך ווי טירפער פונם דיל זיך אופגעהויבן קעפּ, און מיילער האבן געשעפּטשעט בייז, ווי מיט גרימעניש:

— ששש!.. לאָזט עס ניט וויינען... לאָזט עס ניט וויינען...

גלייך די גרויסע סאַקאָנע שטעקט דאווקע אין געוויין פונם קינד; גלייך די באַנדעס טאַפּן שוין אין דער פינצטער די ווענט פון וואָקזאל — זיי קאנען דערהערן און קומען.

אין נאָענטן, שטאַרק הויכן קאָרידאָר, דאָרט, וואו סע בלאָזן אייביקע לופטן, האָט זיך עמעצער אָן אופהער געדרייט און גע־קלאפּט מיט דער הויכער טיר.

אין ווינקל, אין א לאמטערן מיט שמוציקע, פאַרויכערטע שויבן, האט געצאנקט אַ לעמפּל. דערנאָך איז עמעצער אף גיך געקומען צו לויפן פון פאַנצערצוג און האט געהייסן דעם לאמ־טערן אויסלעשן. דער צוג האָט אינדרויסן געשווינד דורכגעגרילט אף די רעלסן און האָט גענומען שיסן אין אן אנדער זייט.

דעמאָלט האט אוגער זיך צוגערוקט נעענטער צו דער מויד און האָט אונטערגעשפּאַרט מיט אן אקסל איר דרימלדיקן קער־פּער. עס איז אויסגעקומען אזוי, אז אינמיטן דרימל האָט די זיצנדיקע מויד זיך א וואקל געגעבן און האט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ גאָר נאָענט לעבן אוגערס מויל. אוגער האט דאן א שמעק געגעבן אירע האָר, א שמעק געגעבן שטיל, מיט אַ פּאָשעטן, טיפן אָטעם, נאָר דערפילט דעם גערוך:

— א פיינער גערוך... זיי שמעקן, אירע האָר... האָר, וואס וואקסן בא א פּרוי „ערשטן סאָרט"...

שלעכט איז נאָר געווען, וואָס פונקט הינטער זיינע פּלייצעס איז די גאַנצע צייט זייער אומרואיק געלעגן א מיטליאָריקע אי־דענע, מיט אַ שווערן פאַרוק אפן קאָפּ, א פרומע, ווי א רעבעצן. געדאַכט האָט זיך, אז די אידענע גיט אומיסטן צו פילן, אז זי שלאָפט ניט. זי זעצט זיך אוף און לייגט זיך צוריק אַנידער. זי הוסט מיט א טרוקן קאָל, כאָטש די לונגען זיינען בא איר ריין; זי הייבט פלוצים אָן צו וועקן לעבן זיך איר שלאָפנדיקן פרומען מאַן:

— זע נאָר, זע נאָר... זאגט זי צו אים, — ביסט א מייוון?... וואָס זאָגסטו שוין, א?..

און נאָכדעם האט די אידענע א גאַנצן פרימאָרגן זיך גע־שעפּטשעט מיט א צווייטער אידענע, און ביידע האָבן געוואָרפן זייער טשיקאַווע אויגן סיי אף אים, סיי אף דער מויד. דער אידענעס בליק איז פון מינוט צו מינוט געוואָרן שטעכיקער און בייזער. זי האָט סאָפּקאָלסאָף ניט אויסגעהאלטן:

— פע, יונגערמאַן, איר מעגט זיך שעמען... אין אַזאַ צייט, אַ?...

אים איז געווען אנגענעם, וואָס מע איז אים כווישעד... נאָר ער האָט דאָך אופגעזאָגט:

— הערט, מומע, איר ווילט זיך קריגן, איז ניט דאָ דאָס אָרט... באַ אייך אינדערהיים, אין מארק, אז איר וועט קויפן פיש.

נאר די מויד האט זיך אומגעקערט מאָדנע פאַרוואונדערט — זי איז, אַפאָנים, ווירקלעך באנאכט געשלאָפן און האט ניט געוואוסט פון עפעס צו זאָגן.

אין א ווײַלע אַרום איז געקומען צו לויפן דער טעלעגראַפיסט — געקומען א פארויטלטער, א פארהאַװעטער, מיט אן אויסזען פון א מענטשן, וועלכן מע האט באַנומען פון קאָפּ ביז פיס; ער האט געמאָנט א כיילעק... ער האט ארויסגערופן אוגערן אף א סאָד.

— האָסט אויסבאַהאַלטן די מויד, אַ?

— וועלכע מויד?

— דערצייל ניט קיין מאַיסעס.

— וועלכע מאַיסעס?

— מאַכסט זיך טאַמעוואַטע? איז וואַרט, געדיינק...

אוגער איז געבליבן שטיין פארטומלט. זיין איינציק געפיל איז געווען: דערעכערעך צו דער רעכטער זייט פון זיין קערפער — א זייט, אין וועלכער עס האט זיך א גאַנצע נאַכט אָנגעשפּאַרט זי. אַזאַ דערעכערעך צו זיין אייגענער זייט האט געקאָנט האבן סיידן אָדעם־האָרישן איידער מע האט די זייט באַ אים אויסגעשניטן, אף צו בויען פון איר כאַווען.

אוגער האט געוואָרפן אף דערדאָזיקער זייט זיינע גנייוװישע בליקן — דאַכט זיך א זייט, ווי אַלע, נאר דאָך אן אַנדערע... א זייט א מעיוכעסטע. ארום אים אף דער פּלאַטפארם האָבן צעקנייטשטע, אומגעוואַשענע פּענימער שוין ווידער אויסגעדריקט שרעק:

— די באַנדע האט זיך פארשטאַרקט.

— דער פאַנצערצוג אַנטלויפט.

— אָט... אָט האָט מען דאָך גערעדט מיטן קאָמאנדיר.

— די באַנדע גייט אַהער פון צוויי זייטן.

און פון אַקעגן, פון צווייטן עק פּלאַטפאָרם, איז אופגעגאַנגען די זון — פון אַקעגן איז געגאַנגען די מויד... זי איז שוין

ווידער געווען אויסגעפּוצט און אָנגעפּודערט און האָט אפּסניי צוגעקלעפּט אַ קליין שוואַרץ פלעסטערל נידעריקער פון מויל.

אוגער האָט אופגעזוכט דעם טעלעגראַפיסט און האָט גענומען קלעטערן ארום אים, איינטאַינען און אים געבן צו פאַרשטיין, גלייך ער האָט מיט אים א לאָדעניש:

— איז וואַרט נאָר... און הער מיט קאָפּ.

נאָר דער טעלעגראַפּיסט איז געווען מעשוגע. ער האָט פון גאָר ניט געוואָלט וויסן; ער האָט זיך איינגעאַקשנט:

— אויב כאַוועריש, איז כאַוועריש.

— איז שאַ, — האָט אים אוגער סאָפּקאָלסאָף אַוועקגעשלעפּט אין אַ זייט.

— ווייסטו וואָס? איז נעם דיר געלט. וויפל ווילסטו געלט? נעם באַ מיר צו אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג.

דער טעלעגראפיסט איז ווידער מעשוגע. פריער האָט ער ווען געלט ניט געוואָלט הערן. נאָכדעם האָט ער שוין יאָ געוואָלט געלט, נאָר איינגאַנצן, איינגאַנצן, אַלץ וויפל אוגער פאַרמאָגט, און מיט מעזומען:

— געזאָגט און געציילט, און באַלד, די רעגע.

אוגער איז געשטאַנען מיט אַ פאַרוקטער האַנט אין בוזים, געטאַפּט דאָרט זיין קניפּל און זיך געדונגען, זיך אויסגעגלייכט און גענומען ציילן.

## .V

שוידערלעך האָט א רעווע געטון דער געפּאַנצערטער לאָקאָ־מאָטיוו. ער האָט אָפּגעוואַרט ביז זיין רעווע וועט, ווי אן אָנזאָג פון טויזנטער בייזע בסורעס, זיך פאַנאַנדערשיטן איבער די ווייטע פּוסטע פעלדער און האָט ארויסגעלאָזן אַ צווייטן רעווע, אַ דריטן.

עמעצנס אַ בייזלעך קאָל האָט דאָרט געוואָלט אָניאָגן כאָטש איינעם פון די צוויי לעצטע סיגנאַלן, נאָר ניט דעריאָגט, זיך אָפּ־געהאַקט באַזונדער:

— פאַרטיק!

און פון אַלע זייטן פלאַטפאָרם האָבן אַהין א שווים געגעבן די היימלאָזע.

אינמיטן לויפן האָט מען זיך פאַרפּלאָנטערט אין א שטאַרקער כוואַליע פון געדרוקטער לופט; מע האָט זיך אַ דריי געגעבן, ווי אין אַ וואָלקן שטויב. דער פאַנצערצוג האָט אויסגעשאָסן פון עטלעכע האַרמאַטן אף איין מאָל. ווי פון זיך האָבן אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן אַלע הויכע וואָקזאַל־טירן, און די צוג־לופטן, וואָס יאָגן דאָרט אָן אופהער, האָבן אַרויסגעשאָסן אינדרויסן די אָפּגעריסענע ווערטער, וואָס לויפן דאָרט ארום:

— די באַנדע.

— קומט.

— ער אַנטלויפט.

— דער פאַנצער...

— דער צוג.

— פאַרפאַלן...

— וויי און ווינד...

די פרומע אידענע, וואָס זעט אויס, ווי אַ רעבעצן, איז גע־לאָפן פון ערגעץ מיט אַ גרויסן טשאַיניק וואַסער אין איין האַנט, און מיט דער פויסט פון דער צווייטער האָט זי זיך געקלאַפּט אין שווערן פאַרוק און האָט געקרעכצט, ווי אַף א סריפע:

— בעט גאָט, בעט גאָט!

אַקעגן האָט דער באַפרייטער דאַמף פונם לאָקאָמאָטיוו שוין געהאַט דערוואָרגן עמעצנס אַ לעצטן באַפעל:

— פּאָרויס!

שטיל האָט דער צוג זיך אַוועקגעגליטשט, זיך אָפּגערוקט און געלאָזט נאָך זיך אַ מאָדנע פוסטקייט אַף די רעלסן — אַ מאָדנע געווירבל פון לויפנדיקע מענטשן אף דער פלאַטפאָרם.

אַף די טר'עפּלעך פון לעצטן געפאַנצערטן וואַגאָן איז געשטאַ־נען דער יונגער קאָמאַנדיר און האָט געקוקט צו אָט די אַרומ־יאָגנדיקע צעפלאָכטענע און צעכראַסטעטע מענטשן. ער איז גע־פאָרן איצט אף זיגן אָדער אף אומקומען, און פונונטן צווישן דעם געבליבענעם מענטשן־ווירבל, וואָס אף דער פלאַטפאָרם, האָבן צוויי — אוגער און דער טעלעגראַפיסט — זיך געיאָגט נאָך דער מויד, וואָס וועט עפשער נאָך היינט געטויט ווערן דורך די אונטערקומענדיקע באַנדעס.

# אף דער הונדערט מיט
# איינטער וויאָרסט

## I.

אין עק לאַנד, באַם ברעג פון זומפּיקע „נייטראַלע זאָנעס״, שטייט אַ אידישע קרעטשמע.

אין קרעטשמע האָבן רויטע אופגעהאַנגען אַ טעלעפאָן.

באַם טעלעפאָן—פעאָדאָר זאַזולי:

אַ קרעפּטיקער יונג.

אַ בייזלעך־געטרייער און רויט־פּאַראַקשנטער.

ער זאָגט אַלעמען אַרום זיך מוסער.

ער קאָן זיך כאַסמענען.

ער האָט אַ געוואוינהייט זיך אָפּצושטעלן פאַר יעדן אָרט, וואו געדרוקטע אויסיעס זיינען געשריבן, און לייענען זילבנווייס אַף אַ קאָל, אַזוי אַז אַלע דורכגייער זאָלן זיך אָפּשטעלן און קוקן מיט וואונדער סיי אַף אים, סיי אַף די ווערטער, וואָס ער לייענט.

ער רעדט מיט אַ פאַרדרייטער האַלב־רוסישער, האַלב־אוק־ראַינישער שפּראַך און הייבט־טאָמיד אָן זיינע כקירעס מיט די ווערטער.

— עמעס, צי ניין?

ער פילט זיך אין דער רויטער אַרמיי זייער געשעצט, כאָטש ער איז אין איר אַ קאַפּעלע אַ פּאַרשפּעטיקטער, אַ צוגעקומענער פונם דאָרף. ער ציט קעסיידער צו נייע מענטשן צו זיין טייל — ער „באַאַרבעט״ זיי מיט געשווינדע ווערטער:

— הער נאָר, כאַווער, איך גיב דיר אַ געמעל: ניטאָ מער קיין עלטסטע — עמעס צי ניין? ביסט, הייסט עס, אַליין אַ סאָל־דאַט און אַליין אַ קאָמאַנדיר—ביסט אַ רויטאַרמייער, הייסט עס...

די צייט:

איינער פון די ערשטע רויטאַרמייאישע ווינטערס.

פון אָנהייב איז זאַזולי דאָ אין קרעטשמע געווען ניט איינער אַליין. צוזאַמען מיט אים האָבן דעם פּאָסטן געהיט נאָך אַכט רויט־אַרמייער. אַף די נאָענטע „נייטראַלע" זומפּן זיינען טאַנצנדיקע זאַווערוכעס געווען פול מיט אָפּגעשוואַכטע געשרייען, מיט נאָגנ־דיקן שוידער, מיט וואנדערדיקע רויבער, און אין דער ברודיקער קרעטשמע, אַרום הוילן טיש זיינען דענסטמאָל געזעסן אַכט רויט־אַרמייער, געהאַלטן צווישן די פיס אָנגעלאָדענע ביקסן, געדרויכערט מאַכאָרקע און געהערט, ווי אין טשאַד, זאַזוליס כקירעס וועגן די פּראַנצויזן, וואָס זיינען שוין אַוועק פון אָדעס, און וועגן די איינג־לענדער, וואָס שטייען נאָך אין אַרכאַנגעלסק:

— Ну, да, конешно, милый ты мой, случается, бывае.. это тебе не то, что коль снесли, а так, что каждна ласточка себе—ге—ге!...

נאָר סאָף ווינטער איז די „נייטראַלע זאָנע" געוואָרן מער שטיל און ווייניקער העפקער. אַף אַ ווײַלע האָט מען אופגעהערט צו וויסן:

— צו וועמען קער זי—צום אייגענעם לאַנד אָדער צום שכייניש.

די רויטאַרמייער זיינען דאַן אַוועק צו אַ צווייטן, אַ גאַנץ וויטן נייעם פּאָסטן און האָבן דאָ אין קרעטשמע באַם טעלעפאָן צייטווייליק געלאָזט זאַזולין איינעם אליין.

זאַזולי האָט דאָ זיין אַרבעט באַם טעלעפאָן איבערגענומען פרייוויליק, מיט דער גאַנצער היץ און מיטן גאַנצן ערנסט פון אַ מענטשן, וואס דערגייט צו אַלע קענטענישן מיט זיין אייגענעם סייכל. אַז וואָס דאַרף מען מער?—צוםביישפּיל, אַפילע די רעוואָלוציע אַליין—איז ער צו איר אויך דערגאַנגען מיט זיין אייגענעם סייכל.

דעם אינסטרוקטאָר, וואָס האט אים געוואלט באווייזן, ווי אַזוי באַם טעלעפאָן אַרומצוגיין, האָט ער דעריבער אָפּגעשטעלט נאָך באַ די ערשטע ווערטער:

— ס'איז גאַנץ פארשטענדלעך,—האָט ער געזאָגט,—ניטאָ דאָ וועגן וואָס צו האַנדלען, כאַוועד. דאָסדאָזיקע אָ—„טעלעפאָן" רופט מען עס, עמעס צי ניין? רעדסט צו דעם, ענטפערט מען דורך דעם. נו, און גענוג... און ווייטער איז אַלץ קאַבאַק...

דער טעלעפאָן — אַ זאַך, וואָס קער צו דער רעוואָלוציע, דע־ריבער דאַרף מען דאָס היטן — דאָס ווייסט זאַזולי... ס'איז ניט קיין זאָכער און ניט קיין נעקייווע, און האָט דאָך אייגענע וואונשן.

צום ביישפּיל:

אינדרויסן בלאָזט ניט קיין מינדסט ווינטל, טאָ רעד צו דעם שטיל, ווי עס רעדן אַלע מענטשן.

אינדרויסן איז אַ שטורמיש וועטער, טאָ שריי אין דעם אריין מיט אַלע קויכעס, אַזוי עס זאָל דיך באשלאָגן אַ שווייס.

איין זאַך נאָר:

עס איז אַביסל לאַנגווייליק. צווישן אידן האָט זאַזולי קיינמאָל ניט געלעבט, ניט פאַרשטאנען זייער שפּראַך.

די קרעטשמע—זי איז אַ פּוסטע אינמיטן פעלד; זי האט ניט אַרום זיך קיין איין שילד, אַקעגן וועלכן מע זאָל זיך קאָנען אָפּ־שטעלן לייענען.

דער טעלעפאָן איז דעריבער גאָר אינגיכן דאָ געוואָרן זאַזוליס איינציקער כאַווער — עפּעס אַ מין באַזונדערער האַלב־לעבעדיקער גוטער ברודער, צו וועמען מע קאָן צוגיין עטלעכע מאל אין טאָג, ווי צו אַ נאָענטן פריינט, און אַף האַרציקן כאַווערשן לאָשן זיך באנייס פאָרשטעלן דער רעוואָלוציע. ס'איז מער ניט, וואָס די רעוואָלוציע, אַז מע שטעלט זיך איר פאָר דורכן טעלעפאָן, דער־קענט זי דיך ניט אַזוי גרינג פון נעכטן — ווי אַ טויבלעכער מאַן, וואָס האָט אַ געשלאָגענעם זיקאָרן און דערפרעגט זיך אַלעמאָל פונסניי:

— אַ?.. ווער, זאָגסטו, ביסטו?

אַלעמאָל, ווען מע גייט צום טעלעפאָן צו, דאַרף מען אים אפּסניי אָנדרייען. עס דערהערט זיך אַ קלאַנג:

— דזשין! דזשין!

און דאַן שרייט מען צו אים אַריין גלייך אין אויער:

— באַם טעלעפאָן בין איך, פעאָדאָר זאַזולי! פּאָסטן נומ. 3... וואָס אַפן הונדערט מיט איינטן וויאָרסט!...

און נאָך שרייט מען צו אים אַריין:

— פורן פאָרן ניט!.. מע זעט ניט!.. שיקט עסן!..

איצט איז שוין אַ פּאָר וואָכן, זינט זאַזולי היט דאָ דעם טע־לעפאָן. ער שלאָפט לעבן אים אין ווינקל אין זיין קויטיקער

שינעל. ער שיסט אַלע באַנאַכט אַרום דער קרעטשמע, קעדיי מע זאָל וויסן, אַז דער פּאָסטן איז באַוואַכט. ער לייענט פון לאַנגווייליי־קייט די קויטיקע שטיקלעך פּאַפּיר, וואָס ער רייסט פון אַן אַלטער צייטונג צו פאַרדרייען מאַכאָרקע, און פילט אַ באַדערפעניש זיך אַריינלאָזן מיט עמעצן אין אַ כּקירע, אַ שמועס טון מיט אַ האָרע־פּאַשנעם מענטשן מיקויעך דעם, וואָס היינטיקע צייטן איז דיר ניט דאָס, וואָס „טאָמער, עפשער" — „מע דאַרף צוטרעפן"; און מי־קויעך דעם, וואָס כאָטש די רויטאַרמייער זיינען פונדאַנעט אַוועק צו אַ נייעם, גאַנץ ווייטן פּאָסטן, זיינען זיי פונדעסטוועגן געבליבן געטרייע כאַווײרים, און אַנו... זאָל נאָר עמעצער דאָ אַרום אים פּרוּוון טון עפּעס ווי ניט באַדאַרף צו זיין, איז באַלד איינס און צוויי — צום טעלעפאָן... און טאַקע דערפאַר טאָר ער, זאַזולי, דאָ ניט דרימלען און דאַרף דינען געטריי איר, זיין אייגענער זאַך — דער רעוואָלוציע.

באַ זאַזולין זיינען שטענדיק גרייט די ווערטער, מיט וועלכע ער וואָלט דאָ מיט פאַרגעניגן אָנגעהויבן איינצוטאַינען:

— יעדערן ווילט זיך לעבן בעסער, עמעס צי ניין?

נאָר טאָמיד, ווען ער הייבט דאָ אָן זיין כּקירע, בלייבן אַלע אין קרעטשמע ווי טויבלעך און קוקן אים אָן מעשונע מיט טעמפּע אויגן. און נאָכדעם, אַז ער גייט אַוועק איינער אַליין אין קיך אַריין, שרייט מען, ווי טאָמיד, זייער בייזלעך אַפן איינציקן צוועלפיאָריקן מיידעלע:

— זעלדע! אַוואו איז דיר דער קאָפּ? זעלדע!...

— וואָס האט מען דיר געהייסן טון... זעלדע?!

און הייסן הייסט עס:

— פאַרוואס גייסטו ניט נאָך דעם אָרל?.. כאַפּ אַ קוק אין קיך... זעלדע!..

כאָטש אַליין איז מען שוין צו אים צוגעוואוינט און מע פּאָנ־פעט צווישן זיך, גלאָצנדיק די אויגן קלוימערשט צום באַלקן:

— דער גאָי איז אַן אָרנטלעכער.

— עס מעג ליגן לעבן אים גאָלד.

און נאָך פּאָנפעט מען:

— גלויבט אין די רויטע, ווי אין ציילעם.

— הערסט... דאָס איז דאָך דער אומגליק.

— אַז די רויטע אַליין האָבן גאָר וועגן אים געזאָגט: „מיר האָבן אים געטראָפן אין וועג, האָט ער זיך צו אונז צוגעקלעפּט".

— וואָס קלערסטו?.. (אַ זיפץ). אוואדע וואָלט מען פריי אָפּגעטעמט, ווען גאָט נעמט אים צו פונדאנען.

.II

׳פאַראַן אין קרעטשמע:

אַן אַלטער קליינוואָקסיקער יידע, וואָס הערט שלעכט און שמעקט שלעכט — אַ ווייסינקער זאָקן מיט געשווירענע וואָנצעס און מיט ציטעריקע אונטערגעבראָכענע קני. ער קלעטערט אַלע טאָג אַף אַ ביינקל דעם זייגער אָנציען, קוקט אַריין אין אַ לויך און וואַרט:

אַז עס וועט קומען עסטער־טאָנעס, וועט ער פאַסטן.

פאַראַן זיינען אויך אין קרעטשמע:

מיטליאָריקע טאַטע־מאַמע, פאַרגרעבטע, שטילע, טיף־אריינגעטונענע אין זייער קרעטשמעדיק לעבן און אין קליינעם באַאַרבעטן שטיקל ערד, וואָס הינטער דער שטוב, זיי קוקן דערשלאָגן און וואַרטן אַף בעסערע צייטן:

זינט די רויטאַרמייער האָבן באַ זיי אין שטוב אופגעהאנגען דעם טעלעפאָן, איז געקומען דער דאַלעס — דאָ אַרום האָבן אופגעהערט פאַרבייצופאָרן מענטשן, וואָס גאנווענען די גרענעץ, און האָבן אופגעהערט צו צאָלן פאַר „סאמאָוואַרן", פאַר „אָנוואַרעמען זיך", פאַר נעכטיקן און פאַר עסן.

די קרעטשמע:

אַ פוסטע אין וויסטן פעלד באַ די זומפּן — זי זעט איצט קיינעם ניט, אַכוץ זאַזולין און אַכוץ יאַנקל דעם גראָבן — דעם געוועזענעם קאַצעוו, וואָס איז איצט געצוואונגען פאַר נישטיקע סכירעס צושטעלן עסן צו די פאָסטנס און קוקט מיט שעלטנדיקע אויגן, בייזע, ווי נאָך אַ שאַבעסדיקן שלאָף.

ער איז אין קאַס:

זיינע פערד — די בעסטע אין געגנט (ער האָט זיי געקויפט קעדיי צו פירן פאַרשוינען צו דער גרענעץ, ער איז צוליבדעם געוואָרן אויס קאַצעוו), רייסן זיך איצט אומזיסט אונטער די ביי־

כער אין די טיפע בלאָטעס. זיין וואָגן ווערט פון מאָל צו מאָל מער פאַנאַנדערגעשרויפט און באקומט אויסגעבויגענע רעדער.

באַ יאַנקל דעם גראָבן דערפרעגן זיך דאָ אַלעמאָל פונסניי מאַן און ווייב:

— די באַלעגאָלעס פירן צו דער־גרענעץ?.. אַ?.. יאַנקל...

יאַנקל איז אויסערלעך זייער קאַלט. בייז זיינען אין אים — אינעווייניק — די קישקעס. ער ענטפערט מיט אַ שטילן פאָנפע:

— וואָס־זשע?.. מע פאָרט ניט?

— אַלע טאָג, יאַנקל?

— וואָס־זשע?

— מיטן נייעם וועג מיסטאָם, אַ? יאַנקל... מיט דער קוידע־נער קרעטשמע?

יאַנקל טוט ווידער אַ פאָנפע:

— נו, יאָ... מיט דער קוידענער.., וואָדען? דורכן הימל פאָרט מען?...

— מע לייזט דאָרט? אַ, יאַנקל?.. מע צאָלט מיסטאמע גוט?

יאַנקל באטראכט זיין וואָגנס רעדער, אויסגעדרייטע, ווי אי־בערגעקערטע אָפּצאסן. ער נעמט אָן אַ פולע ברוסט מיט לופט און ענטפערט מיט שטעכעניש, קעדיי בא די באלעבאטים פון קרעטשמע זאָל כאָטש אויך פּלאַצן די גאַל:

— מע לייזט, מע לייזט.

— און וואָס זאָגט מען אין שטאָט?

— וואָס זאל מען זאָגן?

— „זיי" (מע טוט א וואונק אין זאַזוליס זייט), זיי זיינען אף לאַנג, די גרויסע?

— ווער ווייס?

— אָבער ווי קלערט מען, יאַנקל?

— מאַשמאָעס אף לאַנג.

איטלעכס מאָל נאך יאנקל דעם גראָבנס אַוועקפאָרן זיפצט מען אין קרעטשמע, ווי גלייך אף דער וועלט איז געשטאָרבן א גרויסער צאַדיק. מ׳רעדט צו זיך אַף דער פאָנפעוודיקער שפּראַך וואָס גיסט זיך צוזאַמען פאר זאזוליס אויער אין איין לאַנגן קלאַנג:

— מיר—דיר—ביר—וויר—גיר.

קעדיי די אידענע זאל אים ניט עסן, קעדיי ניט צו הערן, ווי זאַזולי גוואַלדעוועט אין טעלעפאָן, גייט דאַן דער באַלעבאָס אַוועק זיך פּאָרקען אין שטויביקן האַלב־טונקלען שפּייכלער און פאַרבלייבט דאָרט אַף לאַנגע שאָען.

זאַזולי וואַרפט דאַן אַף זיי אַלע בליציקע בליקן, בעאייס ער דרייט מאַכאָרקע.

ער האט פארדרוס.

אים ענטפערט די לעצטע טעג זייער קנאַפּ אין טעלעפאָן דער צווייטער ווייטער פּאָסטן. דער פּאָסטן קלינגט צו אים קי־מאַט אָן אופהער און רעדט צו אים מיט מאָדנע צעצויגענע אומ־קלאָרע ווערטער, ווי גלייך מ׳האָט דאָרט עפּעס שטאַרק קיין צייט ניט, ווי גלייך מע פּאַקעוועט זיך דאָרט אין גרויס איילעניש און מ׳גרייט זיך איבערגיין צו א נייעם, גאר־גאר ווייטן פּאָסטן. דערצו נאָך שיקט מען אים שוין ניט צו אַהער קיין עסן און מע פאַרגעסט, אַז ער איז דאָ געבליבן מיט א ליידיקער ביקס אָן קוילן.

קעדיי אויסצובאהאַלטן זיין אומרואיקייט פון די ארומיקע, מורמלט ער דאָ קימאַט אָן אופהער:

— אָט, ליידאַקעס... אָט כאַזיירים... אָט, אַז איך וועל זיך צו זיי דערקלייבן !...

ער קוקט אַריין צום באַלעבאָס אין טונקלען שפּייכלער און געפינט אים דאָרט א פארשטויבטן באַ דער רעשעטע.

— דו, באַלעבאָס,—פּרואווט ער צו אים רעדן, ווי נעכטן און איין־נעכטן,—דו, באַלעבאָס, אַרבעטסט? נו, אַרבעט, אַרבעט... און מיר באַמיען זיך פאַר דיר... פאר אלע, וואָס אַרבעטן, הייסט עס. עמעס, צי ניין? מיר פאַרטראַכטן דאָסדאָזיקע־אָ אַזוי: האָסט דיר, לאָמיר זאָגן, פון דיין שטיקל ערד צוואַנציק זעק ברויט... עס איז דיר קאַרג?... טאָ האב דיר א גרעסער שטיקל ערד, האָב צו עסן זאַט. עמעס, צי ניין? מיר זיינען ניט דאָס, וואָס די פריי־עריקע מאַכט...

זעט אָבער אויס דער פארשטויבטער באַלעבאָס די לעצטע טעג מער בארויגעז, ווי פריער, און האט טאָמיד אַזאַ אויסזען, ווי גלייך זאזולי רעדט צו דער וואַנט.

זאזולי ווערט נאָך מער אומרואיק, קערט זיך אום צוריק אין קרעטשמע און זיצט דאָרט ביז פאַרנאַכט באַם הוילן טיש — זיצט

מיט א ליידיקגייעריש לידל צווישן די ציין, שפּאַרט דעם קאָפּ אַפן עלנבויגן און פּרוּווט צו לעצט איינטאַינען כאָטש מיטן אַל־טיטשקן, וואָס זיצט אַקעגן אַפן סאָפקעלע:

— דו, זיידעניו, — שרייט ער צו אים, — ביסט שוין אַלט... עמעס, צי ניין? היינט, מאָרגן שטאַרבסטו! און מיר אָט: יונגע רויטאַרמייער, איינס און איינס... מיר האבן אָנגעהויבן, אַזוי צו זאָגן, מיט אונזערע צען פינגער... קיינעמס אייסעק... עמעס, צי ניין?

נאָר דער אַלטער קוקט אַף אים מיט אויווערבאָטלדיקע אויגן, ציטערט אָן אופהער מיטן קאָפּ איןביידע זייטן, ווי איינער זאָגט:

— ניט מאַסקים, ניין... ניין... ניט מאַסקים...

און אַז זאַזולי גייט נאָכדעם אַרויס אין קיך, שרייט ער, ווי אַלע, אַפן מיידעלע:

— זעלדע, וואו איז דיר דער קאָפּ? פאַרוואָס גייסטו אים ניט נאָך אין קיך, זעלדע?...

זאזולין האָט אָנגעכאַפּט א ביינקשאַפט. ער האט דאָ סאָפּ־קאָלסאָף אווּעקגעמאַכט אַף אַלע מיט דער האַנט און זיך גענומען צוריק צום טעלעפאָן — צום איינציקן נאָענטן פריינט, וואָס פאַר־בינדט אים מיט זייניקע און מיט דער יעשוע, צו וועלכער עס לעכצט איצט, ווי אין אייביקער טונקלעניש, אַ גאַנצע דורשטיקע וועלט. זאָל זיין, אז זייניקע האבן צוליב עפּעס געמוזט איבער־לאָזן זייער פּאָסטן און איבערגיין צו א צווייטן, זייער און זייער אַ ווייטן. זאָל זיין, אז אין טעלעפאָן הערט מען ניט מער, ווי זייער אַ ווייטן, ווייטן אומקלאָרן קלאַנג, נאר אויך אָט דער קלאַנג איז טייער און פיל ליבער פון אַנדערע גאַנץ קלאָרע — אויך צוליב אים איז קעדאי לאַנג אָפּצושטיין באַם טעלעפאָן און אין אים אריינשרייען מיט אַלע קויכעס:

— דאָ רעד איך, פעאָדאָר זאַזולי!... פּאָסטן נומער 3... וואָס אַף דער הונדערט מיט איינטער וויאָרסט... ענטפער! נו! שווייג ניט... ענטפער!..

עמעס, זיין דאָרטן מיט זיי, אומקומען, אויב מ'דאַרף, מיט אַ פּאָכנדיקער בלויזער שווערד אין האַנט צווישן הענט מיט בלויזע שווערדן — איז פיל גרינגער איידער קאָרטשען זיך אין

גרויס ביינקשאַפט איינער אַליין דאָ אַפן פּאָסטן. נאָר טאַקע דער־ריבער שטאַרקט זיך די באַדערפעניש צוצופאַלן צום טעלעפאָן — שטאַרקט זיך מיינסטנס פּאַרנאַכט, ווען זיין אויער כאַלעמט זיך א ווייטלעך שיסן, ווי פון האַרמאַטן, אָדער א ווייטלעך זינגען, ווי פון גאַנצע רויטאַרמייאישע מאַכנעס, באַגלייט מיט שפּילנדיקע טראָמפּייטן, מיט פּויקן און מיט קלאַנג פון טאַנצנדיקע טאַצן.

שאָען לאַנגע האָט דאַן זאַזולי אָפּגעריכט זיין טפילע באַם אַפּאַראַט, געשטאַנען אף זיין פּאָסטן ביז שפּעט אין פּאַרנאַכט דאָ אינמיטן די אַרומיקע מיילנווייטע זומפּן.

זיין געפיל:

אַ וועלט א רויבערישע, אַ זינדיקע איז קראַנק פון רויבע־רייען און פון זינד, און צווישן אָט דער וועלט — ער, זאַזולי, איינער אַליין: ער רעדט זיך פאַר איר דורך אין טעלעפאָן מיט א זויבערער וועלט, א ליכטיקער, א געליײַטערטער דורך אופ־געהויבענע הענט מיט בלויזע פאָכנדיקע שווערדן. און צו אָט דער גלוסטיקער גאַניידנדיקער וועלט פירן דעם טעלעפאָנס דראָטן ווייט, ווייט, א מעהאַלעך ראָוו. אַמאָל ענטפערט מען פונדאָרט, אמאָל ניט—ס'ווענדט זיך אינם ווּעטער אינדרויסן און אין דער אַרבעט, וואָס דאָרט קומט פאָר. נאר פאַרוואָס דאַכט זיך די לעצטע טעג, אַז אָט די גלוסטיקע וועלט דערווייטערט זיך פונ־דאַנען אלץ מער און מער און פארלאָזט דאָ אַפן פּאָסטן אים, זאַזולין, איינעם אליין?

אָפטמאָל ווייזט זיך אויס, אַז דאָרט רעדן שוין ניט די פרי־עריקע קוילעס, אז עמעצער א פרעמדער ענטפערט קאַלט, שטי־כיק, ווי אַף צולאָכעס אומקלאָר — עמעצער שפּאָט... און אויך דאָ אַרום אים, אין קרעטשמע, דאַכט זיך, שפּאָט מען שוין אויך... טאָמיד, שפּעט אין פּאַרנאַכט, אַז ער טרעט אָפּ נאָך זיין שאָען־לאַנגער אוואוידע פונם טעלעפאָן, הערט מען אין שטוב מיט־אַמאָל אוף צו רעדן, מע צינדט אָן דעם לאָמפּ, און דאָס מיי־דעלע קוקט דאַן אף אים פארוואונדערט, בעאייס ער שטייט אַקעגן און פארדרייט פון מאַכאָרקע א פּאַפּיראָס — עס קוקט מיט אזאַ מינע, ווי גלייך עס קיצלט איר אין נאָז.

— טי טשעוואָ?!.. האט זאזולי איינמאָל אַפן מיידעלע אָנגע־שריגן.

ער האט זיך דערביי בייז א קרום געגעבן און א טופּע געטון אפן מיידעלע מיטן פוס.

נאָר דאס מיידעלע האט אים גאָרנישט ניט געענטפערט... עס איז אנטלאָפן אין א צווייטן ביידער מיט אַזאַ שמייכעלע און מיט אַזא דריבנע געלעכטערל, ווי גלייך דער צווייטער ווייטער פּאָסטן, צו וועלכן ער שרייט אין טעלעפאָן, איז שוין אַף אייביק אומגעקומען — ער איז שוין ניטאָ...

## .III

— דזשין! דזשין!..

— באם טעלעפאָן בין איך...

— פּעאָדאָר זאַזולי.

— דזשין! דזשין!

— נו, ענטפער, אין דיין מאַמען אריין!

— ווער איז דאָרט?

— רעד ווערטער!

— דזשין!.. דזשין!.. דזשין!..

דער טעלעפאָן האט א גאנצן טאָג ווי געכוויזעקט פון זאַזולין, גענאַרט צו זיך, געקלונגען אלע ווײַלע ווי מיט נייער קראַפט. איטלעכס מאָל, ווען זאַזולי האט צוגעלייגט זיין אויער צום טרייבל, האט זיך אים געדוכט: עמעצער רופט אים צו זיך, עמעצער וויל אים עפּעס זייער וויכטיקס זאָגן, נאר ס'שטערן פרעמדע, קאַלטע קוילעס, ווי פון פאַרשיידענע זייטן. א יאַריד פון פיל שוואַכע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער שטערן דעם אייניציקן נייטיקן קלאַנג אין טעלעפאָן, און דער יאַריד אַליין, פונוואַנען מע רעדט זיך איבער, איז עפּעס א מיעסער, א פּאַסקודנער.

ארום אין קרעטשמע שוויגט מען. און נאָר דאס מיידעלע לאַכט מיט א גיפטיק געלעכטערל — לאַכט ווי ניט פון אים, און דאָך יאָ פון אים.

דערצו נאך האָט באַ דער קרעטשמע זיך אופגעהערט צו באַווייזן דער גראָבער, וואָס פירט פאנאנדער עסן. די באַלעבאַטים זיינען געווען אומרואיק, און געדאַכט האָט זיך:

זיי ווייסן עפּעס...

זאַזולי איז אַרומגעלאָפן ווי צעמישט.

די באַלעבאַטים, האָט ער געזען, רעדן צווישן זיך אויף גיך, אויף גיך, מע קאָן ניט וויסן, צי זיי זיינען שטאַרק פריילעך אָדער זיי קריגן זיך. עס פאַלט צו עפּעס אַ נייע אומרואיקע נאַכט.

אין קרעטשמע איז מען געלעגן אין די בעטן אין דער פינצ־טער, זיך געמאַכט שלעפעריק, כּדי זאַזולי זאָל גאָרניט ניט באַמערקן, און זיך איינגעהערט, ווי די זומפּן, וואָס אויף דער „נייטראַלער זאָנע", זיינען פול מיט ווידערקוילעס, ווי אַן אופגערו־דערטער וואַלד. די ווידערקוילעס וואַקסן און ווערן קלערער. גאַנצפרי שיסט מען ערגעץ ווייט אויף די זומפּן, און ניט פון ביקסן — פון פיל שטאַרקערס.

זאַזולי קלאַפּט מיט דער דרויסנדיקער טיר. אַלע ווײַלע פאַר־לאָזט ער דעם טעלעפאָן, לויפט אַריין צוריק פונדרויסן און קלינגט ווידער:

— דאָ בין איך — פעאָדאָר זאַזולי!..

— נו, זאָג שוין!.. זאָג.

איצטיקס מאָל איז דער טעלעפאָן מער טויב; זיין זיקאָרן — מער געשלאָגן. וויפל מאָל זאַזולי שטעלט זיך פאַר אים ניט פאָר, דערקאָנט ער אים דאָך ניט און ענטפערט ניט. דער איינ־ציקער קלאַנג, וואָס ער באַקומט אַרויס נאָך אַלע געשרייען פונם טרייבל, איז שוין טאָמיד איינער און דערזעלבער:

אַ שוואַכער אומפאַרשטענדלעכער קלאַנג, אַ ווייטער, גלייך קומען קומט ער אַהער פון קעגנײַבער פאַריאָגטע וועלטן — נאָר ער איז דאָך טייער און הייליק.

זאַזולי איז שוין מיד און אונטערגעריסן.

אַ גאַנצן מאָרגנדיקן טאָג איז ער דאָך ניט אָפּגעטראָטן פונם טעלעפאָן, געשטאַנען ראַק אויף די פיס, געקלונגען, געקלונגען כּדי אַרויסצורופן דעם איינציקן אָפּגעשוואַכטן און דערווייטערטן הייליקן קלאַנג נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

אין קרעטשמע האָט מען וועגן אים געדעט צווישן זיך אויף דער „מיר—דיר—וויר—גיר"־שפּראַך:

— זע נאַר... זע נאַר...

— פּונקט ווי מע רופט אָפּ אַ טויטן.

— ביסט אַ מיוון?..

אָנגעשפּאלטן, הייזעריק, פול און פול מיט געבעט האט גע־קלונגען זיין קאָל:

— ענטפער!.. ענטפער!..

און אין די מידע קוויטשעקלעך פון זיינע געשרייען פילט זיך הילפלאָזיקייט און ווייטיק—אָן שיר ווייטיק:

— פארלאָזט ניט, טייערינקע!.. כאָטש איין וואָרט...

און נאָכדעם איז שוין געווען פארנאכט, און אז זאזולי האָט זיך ווידער מיט קוילעס און מיטן טרייבל באם אויער גענומען צום טעלעפאָן, האָט ער שוין אין אים מער גאָרניט געהערט: דער איינציקער אָפּגעשוואכטער און הארציקער קלאנג איז פאר־שוואונדן — די דראָטן זיינען ערגעץ אומבאוואוסט־וואו געווען איבערגעריסן.

מיט פארשפּיצטע אויגן צו די זומפּן איז זאזולי געשטאנען אינדרויסן און זיך איינגעהערט:

די זומפּן זיינען צוריק שטיל, ווי אויסגעשטאָרבן. דער קרעטשמער קערט זיך אום פון ערגעץ אהיים. זיין אידענע וואַרט אים אָפּ אינדרויסן און ווערט פריילעך בעאיים ער דערציילט איר עפּעס זייער שטיל, ווארפנדיק קאָסע אויגן אויף זאזולין. אין קרעטשמע צינדט מען אָן א לאָמפּ און מע ווישט דערביי דאָס גלעזל מיט פיל מער ליבע און פיל לייגער, איידער מע האָט עס געווישט ביז היינט. מע רעדט אַרום אים פיל העכער, איידער מע איז געוואוינט געווען ארום אים צו רעדן — מע באמערקט אים ניט, ווי גלייך ער וואָלט דאָ ניט געווען.

אַף צולאָכעס שטעלט ער זיך באַנייס אוועק שרייען אין טעלעפאָן.

## .IV

פון דער קרעטשמע טראָגט מען ארויס אלע טישן און ביינק.
עס האלט זיך אין איין טון, ווי פאַר א יאָנטעוו:
מע לופטערט באַטאָג בעטגעוואנט אינדרויסן.
מע שטעלט ארויס אויסבאהאַלטענע קליידער און שוכווארג.
מע רייבט אין שטוב די ווענט.
מע שאָבט שאפּקעלעך און טאפּטשאנעס.
מע שייערט די פּאָדלאָגעס.

מע שייערט און מע רייניקט, ווי צוליב פּריצים.

זאזולי קוקט זיך דערויף- צו מיט טרויעריקן וואונדער:

מע וואַרפט ארויס פון קרעטשמע אלץ, וואָס דערמאָנט אן פּאָסטן. צוליב וואָס טוט מען דאָס, זאָגט מען ניט, מע שווייגט. נאָר וואָס מער מע שייערט, אלץ מער דערפילט זאזולי, אז אויך אים מיטן טעלעפאָן וויל מען פון קרעטשמע ארויסשייערן.

— אָט רוכעס! אָט פּאַסקודסטווע!

זאזולי קומט אריין פונדרויסן און קוקט מיט בייזע פייערלעך אין די אויגן, ווי מע ראָמט אויס זיין געלעגער. דאָס מיידעלע שמירט דאָרט די וואנט אף גיך, אף גיך, זי באשפּריצט ווי אומיסטן דעם טעלעפאָן. באליידיקט, ווי מע וואָלט אים צוליב אומקאָוועד אָפּגעגאָסן מיט שמוץ, קוקט צו אים דער אַפּאַראַט.

זאזולי דערפילט פּלוצים דעם עלנט פון זיך אַליין, פון זיינע אָפּגעטראָטענע כאווײרים און פונם טעלעפאָן — דעם איינציקן גוטן פריינט, וואָס איז באשפּריצט... פול און פול מיט פלעקן, ווי מיט ווייסע טרערן...

— אָט דאָ ניט טשעפּען,—בעט ער באַם מיידעלע,—ניט ראָמען דא אין ווינקל, זאָג איך...

— אָט דאָ וועל איך אליין אופראָמען, זאָג איך...

נאָר דאָס מיידעלע איז ווי טויב.

זי שפּריצט פון דער באַרשט נאָך שטארקער אפן אפּאראט.

זאזולין פארקלעמט באם הארצן — ער צינדט זיך אָן:

— זיך אהער ניט מישן!—שרייט ער.

ער כאפּט אין די הענט די ביקס מיט אלע קויכעס, ווי א ווילדער.

דאָס מיידעלע שפּרינגט אָפּ מיט א היכץ, א בלאַסינקס, אָן א זייט, און אין שטוב ווערן אלע פול מיט שרעק.

דער אידענעס אויגן קוקן אף אים שטארק אָפּן, ווי אף א צעמישטן, דערביי רעדט דערווייל איר מויל ניט צו אים, נאָר צום מיידעלע:

— טשעפּע אים ניט!.. לאָז אים דאָס ווינקל, לאָז אים... ראָם ניט...

און נאָכדעם איז שוין אין קרעטשמע שטיל.

זאזולי וואַשט אָפּ די פלעקן פונם אפּאַראַט און רעדט צו זיך אליין:

— אַט וועט מען זיך אָנרייסן... אַט וועט מען דערפאַר האָבן...
און נאָך:
— דאָסדאָזיקע — אָ... טעלעפאָן הייסט עס, עמעס צי ניין? אַ זאַך איז עס אַ שטילע, אַן איידעלע, מיט געדערים... אַ מאַשינעריע אַ גאַנצע... טוסט דעם שלעכטס, איז ווי דו טוסט שלעכטס אַ לעבעדיקן, נאָר עס שווייגט...
— קיינעם טשעפּעט עס ניט, עמעס צי ניין?
נאָר אין קרעטשמע קוקט קיינער מער ניט אין זיין זייט, אַכוץ דעם אַלטן, וואָס זיצט, ווי טאָמיד, בא דער הרובע, שמעקט מיט אַ שלעכטן רייעך און שעפּטשעט מיט די ליפּן — רעדט אָן לאָשן מיט דעם פאַרנאַכט.
— קיינעם טשעפּעט עס ניט, — שרייט צו אים זאַזולי.
דער אַלטער קוקט און שמעקט מיט די ליפּן...
— עך, עך, עך! — זיפצט זאַזולי מיט באַדויערונג, — געוואָלט האָבן מיר אייך געבן אַ לעבן... אַ?.. געוואָלט האָבן מיר אייך באַגליקן...
פון ביינקשאַפט קערט ער זיך צו זיין ווינקל, ווי צו אַ טפילע, און טרעט פון דאָרט ניט אָפּ — ער היט דעם טעלעפאָן.

———

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער.
געקומען יאַנקל דער גראָבער, געבראַכט אויף זיין וואָגן די ערשטע צוויי פּאַרשוין אויף צו פירן זיי דאָ אַרום צו דער גרענעץ.
זאַזולי האָט זיי באַטראַכט מיט פאַרקלעמטע ציין, פאַרביטערט.
ביידע זיינען געווען:
מאַנסבלען.
בייכעדיקע.
אָנגעפּעלצטע — שוואַר־באַוועגלעכע אָפּגעטער.
און ביידע האָבן זיי מוירע געהאַט אַראָפּצוואַרפן פון זיך די וועג־בורקעס, ווי גלייך עס קאָן דאָ עפּעס אַרויספאַלן פון זייערע געפּאַקטע קעשעניעס.
זאַזולי האָט, קוקנדיק אויף זיי, באַקומען אַ פייערל אין די אויגן:
— אָט שליינג, אָט פּיאַוועס.
— אָט האָט מען זיך אָנגעראַבעוועט און מע אַנטלויפט!

אומגלויביק דערשראָקן, ווי אַף שפּילקעס, זיינען דאָ געזעסן ביידע אָנגעפּעלצטע פּאַרשוינען, מוירע געהאַט פאַר זאַזוליס בליקן און איבערהויפּט פאַר זיין פּאָרקען אין ווינקל באַם טעלעפאָן און זיך געכאַפּט פונדאַנען אַוועקצופאָרן. נאָר אַף מאָרגן האָבן זיך דאָ שוין אָפּגעשטעלט נייע באַלעגאָלעס מיט נייע פּאַרשוינען.

זאַזולי האָט דאַן אינדרויסן אָפּגערופן דעם קרעטשמער אָן אַ זייט און אים אָנגעהויבן געבן צו פאַרשטיין אפן וואונק:

— דו, לאַנדסמאַן... הער: די גאַנצע צייט געהיט דאָ דיין שטוב. קיין זאַך באַ דיר ניט געמינערט, עמעס צי ניין?... אַוועקגיין איצט פונדאַנען קאָן איך ניט — א געפאַר. איך ווייס עס אַקוראַט: מיינע, די רויטע, זיינען דאָ ניט ווייט... זיי וועלן זיך אומקערן... מע האט מיר אַנומלטן אַהער אונטערגעשיקט זאָגן: אין צוויי וואָכן ארום זיינען מיר דאָ צוריק...

די באַלעבאַטים האָבן געקוקט, געקוקט, ניט געוואוסט, צי ער זאָגט זיי דעם עמעס, און באַשלאָסן:

— עפּשער טאַקע... ניט איינרייסן מיט א גאָי... אַ סאַקאָנע... ער וועט זיך פאַרדינען זיין עסן.

נאָר אז מע האָט אים איינמאָל געזאָגט, ער זאָל אַראָפּנעמען אין שטוב אריין באַ די פּאַרשוינען א פּאָר שווערע פּעקלעך, וואָס די באַלעגאָלעס האבן געבראַכט, האט ער זיך ניט גערירט פון אָרט, געשטאַנען אין א זייט מיט פאַרלייגטע הענט, וואָס אָט־אָט זיינען זיי גרייט צו געבן פּעטש. אז די באַלעבאַטים האָבן פון מוירע אָפּגעטראָטן אין א זייט, האט ער נאָך אלץ געקוקט מיט בייזע שוואַרצאַפּל אף די פּאַרשוינען, אף די באַלעגאָלעס און אף די שווערע פּעק:

— עך, עך, עך, — האָט ער אָפּגעזיפּצט, — און מיר ווילן אייך באַגליקן, ווילן מיר... און מיר ווילן אייך געבן א לעבן, ווילן מיר...

קעדיי אַרויסצובאַווייזן זיין סינע צו די דורכפאָרנדיקע, קלינגט ער אין טויבשטומען טעלעפאָן, קלינגט אלע פאַרנאַכט, ווען פּאַרשוינען אין קרעטשמע קלייבן זיך אָן אַסאַך און פילן אָן אלע צימערן. די פּאַרשוינען האָבן זיך געשראָקן, מוירע געהאַט צו רעדן הויך, און די באַלעבאַטים האָבן זיי געטרייסט:

— עסט!.. עסט!.. זאָלט איר געזונט זיין. עס איז גאָרניט. עס איז גלאַט אַזוי. וואס האַרט אייך?.. זאָל ער קלינגען.

מע האָט סאָפּקאָלסאָף פאַרהאַנגען דעם טעלעפאָן מיט א רעד־נע, האט זאַזולי זיך קיין אָרט ניט געפונען. קעדיי ניט צו פילן אַזוי שטאַרק די באַליידיקונג פונם טעלעפאָן, האָט ער אָנגעהויבן אויסקוקן פאַר אים א ניי אָרט. ער האָט פריער איבערגעטראָגן דעם טעלעפאָן אין שפּייכלער אַריין, אים אופגעהאַנגען אף דער וואַנט, און נאָכדעם טאַקע אַהין אונטערן טעלעפאָן איבערגעטראָגן זיין געלעגער.

.V

דער אַלטער, וואָס קלעטערט אלע טאָג אף א שטול דעם זייגער אָנצוציען, האָט אַזוי לאַנג אַריינגעקוקט אין לועך, אַזוי לאַנג געוואַרט אף עסטער־טאָנעס, ביז עסטער־טאָנעס איז געקומען.

פאַרנאַכט זיינען „געסט״ אין דער קרעטשמע געווען אַסאַך, אָנגעפּאַקט אַלע צימערלעך, געשוויצט צוזאַמען מיט די ווענט. באַלעגאָלעס האָבן אלץ געבראַכט נייע, אלץ מיט נייע שווערע פּעק.

זאזולי האָט אלץ פאַרביטערט צוגעקוקט, געוויייטיקט שטיל און ניט געהאַט פאַר ועמען אויסצולייגן זיין האַרץ.

— אָט פיאַווקעס !.. אָט באַנעמט מען דאס אונז... אָט פירט מען אַרויס אלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן.

אין קרעטשמע איז דער טיש געדעקט. אויבנאָן זיצט א דיי־קער יונגערמאַן און פאָדערט מע זאָל אָנצינדן ליכט, ווי אום יאָנטעוו. ער כאַזערט :

— נישקאָשע... איך קאָן באַצאָלן...

פון סימכע האָט ער ניט אופגעהערט צו ריידן :

— איך האָב א שפּיי געטון אף מיין היים, פאַרשטייט איר מיך ! מויכל, מויכל... און העמדער טראָג איך ליינענע... אַדאַיעם, אָט טוט א קוק — וועבל... איך בין אַזוי געוואוינט..

געווען איז דאָרט :

אַ יונגערמאַן א שטילער, א שוויינגדיקער, וואס רעדט מיט קיינעם ניט און האָט זיין טייערן פאַרפאַקטן פידל.

געווען איז דאָרט :

א מאַמע, אַ געזעצטע, ווי אַ רייכע רעבעצן, אַ קאַראַקולענע, מיט אויך אַזעלכע געזעצטע דריי קאַראַקולענע מוידן, וואס זיצן מיט פאַרפומירטע טיכלעך באַ די נעזער און האָבן מוירע א שמעק צו טון די לופט אין קרעטשמע, טאָמער האָט זי א שלעכטן רייעך.

געוועז זיינען דאָרט: צוויי לאַנגע, מאָגערע אידן, וואָס קראַצן זיך מיט די פּלייצעס באַ דער הרובע און שפּאַרן זיך:

— מיט וואָס איז פריער גרינגער געוועזן צו גאַנוועגען די גרענעץ—מיט לעדער צי מיט סאַכאַרין?

נאָכדעם זיינען אָנגעקומען נאך אַ פּאָר אידן שותּפים. זיי האָבן זיך לאַנג ניט געקאָנט דערמאָנען, צי דאַרף מען איצט דאַווענען מינכע פאַרן אָמעד אין אַ טאַליס, צי ניין. זיי האָבן צוזאַמען מיטן אויווערבאָטלדיקן אלטיטשקן געשלעפּט אין צווייטן קלענערן כיידער צו א מיניען:

— קומט, רעב איד... וואָס האַרט אייך?..

דער געפאַקטער, וואָס טראָגט העמדער נאר פון וועבל, האט ניט געוואָלט גיין, געכויזעקט, געלאַכט מיט דינע ציינדלעך:

— איז וואָס קאָן מען דערפאר האָבן, א? פעטער... וואָס וועל איך דערביי פאַרדינען?

און דאָך, ווי אַלע, זיך נאָכגעשלעפט אין צווייטן צימער. פאַר א טישל מיט ברענענדיקע ליכט האט איינער פון די צוויי אידן שוין געהאט ארופגעוואָרפן אף זיך דעם אַלטיטשקנס טאַלעס און געצוואונגען אַלע באַלעגאָלעס נאָכזאָגן, נאָכשאָקלען מיט די ליפן.

באַ דער שטילער שמוינע־עסרע:

די ארומיקע לופט איז אַ פאַרגאַפּטע; מע שווייגט, גלייך אין קרעטשמע איז עמעצער געשטאָרבן.

באַ „קדושע״:

די קאַראקולענע גווירישע רעבעצן צוזאמען מיט אירע דריי מוידן שטייען אף די פיס אין צווייטן כיידער, שפרינגען מאַנסבלש „קאָדוש״.

זאַזולי איז דעמאָלט געשטאַנען אין קיך־טיר, געקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און זיך געשראָקן פאַר דער שעפּטשעריי, פאר די ברענענדיקע ליכט, פאַר די אומפאַרשטענדלעכע קוילעס, פאר אלץ, וואס פאַר אים קומט פאָר, און געפילט, אז ס׳איז עפּעס שעדלעך פאר זיינע א׳ועקגעגאַנגענע כאַווײרים, פאַר אים אַליין און פאר אַלץ, אף וואָס ער האָפּט.

אין יענעם אָוונט:

מ׳האט אין קרעטשמע יאָנטעוודיק געטרונקען, און אויך זאַזולין האָט מען אַלעמאָל באַנייס פאָרגעלייגט א שנאַפּס. זאזולי

האט ניט געוואָלט, ניט געוואָלט; און האט דאָך ענדלעך פון גרויס האַרצווייטיק, ווי א סאַם א נעם געגעבן דעם אויסגעשטרעקטן שנאַפּס. דענסטמאָל האָט מען אים צוגעטראָגן נאָך און נאָך שנאַפּסן, מ׳האָט אים ארומגערינגלט פון אלע זייטן מיט אויסגע־שטרעקטע הענט, וואָס דערלאַנגען שנאַפּסן.

צוליב א באַלעגאָלע, בא וועמען ס׳האָט זיך צעבראָכן דער וואָגן, האט מען געפּרואווט בעטן זאַזולין, ער זאָל פון ווייט־לעכן דאָרף ברענגען א געדונגענע פור. זאַזולי האט דאַן גע־בליצט מיט די אויגן, געגעבן פּעטש יענעם, וואָס שטייט צו אים צו, און ווי אַף צולאָכעס געטרונקען נאָך און נאָך שנאַפּסן.

— צו אַלע ווערעמדיקע מאַמעס,—האט ער זיך געריסן אַף צו שלאָגן, — פורן וועל איך אייך ברענגען... א טויט, אַ כאָ־לערע...

אין יענעם אָוונט:

זאַזולי ליגט מיט גרויס כאַראָטע אַף זיין געלעגער אין טונ־קלען שפּייכלער, פּילט זיך באַטרונקענערהייט באַנומען און באַ־טראָגן און קאָן זיך ניט מוחל זיין דעם פאַרברעכן, צו וועלכן ער, זאַזולי, האָט דאָ אַף זיין פּאָסטן דערלאָזט:

— מע פירט ארויס אַלץ... מע באַטראָגט... מע באַנעמט...!

פון דער נאָענטער קרעטשמע האָבן צו אים אָן אופהער דערגרייכט די קוילעס פונם דאָרטיקן גרויסן שיקערן טומל — זינ־דיקע, פאַרברעכערישע קוילעס. פון אָנהייב האַלט דאָרט דער גע־זאַנג בלויז אין איין שטאַרקן זיך, דערנאָך גייט ער איבער אין א פּייפערייַ, הוקערייַ, פּאַטשערייַ, אין אַ טופּערייַ פון פיל טאַנצנ־דיקע פיס, וואָס צעטרעטן אונטער זיך עפּעס ביז גאָר הייליקס, נאָענטס, טייערס.

פון האַרצווייטיק איז זאַזולי צוגעפאַלן מיט דער ברוסט צום טעלעפאָן, אינדערפינצטער האָט ער געדרוקט דעם טעלעפאָן מיטן טרייבל צו אַלע טיילן פונם האַרץ. ער האָט צוגעלייגט צו אים זיין מויל גאָר נאָענט, ער האט אריינגעשריגן מיט אַלע קויכעס:

— קומט צוריק!.. ברידער!.. טייערינקע... מע באַנעמט אונז דאָ!.. קומט צוריק!!!

---

# צווישן צוועלף פונקטן

## .I

גערופן האט מען זי:

— מאַני.

פארצויגן:

— מאַניטשקע.

און ווייל זי האָט כאַסענע געהאַט מיט דעם אַפּטייקער פּיאטניצקי, האט מען זי נאָכדעם אָנגעהויבן רופן מיט איר גאנצן נאָמען:

— מאניטשקע פּיאַטניצקי, וואָס שטאמט פון די וואָלאָ־דארסקעס.

דערמיט האָט מען געוואָלט פאָרשטעלן דורך איר אלע ווייב־לעך פון דער מישפּאָכע וואָלאָדאַרסקי, וואס זיינען אין זייער צייט אויך געווען געגוג שיין, זיך אויך אופגעפירט גענוג פריי און האבן אויך אָפּגעקאָמאנדעוועט א גאנץ פאַרשייט לעבן — מיט איין וואָרט:

— מאַניטשקע פּיאטניצקי, וואס שטאמט פון די וואָלאָ־דארסקעס.

איר בילד — ארויסגעשטעלט באַ אלע פיר אָרטיקע פאָטאָ־גראפן אין די וויטרינעס. אף אונטערצופּארבן אירע ברעמען, אף אויסקיילעכיקן אירע באקן, אף פאַרעטושירן אלע מינדסטע קלייניקייטן, וואס קאנען אָנגענומען ווערן פאר א כיסאָרן, האָט יעדערער פון די פאָטאָגראפן אָפּגעגעבן אזוי פיל צייט, אז עס איז פּאָשעט געווען א וואונדער:

— ווי האָבן דאָס מענטשן אזויפיל צייט?

— ווי דערנעמט זיך צו פאָטאָגראַפן אזא געטריישאַפט?

אף איין בילד:

מאניטשקע זעט אויס, ווי זייער א יונגע גימנאזיסטקע, א קאָ־שערע, מיט קאָשערע לאנגע ארבל, מיט קאָשערע צעפּלעך, מיט

קאָשערע הענטלעך, וואס זיינען קלוימערשט רואיק פארלייגט אונטערן גימנאזיסטישן פאַרטוך, נאר אליין איז זי א דורכגע־טריבענע. זי קנאַקט צו מיטן צינגעלע. אירע אויגן זיינען קוים־קוים פאַרגלאָצט און זאגן אויס, אז זיי ווייסן אלע סוידעס, וואָס גרויסע ווייסן.

אף א צווייטן בילד בא א צווייטן פאָטאָגראף:

זי איז אין א ברייט אוקראַיניש העמד מיט רויטע אויסגע־נייטע פּאָלעקעס אף די ברייטע ארבל. זי טראָגט זייער א קורץ קליידעלע און שטיוול מיט רויטע כאָליעווקעס, זי האלט א פייקל אין דער אויסגעצויגענער האַנט — אָט־אָט וועט זי זיך א ריס געבן פונם אָרט און וועט א פייערדיקע זיך אוועקלאָזן טאנצן.

אף א דריטן בילד בא א דריטן פאָטאָגראַף:

מאַני איז אויסגעשלייערט, ווי א בארמהארציקע שוועסטער. איר פּאָנים איז אינגאַנצן פול מיט פרומקייט, מיט בארמהערצי־קער אונטערטעניקייט, און נאר אירע שמייכלדיקע אויגן קוקן ווינקענדיק ארויף צו איר ווייס־פרומען שטערן־טיכל און זאָגן אויס, וואָס אונטער אָט דעם הייליקן שלייער טוט זיך...

אינאלגעמיין:

מע האָט איר זייער פיל פאַרוואָס אָפּצודאנקען — זי האָט מאַצל געווען איר שטאָט.

## II.

געווען איז דאן א שלעכטע צייט... נו, יא...

— פּאָגראָמען.

די שטאָט, וואס ליגט אין טאָל באם שמאָלן טייך „בוג״ — מאַניטשקעס שטאָט — איז צו סאף זומער געבליבן אָפּגעריסן פון אלע עקן לאנד און זיך געשראָקן פאר אירע אייגענע—גאָיִש־קאַצאַפּישע — עקן.

אַרום איר:

אויסגעקוילעטע, האלב־ניט־דערקוילעטע צוועלף שטעטלעך.

און וויל אלע צוועלף האָבן שטאַרק געגוואלדעוועט:

— הילף! הילף!

און ווייל אין דער קעהילע האבן די שטורמישע זיצונגען וועגן אָט דער הילף אלעמאָל דערגרייכט ביז פּעטש און ביז „אין טאַטנס טאַטן", האט מען דעריבער דידאָזיקע שטעטלעך שוין מער ניט גערופן בא זייערע נעמען — מע האָט זיי אָנגעהויבן רופן אזוי, ווי סע רופט זיי שמועל־אייזיק, — דער סעקרעטאַר פון קעהילע — אַ שטיקל בונדעוועץ, אַ בלאסער מענטש, א כאָלעש מיט קראַנקע לונגען און מיט אַ שטענדיק שטיקל קאַנדלצוקער אין מויל. בעשאַס אַלע שרייען שוין אַזוי, אַז דער קעהילע־באַלקן שפּאַלט זיך, ווערט שמועל־אייזיק פּלוצים שטאַרק בלאַס און פאַרגלאָצט אַזוי די אויגן, אַז אַלע דערשרעקן זיך און ווערן פון שרעק מיטאַמאָל שטיל. דענסטמאָל לייגט שמועל־אייזיק אַריין אַ נײַ שטיקל קאַנדלצוקער אין מויל אריין און זאָגט וועגן די צעראַבירטע שטעטלעך מיט אַ שאָקל און זייער שטיל:

— איז אָט... מיר ריידן וועגן די „צוועלף פונקטן"...

אף דער ריי איז דאַן שוין געשטאַנען דער „דרייצנטער פונקט" — די שטאָט אַליין, וואָס פאַרמאָגט צען מאָל אַזויפיל איינוואוינער, ווי אַלע „צוועלף פונקטן" — אַ גאַנץ היפּשע שטאָט מיט אַ סאַך פירגאָרנדיקע מויערן, מיט אַ טראַמוואַי, וואָס קריכט ווי אַ גרויסע בין אַף די צוויי מיטלסטע הויפּטגאַסן, מיט אַ וואָקזאַל אין איין עק און מיט אַ טורמע — אין צווייטן עק, — א רויטע טורמע, אָן אַלטע, א פאַרוואָקסענע.

נאָר די שטאָט האָט דורך מאַניטשקע פּיאַטניצקי אונטערגעקויפט דעם אוקראַינישן קאָמענדאַנט און דורך מאַניטשקעס הענט איז געצאָלט זיבעציק טויזנט וואָך־באַ־וואָך (די געלט אף פריער), קינד און קייט האָבן געוואוסט: מאַניטשקע ראַטעוועט... פונקט ווי עסטער האַמאַלקע אין די צייטן פון דער מעגילע... נאָר קיינער האָט וועגן דעם ניט גערעדט, ווייל בא אַלע טאַטעס זיינען די פּענימער די גאַנצע צייט געווען אזוי בארויגעז און ערנסט־בייז, גלייך עמעצער פון זייערע קינדער וויל וועגן דעם זאָגן אַ וואָרט, און זיי זיינען דעריבער גרייט אין יעדער רעגע א געשריי טון:

— נעם דאָרט איין שטומעניש, דו!

איצט איז שוין טיפער פאַרשפּעטיקטער אָסיען.

די שטאָט־מויערן שווינקען זיך אונטער לאַנגע מעסלעסיקע רעגנס. נאָר טיילמאָל קומט א זוניקער פרימאָרגן — א געשאַנק.

מיט קילן גלאַנץ שימערן דאָן ארויס פון טאָל די העכסטע נאַסע דעכער. אויסגעוויינטע, שטיקלעך וואָלקן שיפן זיך איבער אַ טיף־בלויען יאַם — א הימל, און די ארומיקע לופט האָט נאָך אַלץ א זיקאָרן.

די ארומיקע לופט געדיינקט:

— יעדער מויער האט דאָ אין שטאָט זיין באלעבאָס, און יעדער באַלעבאָס האָט א כיילעך אין די „זיבעציק טויזנט״ — א כיילעך אינם קאָמענדאנטס לייטישקייט — א כיילעך אין מאַני פּיאטניצקעס אַווירע...

דער קאָמענדאַנט:

א בייזער, נאָר ניט גאָר מעסוקן. א שווייגער. שטאַמט פון גאַליציע, גייט קיינמאָל ניט אין גאַס צופוס.

די שטאָט קאָן אים:

אַ לייִנגלעך פּאָנים, געדיכטע וואָנצעס, שוואַרצע כאָכלישע ברעמען, אַ קליינע בראָדיווקע באַ דער רעכטער ברעם (פּונקט ווי באַם פּראָוויזער פּיאטניצקי) און א האַלב־קלאָרער געדאַנק טיף פּאַרוקט צווישן די קנייטשן פון קורצן שטערן:

— לייטיש קאָן מען זיין, נאָר...

און דער ערשטער, ווער ס'האָט צווישן די קנייטשן איבער־געלייענט דעם „נאָר״, איז עליאָקום בראָנשטיין פון דער גרוי־סער טיפּאָגראַפיע.

עליאָקום:

אַ וואוקסיקער, א מענעשער. איין אויג איז באַ אים וייס— אָן אַ שוואַרצאַפּל, דאָס צווייטע — שאַרף קלוג און פלינק, פלינק.

איינמאָל איז צוליב אן אײַליקער באַשטעלונג צוגעפאָרן צו זיין טיפּאָגראַפיע דער קאָמענדאַנט. עליאָקום האָט דאָן געהייסן אָפּשטעלן אַלע מאשינעס, קעדיי מע זאָל הערן, וואָס דער קאָ־מענדאַנט רעדט. ער האָט זיך אַ שאָקל געטון מיט דערעכערעץ:

— אויב גיך, איז דאָך קיין טערעץ ניט — אין צוויי שאָ אַרום איז גוט?

און זיין זייטיק אייגל האָט דערווייל דערזעען... ער האָט אָנגעהויבן ברייען, זיך סוידען אין פּאַרמעגלעכע הייזער אַזוי לאַנג, ביז אין שטאָט איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט — אַ קאָמיטעט, וואָס זאַמלט די „זיבעציק טויזנט״.

דערפֿאַר שטייט איצט עליאָקום לאַנגע שאָען אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אין די אָפֿענע טירן פֿון זיין טיפּאָגראַפֿיע און קוקט רואיק, ווי פֿייגעלעך פֿליען — ווייל דאָס גרעסטע אין זיין לעבן האָט ער שוין אָפּגעטון.

דערפֿאַר קאָן ער אָפּשטעלן אינמיטן גאַס יונגע באָכורימלעך, וואָס טראָגן פֿריילעך די גימנאַזיסטן־פּאַסיקלעך אף די לענדן, און זיי הייסן, זיי זאָלן מויכל זיין זיך, אומקערן אהיים, אָדער גאָר א פֿרעג טון באַ איינעם פֿון זיי, צי טראָגט ער ניט א רע־וואָלווערל באַ זיך אין קעשעניע, אים דערביי געבן אַ פּליאַסק אין באַק און אים זאָגן:

— גיי אַהיים און זאָג דיין טאַטן, אַז עליאָקום בראָנשטיין האָט דיר געגעבן אַ פּאַטש.

ווייל דורך אים איז געשאַפֿן געוואָרן דער קאמיטעט, וואס זאַמלט די „זיבעציק טויזנט", ווי מאַטן־בעסייסער — דורך אים פֿאַלן אריין די „זיבעציק טויזנט", ווי דורך א פֿאַרהווילענער האַנט, צום פּראָוויזער פּיאַטניצקי, און פֿונם פּראָוויזער — צו זיין ווייב — מאַניטשקען.

ווייטער ווייס קיינער גאָרניט.

מע ווייס נאָר, אַז די „זיבעציק טויזנט" טראָגט עליאָקום אַוועק צום פּראָוויזער אַלע שאַבעס אָרום צוועלף אזייגער. ער עסט דאַן קיין מיטאָג ניט און קאָן פֿאַרבלייבן באַ פּיאַטניצקען אַ שאָ דריי און פֿיר.

עס קאָן טרעפֿן:

פֿונם פּראָוויזער פּיאַטניצקי זאָל ער זיך אומקערן אָקאָרשט פֿאַרנאַכט. די שטאָט איז דאַן זייער אומרואיק. אין גאַס לעבן די הייזער שטייט מען פֿאַרזאָרגט: מע קוקט, ווי עליאָקום קערט זיך אום צוריק אהיים. ער באַגריסט זיך דאַן מיט קיינעם ניט, ווי אמאָל דער קויען־גאָדל אין בייס־האַמיקדאָש. ער באַ־מערקט דאַן קיינעם ניט. נאָר אין שטאָט האָט מען דאָך אַ סימען:

אויב עליאָקום הוסט דענסטמאָל, איז א סימען, אַז ס'איז גוט — דער קאָמענדאַנט האָט צוגענומען, און אויב דער קאָמענ־דאַנט האָט צוגענומען, איז מען רואיק אַ גאַנצע וואָך און פֿריילעך אַ גאַנצע וואָך. אין שטאָט איז דעריבער צוגעקומען אַ נייע שוואוע:

אויב איינער וויל, אַז מע זאָל אים גלויבן אף אַן עמעס, שווערט ער:

— האַלעוויי זאָך שוין עליאָקום אום שאַבעס אַזוי הוסטן.

## III.

פּאַרנאַכט, סע מעג זיין בלאָטיק, כוישעכדיק אינדרויסן, ברענען פונדעסטוועגן די עלעקטרישע לאַמטערנס אףביידע הויפּט־גאַסן, פּינקלען, ווי א מיילנווייטע איליומינאַציע, פון וואָק־זאַל ביז צו דער טורמע.

אין מאַניטשקע פּיאַטניצקעס נאָמען גיט מען איבער:

— דער קאָמענדאַנט האט געהייסן זיי זאלן ברענען.

און ווי באלד די עלעקטרישע לאַמטערנס ברענען, גייט מען שפּאַצירן אף ביידע הויפּט־גאַסן, ווי אמאָל, ווי גלייך קיין אומ־גליק איז אינערגעץ ניט געשעען; קיין מילכאָמע איז ניט גע־ווען; קיין בירגערקריג איז ניטאָ; קיין שום צוועלף אויסגע־קוילעטע פּונקטן, וועלכע שרייען: „הילף, הילף!" און וועגן וועלכע מע שעלט זיך אף די שטורמישע קעהילע־זיצונגען אין טאַטנס־טאַטן.

עס שפּאַצירן:

געוועזענע און איצטיקע „טשינאָווניקעס",

באַאַמטע פון פּאָסט,

מיידלעך מיט גראָבע און מיט דינע פיס, וואָס האַלטן זיך אונטער די הענט צו פיר, צו פינף אין א ריי,

און באַלעבאַטישע קינדער.

מע שטעלט זיך אָפּ לעבן די פיר פּאָטאָגראַפישע וויטרינעס און מע קוקט זיך איין אין מאַניטשקעס בילד.

עס קוקן:

אָרעמע און רייכע,

זכאָרים און נעקייוועס.

און איבערהויפּט קוקן באַלעבאַטישע קינדער, יענע, וועמעס טאטעס צאָלן דורך איר דעם קאָמענדאַנט זיבעציק טויזנט וואָך בא וואָך.

מע קוקט לאַנג, ווער מיט א טרויערל אין די אויגן, ווער מיט אַ קליין שמייכעלע אף די ליפּן, און ווער מיט א קוק

א פאַרזאָרגטן און בייַנקענדיקן, א קוק, וואָס זויגט זיך אָן מיט טרוים און מיט גלוסטעניש אף אַ גאַנצער לאַנגער אָסיען־נאַכט. ווייל זי איז די אופרייצונג פון שטאָט — זי, מאַניטשקע. אירע אַווירעס זיינען דער סאָד באַ יונגע אופוואַקסנדיקע קינדער און באַ באַיאָרטע, וואָס האבן כאסענע צום צווייטן און צום דריטן מאָל. יעדערער לאַכט פון איר און גלוסט צו איר. און אָט אַפילע איצט צווישן די „צוועלף פונקטן" אין אָט די טעג... יעדערער געדיינקט, אַז מאַניטשקע האָט צו טון לויטער מיט גרויסע מענטשן, און יעדערער האַלט אויסבאַהאַלטן באַ זיך אין האַרצן אַ ווינקעלע, וואָס הייסט:

— מאַניטשקע פּיאַטניצקי, וואָס שטאַמט פון די וואָלאָדאַרסקעס.

— — —

געווען איז אַמאָל א זומער, ווען פון דער ווייטער וועלט האָט זיך אומגעקערט אַהער „שטודירנדיקע יוגנט" — שוין לאַנג איז דאָס געווען, נאָך פאַר דער מילכאמע, נאך פאַר דעם בירגערקריג, נאָך פאַר די „צוועלף פונקטן".

געווען איז דאַן א זומער מיט לעוואָנע־נעכט און מיט ווייסע לאַנגע שאָטנס, וואָס טריפן קישעף א טראָפּן נאָך אַ טראָפּן — אַ זומער מיט שיפלעך, מיט הוליאַנקעס, מיט אַ פאָר לעוואָנעדיקע ברינזשענדיקע גיטאַרעס און מיט אַ קוויטשעריי פון מיידלעך, מיט זינגענדיקע לידער אפן שמאָלן טייך „בוג", וואס קוליעט זיינע פעטלעכע וואַסערן צווישן טיפע פאַרוואָקסענע ברעגן אַרום דער שטאָט און דערגרייכט ביז צו מיילנווייטע זומפּיק־אומבאַרירטע שטרעקעס.

געווען זיינען נעכט אַזעלכע מיט מאַניס קאָל אין יענע נעכט, מיט מאַניס קוויטש אַף יענע שיפלעך. און אין שטאָט באַ זיינעם אַ כאַווער איז דענסטמאָל א גאנצן זומער געווען צו גאַסט דער פידלער ברעסלער, און אליין איז ער נאָך דאַן געווען אין אַ רעאַל־שול, פונקט ווי זיין כאַווער, באַ וועמען ער האָט פאַרבראַכט.

ער האָט געשפּילט טעג און נעכט, געשפּילט מיט לויטערע אָפּגעפּאָלירטע טענער, וואָס לויפן זיך פאַנאַנדער, ווי הייסע פיילן,

און פֿאַרשאַפֿן ליבע־ווייטיק סיי דעם טאָג, סיי דער נאַכט— דאָס האָט ער דער ערשטער אופגעוועקט מאַניס האַרץ; דער ערשטער אופגעדעקט, אַז באַ מאַנין איז איין אויג קוים־קוים קלענער פונם אַנדערן, און אָקאָרשט נאָך אים האָבן דאָס באַמערקט די שטאָטישע פֿאָטאָגראַפֿן...

אָקאָרשט דערנאָך האָט זיך ארויסגעוויזן:

יעדער פון די גרויסע מענטשן, וואָס פירט מיט איר באַקאַנטשאַפֿט, איז איר אי שטארק איבערגעגעבן, אי שטאַרק אף איר אין קאַס; יעדערער איז איר אי א מאָדנער סוינע, אי אַ מאָדנער גוטער־פריינט. און אָט אַפֿילע דער יונגער „לינקער" מאַלער קראַפּטיק, וואָס פייפֿט אף אַלע לענדער, וואו ער איז שטאַרק באַרימט, און רויכערט פון זיין זעלטענעם ציגאַר־שפּיץ, וואָס מע האָט אים געשיינקט אין די גאָר־גאָר הויכע פענצטער. אז ער איז אַהער אין שטאָט צום ערשטן מאָל אַראָפּגעקומען, האָבן דאָ זיין ציגאַר־שפּיץ עטלעכע מענטשן געהאַלטן אין די הענט:

— עלפֿאַנטביין, — האָט מען געזאָגט, —באַזעצט מיט ברילִיאַנטן.

מיט מאַנין, האָט מען געוואוסט, האָט ער זיך מילכאָמע־צייט געקאָנט ערגעץ־וואו אין די גרויסע שטעט, נאָר צום לעצטן מאָל האָט עס אים, ווי אַן אָנשיקעניש, באַדאַרפֿט אָנטראָגן אַהער דאַווקע דאַן, ווען מאַניטשקע פּיאַטניצקי האַלט אוף די שטאָט צווישן די ארומיקע צוועלף אויסגעקוילעטע פונקטן און ווען דורך אירע הענט גייען וואָך־באַ־וואָך אריבער די „זיבעציק טויזנט" צום קאָמענדאַנט.

——

אַראָפּגעקומען איז איצט אהער קראַפּטיק קלוימערשט מאָלן מאַניס פּאָרטרעט. אַראָפּגעקומען געשווינד, ווי איינער, וואָס מאַכט אלץ אין זיין לעבן זייער גיך, וואָרום אַז ניט, וואָלטן בא אים אומזיסט אַוועק די יאָרן און די טעג; אז ניט, וואָלט ער ניט באַוויזן צו ווערן אזוי יונג באַרימט.

אַראָפּגעקומען איז ער אף געציילטע טעג.

דער ערשטער טאָג:

קראַפּטיק האָט געטרונקען טיי בא מאַני פּיאַטניצקי אינדערהיים. באַם טיש זיינען, ווי אום יאָנטעוו באַטאָג, געזעסן נאָך

אייניקע מענטשן — פּיאַטניצקי אַליין אויך; פּיאַטניצקי — אין אַ נייעם אנצוג לעקאָוועד דעם גאַסט.

דער צווייטער טאָג:

קראַפּטיק האָט זיך מיט מאַניטשקען איבער עפּעס צעקריגט, שטאַרק צעקריגט.

דער דריטער טאָג:

קראפּטיק האט צוגעשיקט מאַנין פון האָטעל אַ שרעקלעך אַזעסדיקע בריוו, און אַליין איז ער בייז און אופגערעגט אוועק אַפּן וואָקזאַל, כאָטש צוגן,—האָט מען אים אין האָטעל געזאָגט— גייען שוין ניט,— קיין צוגן זיינען ניט געווען, און אין געגנט האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען וועגן נייע „אויסגעקוילעטע פּונקטן".

אַפּן וואָקזאַל האט זיך קראפּטיק אָפּגעוואַלגערט בא אַנדער־האַלבן מעסלעס, טעלעפאָנירט פון דאָרט אין האָטעל, מע זאָל אים בריינגען עסן, געווען ווי מעשוגע, שיר ניט געוויינט. ער איז באַנאַכט אוועק אַף אַ געפּאַנצערטן לאָקאָמאָטיוו, ווייל אַפּן לאָקאָמאָטיוו האט ער אָנגעטראָפן אַ באַקאַנטן אָפיצער. נאָר דער שטאָט האט ער געלאָזט נאך זיך אַן אָנדיינק:

— אין וואָקזאַל, אין קלאָזעט אַף דער וויס־געפאַרבטער טיר האט מען נאָכדעם דערזען אויסגעמאָלט מאַניטשקע פּיאַט־ניצקי—אויסגעמאָלט, ווי די מאַמע האט זי געהאַט, מיט פאַרויטלטע טאַיוועדיקע אייגעלעך, מיט אַ פּאָר אויסגעצויגענע ליפּעלעך, וואס ווילן זיך קושן, און מיט אַן אויסזען אַ פּרעכן—אַ שרעק, ווי ניט אַנשטענדיק!...

פון דער שטאָט איז מען געגאַנגען צום וואָקזאַל קוקן, און די ערשטע, וואָס זיינען אהין געגאַנגען, האבן זיך פון דאָרט אומ־געקערט מיט שמייכלדיקע פּענימער און מיט אַ מיינונג, אַז קראַפּטיקן האט דער רועך ניט גענומען:

— מאָלן קען ער.

נאר דאס איז געווען שפּעטער.

די ערשטע האבן עס דאָרט דערזען ביידע וואָקזאַל־טעלע־גראַפּיסטן און האבן אַ גאַנצן טאָג ניט געקאָנט אַרבעטן פון גרויס אופרעגונג, פון סימכע. זיי האבן אָנגערעדט דעם וואָקזאַל־סטרוזש, ער זאל ניט דערוועגן אַראָפּצוקראצן:

— כאַסכאָלילע!.. כאַסכאָלילע!..

אלע ווײַלע האָבן זײ געלאָזט אױף העפקער די אַפּאַראַטן, גע־לאָפן אין קלאָזעט קוקן און האָבן אַרױסגערופן צו זיך דורכן טעלעפאָן געסט פון שטאָט:

— קומט צו אונז אױף אַ כאַסענע,—האָבן זײ גערופן און האָבן דערבײ אונטערגעטאַנצט, געבלאָזן די באַקן און זיך געשטיקט פון געלעכטער.

דענסטמאָל האָבן פון שטאָט אָנגעהױבן אַרױסצוקומען אײנ־ציקװײס געסט, און יעדערער מיט אַן אױסרײד, מיט אַ פראַגע:

— די צוגן גײען שױן?

— נײן,— האָט מען זײ געענטפערט,—צוגן גײען ניט.

און מען האָט געקוקט אױף זײ שמײכלענדיק מיט אײן אײגל. ביז אָפן װאָקזאַל איז אױך אַרױסגעקומען דער קאָמענדאַנט אַלײן. זײן פּנים—פיל ערנסטער װי טאָמיד, גערעדט מיטן נאַ־טשאַלניק װעגן צװײ עשעלאָנען, װאָס דאַרפן באַנאַכט דאָ דורכ־גײן, זיך װי געבײזערט:

— ניט פאַרהאַלטן און ניט אָפּשטעלן דאָ קײן עשעלאָנען — גלײַך לאָזן די עשעלאָנען װײַטער.

נאָר די טעלעגראַפיסטן האָבן אונטערגעקוקט און האָבן זיך געשטיקט און געבלאָזן די באַקן פון געלעכטער.

— דער קאָמענדאַנט גײט אין קלאָזעט, אַ?.. ער גײט?..

— אָט... אָט... אָט... ער גײט... ער גײט...

— ער זאַמט זיך היפּש, אַ?

אַרױסגעקומען פון דאָרט איז דער קאָמענדאַנט נאָך ערנסטער, װי פריער, געביסן די װאָנצעס, אַװעקגעשפּאַצירט איבעראַנײס מיטן נאַטשאַלניק אױף דער פּלאַטפאָרם, נאָר די טעלעגראַפיסטן האָבן זיך אַרױסגערוקט העכער אַ האַלב דורך די פענצטער און האָבן קײן אױג ניט אַראָפּגעלאָזט:

אין עק פּלאַטפאָרם האָבן זיך יענע אָפּגעשטעלט, זײ האָבן זיך דאָרט אַ שאָקל געגעבן אײנער אַקעגן אַנדערן, און עס האָט אױסגעזעען, װי מען קיצלט זײ אונטער די פּאַכװעס; זײ האָבן ניט געהאַט קײן העלזער און האָבן זיך געטרײסלט פון גע־לעכטער.

שפּעטער איז מען געװאָרן געװאָר:

פאַרנאַכט, נאָך דעם קאָמענדאַנטס וויזיט, איז פון שטאָט עמע־צער שטיל ארויסגעקומען און האט אָפּגעמעקט — זאל עס אַפילע בלייבן א סימען.

דער סטרוזש האט זיך געשוואוירן פאר די טעלעגראַפיסטן, אז ער איז ניט שולדיק.

— געקומען, — האט ער דערציילט, — פון שטאָט איינער גאר א יונגער, א בלאָנדער ניט קיין בלאָנדער, אַזעלכער, וואס אין פאַרגלייך מיט אַנדערע איז ער א קליינער און פאַר זיך איז ער ווייט ניט קיין קליינער; פאר זיך, קאָן מען אַפילע זאָגן, אז ער איז א הויכער. געקומען איז ער פרעגן, צו די צוגן הייבן ניט אָן פון מאָרגן צו גיין. נאָר געווען איז שוין איינדרויסן טונקל.

דער סטרוזש האט געמוזט דענסטמאָל אוועקגיין מיטן לייטער אָנצינדן די לאַמטערנס. און אז ער האָט זיך אומגעקערט, איז שוין קיינער ניט געווען, און אין קלאָזעט איז שוין געווען ווי מיט א נאַס שווענל אָפּגעמעקט:

— און נאך ווי אָפּגעמעקט... זאל עס כאטש בלייבן א סימען.

היינט גיי זיי א נאָווי און טרעף ווער עס האט אָפּגעמעקט. „א בלאָנדער און ניט קיין בלאָנדער"...

אַזעלכער איז אין שטאָט פאראַן סאַכאַקל איינער. דאס איז שמועל־אייזיק, דער סעקרעטאַר פון קעהילע — א „פאַרטראָגענער מאַלעך" מיט קראַנקע לונגען, וואס לעקט אייביק קאַנדלצוקער. עס וואַקסט בא אים אַ העלער מאָך אפן אָרט פון א באָרד. אַז ער גייט אין גאַס, איז ער אַביסל איינגעבויגן און האַלט די הענט אין די הויזן־טאַשן, ווי גלייך מע האט אים געשיקט פון דער היים קויפן אייער און ער האט מוירע זיי זאָלן בא אים אין טאש ניט צעקוועטשט ווערן. ער איז דער איינציקער אין שטאָט, וואס קאָן דורכגיין אף דעם טראָטואַר גאר נאָענט לעבן מאַני פיאַטניצקי, זיך קימאט אָן איר אָנשטויסן און זי ניט באַמערקן. נאר אַכוץ אים זיינען דאָך אין שטאָט פאראַן נאך מענטשן — אויב עמעצער וועט ווירקלעך געוואוירע ווערן, ווער עס האט אָפּגע־מעקט, וועט דאָס זיין איינער פון די אָרטיקע גימנאַזיסטן.

גימנאַזיסטן, אַז זיי באגעגענען מאַניטשקע פיאַטניצקי פאַר־בייגיין אַפן טראָטואַר, קוקן זיי זיך איין אין איר פּאָנים און

פילן דאַן אַרום האַרצן א באַקאַנט געפיל — א געפיל פון ניט קיין רויכערער, וואָס האבן זיך צום ערשטן מאָל אין לעבן צו שטאַרק פאַרצויגן מיט עמעצנס א פאַפּיראָס. דערנאָך געדיינקען זיי ניט אין וואָס מאַני איז געווען אָנגעטון און קאָנען זיך אין דעם בעשומויפן ניט דערמאָנען, כאָטש מאַני טראָגט, ווי אלע פאַרנאַכט, א קורץ קאַראַקולן רעקעלע און איז אָן א שאַרף אַף די געדיכטע האָר, וואָס האבן א באַזונדער טונקעלע פאַרב — א פאַרב, וואָס פאלט קוים־קוים אריין אין רויטן און געדיינקט זיך. און גייען גייט זי אַפן טראָטואַר ניט אָן האָנער. „שטאָלץ, כאָטש זי נויגט זיך זעלטן צו די מענטשן, וואס זי באַגעגנט. די לעצטע טעג איז זי געווארן ווי מיט אַ גאַנצן קאָפּ העכער, און געשעען איז דאס זינט דער קאָמענדאַנט האט צוגעשיקט אין שטאָטישן געריכט א פאַפּיר:

„אויספאָרשן די ניט אָנשטענדיקייט אין דער טואַליעטע אַפן וואָקזאַל און צוציען אַלע שולדיקע צום געריכט".

איז אָט וואָס:

אין שטאָט גייט אַרום אַ קלאַנג, אז אָפּגעמעקט זאל האבן מאַטעס—א לערער פון דער אידישער שול. מאַטעס האט אלע סימאָנים:

מאַטעס איז אַן אַראָפּגעקומענער, א פרעמדער. ער איז אזוי פאַרקאָכט אין דער שול, אז ער האט קיין צייט ניט זיך אָפּצו־גאָלן. ער רעדט מיט דערוואָקסענע מענטשן זייער בייז און מיט די שול־קינדער—זייער שטיל, זייער רואיק. ער האט איינמאל אָנ־געמאַכט א גוואַלד אף אַ לערער־זיצונג; ער האט געקלאַפּט אין טיש.

— צו אלדע שוואַרצע יאָר מיטן קאָמענדאנט, מיט די „זיבע־ציק טויזנט" און מיט מאַניטשקען... צו אַלדע שוואַרצע יאָר. די קינדער... די קינדער האבן אָנגעהויבן גיין אַפן וואָקזאַל קוקן... זיי האבן אָנגעהויבן אויסצומאָלן אף די העפטן, אַף די פאַרטעס און אף די טישן דאָס, וואס אין וואָקזאַל אַף דער טיר... צו אַלדע רוכעס מיט מאַניטשקען, מיטן קאָמענדאַנט און מיט די זיבעציק טויזנט!.. צו אַלדע שוואַרצע יאר!

מאַניטשקע איז דענסטמאָל פאַרנאַכט אָן אַ שאַרף אַפן קאָפּ געגאַנגען פאַמעלעך אַפן טראָטואַר ניט ווייט פון דער אַפּטייק. זי

האָט אין טאַש פון איר קורצן קאַראַקולענעם קאָפּטל געקלונגען מיט אירע שליסעלעך — דינע און קונציקע שליסעלעך.

עס האט זיך געדאכט:

דאס זיינען די שליסעלעך, וואָס פירן צו איר אַליין — דאס זיינען די שליסעלעך, וואס דער מאָלער קראפּטיק האט זיי בע־שומויפּן ניט געקאנט אַרויסקריגן און איז שיר ניט מעשוגע געוואָרן.

זי האט זיך אָפּגעשטעלט מיט עליאקום בראָנשטיין לעבן דער אָפענער טיר פון זיין דרוקעריי און האט באַ אים געפרעגט, ווי עס געפעלט אים:

— ווי געפעלט אייך עפעס די דאַנקבאַרקייט פון אונזערע אידעלעך? ווי געפעלט אייך, ווי מע באַצאָלט מיר דערפאַר, וואס איך האַלט אוף די שטאָט, צווישן די צוועלף פונקטן?

און ארום־און־אַרום אַף די טראָטואַרן האט מען אַף איר גע־קוקט און זיך געשטיקט פון געלעכטער.

אַף דער לערער־זיצונג האט דאַן מאַטעס געקלאַפּט אין טיש:

— צו אַלדע שוואַרצע יאָר!.. צו אַלדע בייזע רוכעס!..

# אלטוואַרג

אין עסצימער ברענט דער רויט־דראַפּירטער עלעקטרישער היינג־לאָמפּ און וואַרפט א קאַלטלעכע ווינטער־שיין אף די נידע־ריקע טיילן פון די טונקעלע ווענט און אף די טעפּיכן. עס קלאַפּט אין ווינקל דער גרויסער שטיי־זייגער, ווי סע קלאַפּן אַזעלכע זייגערס אין א ווינטער־נאַכט בעאייס אלע פון שטוב גייען אַוועק, און זיי, די זייגערס, בלייבן באַלעבאָס. די טירן אין קאַבינעט אריין זיינען אָפן, און באַם טיש, באַם לאָמפּ מיטן ראָזן אַבאַזשור, זיצט איינער אליין מוישע גרייוויס — א געוועזענער בלאָנדער, באַ וועמען גרויער ווי אלץ זיינען די לאַנג-געוואָקסענע ברעמען,—אן אלטער און זייער פרומער איד, וועמען זיינע בער־לינער קינדער האָבן ניט לאַנג אַרויסגענומען צו זיך פון א קליי־נער פוסט־געוואָרענער שטאָט אין אוקראינע. דער אלטער גריי־וויס קאָן ניט שלאָפן. זיינע קינדער זיינען אוועקגעגאַנגען ערגעץ אף א באַל און האָבן אים געלאָזט איינעם אליין אין דער גאַנ־צער וואוינונג. פריער, איידער עס וועט טאָג ווערן, וועלן די קינדער אהיים ניט קומען.

צוריק מיט א שאָ דריי, ווען מוישע גרייוויס האָט אָפּגע־לייענט „קרישמע", ווען אויסלעשנדיק אין צימער די שיין, האָט ער מיט א זיפץ פון א פרומען אידן זיך געלייגט אין בעט, איז אים ארופגעקומען א געדאַנק, אז בערלין, וואו ער געפינט זיך שוין די דריטע וואָך, איז זייער א גרויסע, נאָר זייער א זינדיקע און גאָט־לעסטערנדיקע שטאָט: זי איז געגליכן צו נינווע, דער שטאָט, וואס האט אין די טעג פון יונע האַנאָווי דערצאָרנט גאָט, און גאָט האט זי געוואָלט כאָרעוו מאכן און איבערקערן, ווי ער האט איבערגעקערט סדאָם; די שטאָט איז א גרויסע, א זינ־דיקע, אזוי ווי אין פּאָסוק שטייט: ונגוה היתה עיר גדולה לאלהים... און נינווע איז געווען א גרויסע שטאָט צו גאָט, נאָר סע

איז ניטאָ ווער סע זאָל פאַר איר טשוועטון און סע איז אַ שאָד... אַ שאָד...

אים האָט זיך אָן אופהער געדרייט אין קאָפּ די מאַיסע מיט יוינען:

— און עס איז געווען די רייד פון גאָט צו יוינען דעם זון פון אמיטי אזוי צו זאָגן: שטיי אוף, גיי אוועק קיין נינווע, דער שטאָט דער גרויסער, און רוף אויס אף איר, וואָרום זייער שלעכטיקייט איז אופגעגאַנגען צו מיר. איז אופגעשטאַנען יוינע אף צו אנטלויפן קיין טארשיש פון גאָט. און ער האָט געניִדערט קיין יאַפו, און ער האָט געטראָפן אַ שיף, וואָס גייט קיין טארשיש...

דער אלטער גרייוויס איז געלעגן אזוי אַ לייגערע צייט מיט פאַרמאַכטע אויגן און אלץ געזעען פאַר זיך, ווי יוינע אנטלויפט פון גאָט אף דער שיף, וואָס גייט קיין טארשיש. אפן יאַם איז אַ גרויסער שטורעם. די שיף — אָט, אָט גייט זי אונטער. אלע שרייען צו גאָט, און נאָר יוינע באַהאַלט זיך אויס — ער פאַרקלייבט זיך אין אַ ווייטן ווינקל פון דער שיף; ער לייגט זיך דאָרט אוועק זייער איינגעהויקערט, זייער אומעטיק און דרימלט, אָט ווי סע דרימלט איצט ער, מוישע גרייוויס...

נאָר אזוי ווי אנדרימלט ווערן אינגאַנצן האָט זיך דעם אלטן גרייוויס ניט איינגעגעבן, איז ער ענדלעך, נאָך אַ שאָ ליגן, צוריק אופגעשטאַנען. ער האָט זיך צוריק אָנגעטון און צוריק געמאכט ליכטיק. איצט איז ער געזעסן אין קאַבינעט אָנגעבויגן איבער אַ געמאָרעדיק־גראָבן סייפער, אָן אַלטן און פאַרגעלטן, ווי ער אליין. ער האָט אריינגעקוקט מיט צוזאמענגעצויגענע אויגן אזוי, אז זיינע לאַנגע גרויע ברעמען האָבן אָן אופהער אונטערגעציטערט, און האָט געהאַלטן אין איין זאָגן מיט אַ ניגן פון פערעק:

— וזה סדר הוידוי, — און דאָס איז דער סיידער פון ווידעזאָגן...

ער האָט געזשומעט, ווי אַ בין, וואָס איז אריין אין אַ שמאָלן אָרט צווישן צוויי פענצטער, קלאַפּט זיך, קלאַפּט זיך אין די שויבן און קאָן ניט ארויס:

— וכשתתודה... — און אז דו וועסט זיך מיסוואַדע זיין, זאָלסטו געדיינקען דיינע זינד און די זינד פון דיינע עלטערן

און פון דיינע עלטערנס עלטערן ביז דאָר־האמאבל און דאָר־האַפּלאָגע און ביז סדאָם, וואָרום ניט נאָר פאַר זיינע זינד ווערט א מענטש געשטראָפט, נייערט אויך פאַר די זינד פון אלע פריערדיקע דורות, אזוי ווי אין פּאָסוק שטייט: האבות אָכלו... די עלטערן האָבן געגעסן זויערע ווײַנטרויבן, און די ציין פון די קינדער זיינען איילים...

אף א רעגע האט ער איבערגעריסן.

צו אים האָט דערגרייכט פון ווייטן קאָרידאָר עפּעס אַ מאָדנע קאלופּען, ווי דאָס קראַצן פון א מויז. דערנאָך האָט ער דערהערט פון גאַס א גערעדעריי פון מענטשן, וואָס שרייען זיך פריילעך אדורך — א געזאנג פון יונגעלייט האָט ער דערהערט און א געלעכטער פון מיידלעך, און דער געלעכטער איז געווען א באנאכ־טיקער, אן אויסגעלאסענער און א ווייטער, ווי דער געלעכטער אין אוראלטן ניגון.

גרייוויס האט זיך איבער זיין סייפער נאך מער איינגעבויגן און האט נאך מיט מער פרומקייט אָנגעהויבן זשומען.

— וזה לשון ספר־חרדים... און אזוי זאגט דער סייפער כא־ריידים: העולם ים סוער... די וועלט איז א שטורמישער יאַם, החיים תל עפר... דאָס לעבן איז א הויפן ערד באַם ברעג פון יאַם. איש עומד על התל... דער מענטש שטייט אף דעם הויפן און איבער אים הייגט דער בוים פון לעבן. דארף דער מענטש זיך שטארק אָנהאלטן אָן די צווייגן, וואָרום אז ניט, קאן, כאָלילע, א בלאָז טון דער גרויסער ווינט... דער גרויסער ווינט... אזוי ווי אין פּאָסוק שטייט: והנה... און נון, רוח גדולה וחזקה... א גרויסער און א שטארקער ווינט, מפרק הרים... ער וואַרפט אום בערג און קערט איבער פעלזן...

מוישע גרייוויס האָט זיך א שאָקל געגעבן, געטון א זיפץ און האָט זיך פאַרטראכט וועגן רוסלאַנד און וועגן דעם ווינט, וועל־כער האָט דאָרט שוין א בלאָז געגעבן — אַ גרויסער און שטאר־קער ווינט... ער ווארפט פאנאנדער בערג און קערט איבער פעלזן...

ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין קליינער שטאָט אף אוק־ראינע, ווי אַזוי זי האָט אויסגעזעען פריער — איידער עס האָט אַ בלאָז געטון דער גרויסער ווינט, ווי אַזוי מע האָט אין איר

געלעבט לאנגע יאָרן אין שאָלעם מיט די אָרטיקע אָרעמעלייט... און ווי אַזוי די שטאָט זעט אויס איצט: א שטאָט אָן שאַבאָסים, מיט עפּעס נייע יאָנטויווים, אָן כאַסענעס און אָן קלעזמער... ער האָט א קלער געגעבן, ווי אזוי זי שטייט דארט איצט אינ־מיטן דער נאכט, און אים האָט באַנק געטון, פאַרוואָס מע איז זיך פון איר פאנאנדערגעלאָפן אײינציקווייס און פארוואָס מע האט זי ניט מאַצל געווען מיט טשוווע טון, מיט פאַסטן טאַנייסים, מיט צדאָקע און איבערהויפּט—מיט טוירע לערנען, אזוי ווי אין פּאָ־סוק שטייט: עץ חיים היא למחזיקים בה... א בוים פון לעבן איז די טוירע צו יענע, וואָס האַלטן זיך אין איר אָן... אים האָט באַנק געטון זיין מויער דאָרט אין שטאָט — אן אלטמאָדישער, צווייגאָרנדיקער און ווייס־געקאַלעכטער מויער. ער רופט ארויס א ביינקשאפט צו דער שוּל, וואָס ער האָט אים, גרייוויסן, אַלע יאָרן געגעבן, און צו דער פּאַרנאָסע, מיט וועלכער ער האָט אים אלע יאָרן באַזאָרגט.

איצט האָט ער שוין מיט א מאָדנער קלאָרקייט געזעען פאר זיך די גאנצע שטאָט און איבערהויפּט—דעם פּירעקיקן שלעכט־ברוקירטן מארק:

לינקס אין ווינקל שטייט דאָרט זיין מויער. סאַכאַקל מיט דריי—פיר הייזער ווייטער, אין שמאָלן געסל, געפינט זיך די אַלטע געמויערטע קלויז. שטענדיק, אז מע דארף זיך דאָרט שטעלן צום אָמעד, ווארט מען צו א קאַפּעלע און מע שיקט א אינגל:

— גיי, זאָג רעב מוישען, אז מע ווארט אף אים מיטן דאווענען...

פונונטן זיינען באַ אים אין מויער געווען קראָמען — זעקס קראָמען מיט אייזערנע פּרענטעס באַ די טירן און באַ די פענצ־טער, און פונויבן האָט אין זעקס צימערן געוואוינט ער, גרייוויס...

און דירע־געלט פלעגן אים דאָרט די קרעמער אריינטראָגן אַלע ראָשכוידעש... פונקט אלע ראָשכוידעש, אין דעם טאָג, ווען מע גייט דאַווענען און מע לייענט אין דער טוירע און מע זאגט אַסאך אין סידער. די קרעמער באַ אים אין מויער זיינען אלע געווען פרומע אידן, געקויפט אף נעמאָנעס, פארקויפט אף נעמאָנעס,

און די סכירעס, וואָס זיי פלעגן אים צאָלן פּינקטלעך אין ראָשכוידעש, ווען מע זאָגט אסאך אין סידער און מע לייענט אין דער טוירע, זיינען דעריבער געווען בא אים זייער אָנגעלייגט, ווי שמירע, ווי הייליקע סכירעס, ווי עפּעס א באזונדער מאטאָנע צוגעשיקט פון גאָט צו אים, מוישע גרייוויס, פאַר זיין פרומקייט... און שטענדיק פלעגט זיך אים וועלן פון אָט די סכירעס געבן צדאָקע... ניט קיין סאַך, נאר דאָך אביסעלע... און דערפאר איז אין זיין הויז געווען שטענדיק שטיל. ער האט געקאָנט זיצן און לערנען מיט דער זיכערקייט, אז גאָט האָט אים ליב... אויב ניט שטאַרק, איז דאָך... א שטיקל כאָשעוו... גאָט ווייסט, ווער איז מוישע גרייוויס. נאר נאָכדעם איז אין זיין הויז געשען א שלעכטע זאך... א זינד, וועגן וועלכער עס טראַכט אָפּט בלויז ער, מוישע גרייוויס אליין... און פון דענסטמאָל אָן... פון דענסטמאָל אָן!...

מוישע גרייוויס בייגט זיך אָן נידעריקער צום סייפער, ער קערט זיך אום צו יענע שורעס, לעבן וועלכע ער איז פריער גע־בליבן שטיין:

— דערימעך דאַרף זיך דער מענטש שטארק אָנהאלטן אין די צווייגן, וואָרום אַז ניט, קאָן, כאָלילע, א בלאָז טון דער גרוי־סער ווינט... אזוי ווי אין פּאָסוק שטייט...

מוישע גרייוויס כאזערט איבער עטלעכע מאָל די לעצטע ווערטער:

— ורוח גדולה וחזקה... א גרויסער און א שטארקער ווינט...

ער ווארפט פאנאנדער בערג און קערט איבער פעלזן...

ער ציט שטארקער צוזאמען די אויגן, ער גראָבט זיך טיפער אין די ווערטער, נאָר די שלעכטע זאך, וואָט האָט געטראָפן אין זיין הויז, לאָזט אים ניט אָפּ...

די שלעכטע זאך געדיינקט זיך:

---

ער, מוישע גרייוויס, האָט שוין דענסטמאָל געהאט כאסענע געמאַכט אַלע זיינע טעכטער אין די ווייטע גרויסע שטעט — ער האָט געהאַט לויטער טעכטער. זיין ערשטע ווייב איז שוין געווען געשטאָרבן. געלעבט האָט ער איינער אליין אין די שטילע זעקס צימערן, געהאַט פּאַרנאָסע פון די פארדונגענע זעקס קראָמען,

וואָס מיט די אייזערנע פּרענטעס, און פון דער נאָענטער קלויז האָט מען אים אַלע פרימאָרגן געשיקט אָנזאָגן:

— „רעב מוישע, מע שטעלט זיך שוין צום אָמעד, רעב מוישע"...

בלויז זיינע רייכע אויסגעגעבענע טעכטער פלעגן דאַן קומען צו זייער מוטער אַף קיוועֶר־אָוועס, און אז זיי פלעגן אַראָפּקו־מען, פלעגן זיי פארבלייבן בא אים א שטיקל צייט. בא יעדן מיטאָג האָבן זיי צוגעקוקט, ווי אזוי ער, דער פאָטער זייערער, וואָס זיצט און לערנט, איז בא זיך אין שטאָט, בא זיך אינדער־היים געבליבן איינער אליין און איז נעבעך עלנט... זייער עלנט...

געדיינקט מוישע גריייוויס, ווי אַזוי זיין מיטלסטע טאָכטער האט דענסטמאָל אָנגעשריבן וועגן זיין עלנטקייט זיין עלטערער טאָכטער, און ווי אַזוי די עלטערע טאָכטער האט אים נאָכדעם געשריבן, אז ווען זי האט געלייענט דעם בריוו פון דער מיטל־סטער טאָכטער, האט זי געוויינט, שטארק געוויינט... די על־טערע טאָכטער איז דאַן פון איר היים ערגעץ אָפּגעפאָרן — „אָנקוקן" פאר אים עמעצן איז זי אָפּגעפאָרן... דערנאָך איז זי פּלוצלינג צו אים אראָפּגעקומען, עפּעס גלאט אזוי אראָפּגעקומען, כאָטש קיין צייט פון קיוועֶר־אָוועס איז דענסטמאָל ניט געווען. זי איז בא אים אָפּגעזעסן א וואָכן דריי און איז ווידער אוועק־געפאָרן — אפּאָנים, ווידער עמעצן „אָנקוקן פאר אים". זי האט אים דענסטמאָל ארויסגערופן דורך א דעפּעש ערגעץ־וואוהין אף א פרעמדן וואָקזאל... און דער סאָף איז געווען, אז טאקע אף יענעם וואָקזאל האט מען געשטעלט א כופּע, און בא אים אין הויז, אין די שטילע צימערן, איבער די קראָמען, וואָס האבן איי־זערנע פּרענטעס, איז דענסטמאָל צוגעקומען א נייער שטילער מענטש,—א פרוי פון א יאָר עטלעכע און פערציק—א געוועזענע פרוי פון עפּעס זייער א גערעכטענעם יונג־געשטאָרבענעם יאַכסן, קימאט א פרוי פון א געוועזענעם גוטן־אידן — אזוי האט מען געזאָגט... צי עפּשער האט זיך נאר אזוי געדאכט...

געדיינקט מוישע גריייוויס:

די פרוי איז זייער א שווייגנדיקע, א פּאַמעלעכע. זי פּאר־שפּרייט ארום זיך א באזונדערן קאַלטלעכן רייעך — איר אייגענעם קאַלטלעכן רייעך; זי שמירט אף באנאַכט איר פּאָנים פון בא־

זונדערע סלאָיעקלעך, און אויך אָט די סלאָיעקלעך זיינען ווי קאַל־טע: זיי קילן איר פּאָנים, זיי קילן אירע באַוועגונגען, זיי קילן ארום איר די לופט. זי פארקעמט זיך אזוי, אז איר שווערער פּאַ־רוק זעט אויס, ווי אייגענע האָר; זי ציילט צופיל אויס דער דינסט יעדן גראָשן, און אליין איז זי אַביסל א קורצזיכטיקע... שטענדיק, ווען מע זעצט זיך צום טיש עסן, איז זי אָנגעטון אין א וואַרע־מער שאַל — איר איז ווי קאלטלעך... זי טראָגט־צו איר זילבער־נעם לעפל זייער נאָענט צו אירע אויגן און באקוקט אים פון אלע זייטן, ווי גלייך זי וואָלט האָבן אין אים א סימען. און דער זיל־בערנער לעפל איז אירער אַן אייגענער — זי האָט אים געבראכט מיט זיך פון דער היים... מיט דעם זילבערנעם לעפל האָט זי נאָך געגעסן, אַפּאָנים, ווען זי איז נאָך געווען צוזאמען מיר איר ערשטן מאַן...

און פון אָנהייב האט מען בא גרייוויסן אין שטוב זיך געמאַכט גלייך ווי מע באמערקט עס ניט — אָט דאס, וואָס זי זיצט באם טיש אן איינגעהילטע אין איר שאַל און וואס זי באקוקט דאָרט מיט קורצזיכטיקע אויגן איר אייגענעם זילבערנעם לעפל. נאָר נאָכדעם האָט מען דאָס אָנגעהויבן צו באמערקן,— פריער האט דערוף אָנ־געהויבן צו וואַרפן א זייטיקן בליק ער, מוישע גרייוויס אַליין, — אָט אַזוי, בעאייס ער זיצט באם טיש און קוקט פלוצים ארויס פון זיין סייפער און דערזעט, ווי זי באקוקט איר זילבערנעם לעפל... און נאָכדעם האָט דאָס אויך אָנגעהויבן ניט צו געפעלן זיינע אויס־געגעבענע טעכטער, וואס קומען אָפט אַראָפּ צו זייער געשטאָר־בענער מוטער אָף קייווער־אָוועס.

די טעכטער האָבן אויסגעפינען, אַז זי איז עפּעס ניט יענע, וואָס מע האָט געמיינט.

זיי האבן געזאָגט:

— זי איז עפּעס א קאַלטלעכע...

— עפּעס אַ פרעמדע...

— א מאָדנע פּאַמעלעכע איז זי...

— יאָ,—האט דערוף געענטפערט ער, מוישע גרייוויס,—טאַקע... זייער א פּאַמעלעכע איז זי.

— און אויסערדעם,— האָבן געזאָגט די טעכטער,— עפּעס דער־דאָזיקער זילבערנער לעפל אירער...

— הע?... טאַקע,—איז ער געוואָרן צופרידן, וואָס די טעכטער פארשפּאָרן אים מיט איין וואָרט זייער פיל רייד, — עפּעס טאַקע דערדאָזיקער לעפל אירער...

די טעכטער האבן דאן עטלעכע טעג זיך געשעפּטשעט צווישן זיך און האבן ענדלעך בּאַ אים, דעם פאָטער זייערן, געפרעגט:

— איז וואָס וועט מען זי דאָ האַלטן, אז זי קאָן זיך ניט איינלעבן?... וואָס, טאַטע?... מע וואָלט זי עפּשער גאָר בּאדארפט אָפּשיקן אַהיים.

און דענסטמאָל האט זיך ארויסגעוויזן, אז ס'איז טאַקע אזוי... ער האט ניט קעגן דעם גאָרניט.

— ריכטיק,—האט ער געזאָגט,— וואס וועט מען זי דאָ האַלטן? אז זי איז עפּעס א מאָדנע — זי קאָן זיך ניט איינלעבן.

און אין יענע טעג, געדיינקט ער, איז ער געזעסן און געלערנט... געזעסן און געלערנט...

די טעכטער האבן דעמאָלט די פרוי ערגעץ אָפּגעפירט, זיך ערגעץ פארלאָזט מיט איר אף מענטשן, — זי אָפּגעגעט דורך א שאָליעך. זיי האבן זי ערגעץ איבערגעלאָזט. און אז זיי זיינען געקומען צוריק שוין אָן איר, האבן זיי דערציילט:

— ווײנען האט זי ניט געוויינט...

— זי איז עפּעס א קאַלטלעכע...

— עפּעס ווי מע וואָלט איר איינגעגעבן שלאָפגעטראַנק...

— ווײנען, אַפּאָנים, קאָן זי ניט — זי איז אזא מענטש...

— נאר א ראַכמאָנעס איז נעבעך אף איר געווען זייער א גרויסער.

— אַז אָך און ווײ איז צו איר... זי האָט אף דער גאַנצער וועלט קיינעם ניט.

— עס האט אויסגעריסן דאס האַרץ...

דעמאָלט האט מוישע גרייוויס געפרעגט:

— נו, און מעכילע? מעכילע האט מען בּאַ איר ארויסגע־נומען?...

עס האָט זיך ארויסגעוויזן:

— ניין... הערט נאָר אַ מאַיסע!..

— וועגן ארויסנעמען בּאַ איר א מעכילע איז גאָר קיין רייד ניט געווען...

— ס'איז עפּעס גאָר ווי אַרויס פונם קאָפּ...

— אַי... אַי... אַי... האט דאן ער, מוישע גרייוויס, באַדויערט, — אַ שאָד... א גרויסער שאָד... ווי פארגעסט מען דאס אזא זאַך?... וואָס הייסט? — מעכילע...

אים האט זיך אלץ געדיינקט זיינע טעכטערס ווערטער: ווייגען האט זי ניט געוויינט... זי איז עפּעס א קאַלטלעכע... נאָר א ראַכמאָנעס איז געוועןן אף איר זייער א גרויסער — עס האט אויסגעריסן דאָס האַרץ...

און אָט... פונקט פון דעמאָלט אָן...

פונקט דעמאָלט האט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע... עס איז געקומען די רעוואָלוציע, עס האט א בלאָז געגעבן דער גרויסער ווינט, וואָס וואַרפט פאנאנדער בערג און קערט איבער פעלזן.. אים, מוישע גרייוויסן, איז וויפל מאָל ארופגעקומען אפן זינען, אַז עס איז א גרויסע זינד...

ער האָט אלץ געדיינקט:

— די פרוי וואָלט מען באַדאַרפט אופזוכן. אויב זי לעבט, דארף מען זי פאַרגיטיקן מיט געלט. אויב זי איז געשטאָרבן, דאַרף מען בעטן מעכילע בא איר אפן קייווער. און עפשער... עפשער דארף מען אויך אפן קייווער פון איר ערשטן מאַן בעטן מעכילע...

נאָר פון דער פרוי האָט מען מער ניט געהערט. זי איז פאַרשוואונדן, ווי אין יאַם אריין.

און דער עמעס איז, אַז ער, מוישע גרייוויס, האָט נאָר געקלערט וועגן פאַרגיטיקן זי אָדער וועגן בעטן באַ איר מעכילע... אף אופצוזוכן זי האָט ער גאָרניט געטון. און דער גרויסער ווינט האָט דערווייל געבלאָזן, פאַנאנדערגעוואָרפן אלץ מער בערג, איבערגעקערט אלץ מער פעלזן, און קיינער ווייסט ניט, אַז זיין זינד איז דערווייל געוואָקסן און אַז אין דעם אַלעס איז עפשער שולדיק ער, מוישע גרייוויס... ער מיט זיין זינד אַקעגן יענער אידענע, וואָס איז עפּעס אַ קאַלטלעכע און קאָן ניט וויינען... וואָרום איבער דעם ווייגעשריי פון איינער אַ מיידל האָט גאָט אַמאָל איבערגעקערט סדאָם, אַזוי ווי אין פּאָסוק שטייט: ארדה נא ואראה... איך וועל אַראָפּנידערן און זעען, הקצעקתה עשו... אויב ווי דער געשריי פון יענער מיידל האָבן זיי געטון...

מוישע גרייוויס בויגט זיך אלץ נעענטער און נעענטער צו זיין אַלטן געמאָרעדיק־גראָבן און פאַרגעלטן סייפער; ער זשומעט ווי אַ בין:

— וכשיתחרט... און אַז א מענטש ווערט כאַראָטע האָבן אף זיינע זינד, יזכור... זאָל ער געדיינקען, אַז אף אלע זינד איז גאָט מוחל, נייערט ניט אף די זינד, וואָס א מענטש זינדיקט אַקעגן דעם צווייטן, וואָרום אַזוי שטייט געשריבן: ופגוי אנוש באנוש, איז די טייטש: און אַז זיי וועלן מאַכן אַ פּגאָם איין מענטש דעם אַנדערן, ופגו במלכותי... וועלן זיי מאַכן אַ פּגאם אין מיין וועלט, ואארוס מוסדותיה... און איך וועל פאַנאַנדער־שאָקלען אירע פונדאַמענטן, ותפול... און די וועלט וועט פאַ־נאַנדערפאַלן פון זיך, ווי אַ וואַלד מיט פוילע וואָרצלען, אַזוי ווי אין פּאָסוק שטייט: ותרעש האָרץ... און די ערד האָט אָנגעהויבן ציטערן, כי חרה לו... ווייל עס האָט אים פאַר־דראָסן...

---

איצט איז שוין זייער שפּעט באַנאַכט.

די לאָמפּן אין די צימערן זיינען שוין צוריק אויסגעלאָשן, און נאָר דער גרויסער שטיי־זייגער אין עסצימער קלאַפּט נאָך אַלץ, ווי עס קלאַפּן אַזעלכע זייגערס, ווען אַלע פון דער וואוי־נונג גייען אַוועק...

דער אַלטער גרייוויס ליגט שוין ווידער אין בעט, נאָר אַנ־שלאָפן ווערן קאָן ער ניט:

אים טוט באַנק זיין קליינע שטאָט אין אוקראַינע, און איבער־הויפּט טוט אים באַנק זיין אַלטמאָדישער צווייגאָרנדיקער מויער, וואָס אין עק מאַרק ניט ווייט פון דעם שמאָלן געסל, וואו עס געפינט זיך די גרויסע קלויז... ער געדיינקט, ווי אַזוי זיין שטאָט האָט אויסגעזעען אַמאָל און ווי אזוי זי זעט אויס איצט, און אים איז אַ שאָד... אַ גרויסער שאָד...

— געוועזן באַדאַרפט אופזוכן יענע אידענע און זי פאַרגיטיקן מיט געלט... אָדער עפשער איז זי שוין געשטאָרבן... געוועזן באַ־דאַרפט בעטן מעכילע אף איר קייווער און אף דעם קייווער פון איר ערשטן מאַן... נאָר ער, מוישע גרייוויס, האָט דאס ניט גע־טון... ער האָט פאַרשפּעטיקט...

דער אַלטער גרייוויס ליגט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן אין בעט, און אַ געפֿיל איז בא אים אַזאַ, ווי גלײַך נאָר ער... באַשטימט נאָר ער האָט געבראַכט דערצו, אַז אין זיין לאַנד זאָל אַ בלאָז געבן דער גרויסער ווינט, און אַליין איז ער פֿון דאָרט אַנטלאָפֿן אַהער אין דער פֿרעמדער גרויסער שטאָט, אַנטלאָפֿן פֿון זיין זינד — אַנטלאָפֿן פֿון גאָט, ווי יוינע איז אַמאָל אַנטלאָפֿן פֿון גאָט קיין טאַרשיש...

ער ליגט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און שטעלט זיך פֿאָר, ווי אַזוי אַפֿן יאַם איז אַ גרויסער שטורעם: די שיף... אָט, אָט גייט זי אונטער; אַלע שרייען צו גאָט, און נאָר יוינע באַהאַלט זיך אויס — ער פֿאַרקלייבט זיך אין אַ וויַיטן ווינקל פֿון דער שיף און ליגט דאָרט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן זייער איינגעהויקערט, זייער אומעטיק, פּונקט ווי עס ליגט איצט דאָ אין בעט ער, דער אַנט־לאָפֿענער אַלטער גרייוויס...

אינדרויסן איז שוין גרויער טאָג, נאָר גרייוויס שלאָפֿט ניט, און זיינע קינדער זיינען נאָך אַלץ אַהיים ניט געקומען. איבער די נאָענטע פּייכטע גאַסן, וואָס פֿון יענער זייט פֿאַרהאַנגענע פֿענצטער, לויפֿן די ערשטע פֿול־געפּאַקטע, פֿאַרטאָגיק־באַלויכטענע טראַמוואַיען, זייער פֿאַרביי־יאָגנדיקער געפּילדער איז פֿול מיט יונגן כיישעק אָפּצוטרייסלען פֿון זיך די פֿוילקייט פֿון באַנאַכט, זיי זיינען פֿול געפּאַקט מיט אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, וואָס איילן מיט זייער לעצטער פֿאַרשלאָפֿנקייט צו אַ נייעם טאָג פֿון אַרבעט.

עס הערן זיך פֿון די טראָטואַרן שווערע געקאָוועטע טריט פֿון שפּאַנענדיקע מענטשן.

ערגעץ פֿון וויַיט, פֿון פֿאַרויכערטע פּלעצער, וואָס אינמיטן דער שטאָט און אויסער דער שטאָט, רופֿט זיי צו זיך דער לאַנ־גער מאָנענדיקער פּייף פֿון די לאַמטערנדיק־באַלויכטענע זידעוו־דיקע פֿאַבריקן.

די טריט ווערן דאָרט מיט יעדן אויגנבליק אַלץ מער וואַ־כעוודיק, אַלץ מער איילעוודיק. עס גליטשן זיך הין־און־צוריק, ווי אין גרויס כאַפּעניש, די איבערפֿולטע אווטאָבוסן.

ווי מיט פֿריש־אויסגעשלאָפֿענער באַנייטער קראַפֿט קלאַפּט אינדערהייך די אויסגערוטע מעכטיקע שטאָט־באַן.

מוישע גרייוויס הערט זיך איין אין אָט די אַלע קלאַנגען; ער שליסט אלע ווילע שטאַרקער די אויגן אף אנשלאָפן צו ווערן און טראַכט, אז די שטאָט איז אַ גרויסע, אַ זינדיקע, זי איז געגליכן צו נינווע, אזוי ווי אין פּאָסוק שטייט: „און נינווע איז געוועזן אַ גרויסע שטאָט פאַר גאָט", נאָר עס איז ניטאָ ווער עס זאָל פאַר איר טשוווע טון...

גרייוויסן טוט באַנק, וואָס אָט די גרויסע שטאָט וועט אונטערגיין, פּונקט ווי עס טוט אים באַנק זיין קליינע שטאָט מיט זיין מויער דאָרט אף אוקראַינע און פּונקט ווי עס טוט אים באַנק זיין זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן יענער קאַלטלעכער פרוי, וואָס קאָן ניט וויינען, און דאָס איז ערגער פון אַלץ — ערגער פון אַלץ איז דער געוויין פון א שטומען...

אין קאָפּ דרייט זיך אים אָן אופהער:

— און עס איז געוועזן די רייד פון גאָט צו יוינען, דעם זון פון אמיטי... און יוינע איז אַנטלאָפן פון גאָט... יוינע איז געלעגן באַהאלטן אין עק פון דער שיף, אָט ווי עס ליגט איצט ער, מוישע גרייוויס...

# צווישן עמיגראנטן

אומקערנדיק זיך אַהיים פון בערלינער גאַסן אין אַ טרוקענעם און היציקן יולי־טאָג, האָב איך געטראָפן מיינע אייגענע זייער אופגערעגט און אָנגעשטריינגט. געזיכטער האָבן אויסגעזעען בלאַסלעך, שטאַרק אָנגעשראָקן.

מע האָט מיר באלד איבערגעגעבן.

אין שרייבצימער וואַרט אף מיר שוין אַ שאָ דריי עפּעס איינער אַן אומבאַקאַנטער, אַ יונגערמאַן... אַ איד.

— ער איז עפּעס...

— זייער אַן אומגעדולדיקער...

דעם יונגנמאַן האָט מען געזאָגט: איך וועל קומען ניט פריער ווי פאַרנאַכט, נאָר ער האָט ניט געענטפערט. ער איז אריינגעגאנגען גלייך אין שרייבצימער און האָט זיך דאָרט אוועקגעזעצט. מע האָט אים געגעבן אָנצוהערן: עס איז גלייכער ער זאָל אריינקומען שפּעטער. ער האָט פון אָנהייב ווי ניט איינגעהערט, נאָכדעם האָט ער אויסגעזעען צעטראָגן. ער האָט קאַלט געענטפערט:

— ניין, בעסער מע זאָל מיך ניט זען פיל מאָל אריינגיין צו אייך און ארויסגיין פון אייך... איר קאָנט נאָכדעם האָבן אַן אייסעק מיט פּאָליציי.

איך בין אריין אין שרייבצימער אַ קוק געבן אפן יונגנמאַן. נאָר אויך מיר איז ער געווען אומבאַקאַנט.

ער האָט אויסגעזעען ווי פון אַ יאָר זעקס — זיבן און צוואַנציק. ער איז געזעסן איינגעהויקערט אין אַ ווינקל, אין דער סאַמע פאַרוקטער ווייכער שטול, און האָט ווי געדרימלט.

זיינע אויגן האָבן זיך געשמאָלט, זיינע פּלייצעס האָבן זיך געהויקערט. זיין גאַנצע פיגור האָט דערמאַנט אין גרויען שטויב,

וואָס אַף ווייטע קליינשטעטלדיקע וועגן, און אליין האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטשן, וואָס האָט אָן אָטעם דורכגעמאַכט זייער אַ לאַנגע שטרעקע.

איך האָב אים געפרעגט, צי ער דאַרף ווירקלעך צו מיר. ער האָט נאָר ווי אַף האַלב אופגעוואַכט און האָט געענטפערט ווי מיט אַ בייזער:

— פאַרשטייט מען, אַז ניט וואָלט איך צו אייך ניט געקומען. איך בעט אייך נאָר, זאָגט קיינעם גאָרנישט. איך דאַרף דאָ אין שטאָט אָפּטון איינע אַ זאַך... איך בין... נו, ווי זאָל איך עס אייך אָנרופן? — איך בין אַ אידישער טעראָריסט.

איך האָב ניט פאַרשטאַנען.

— איר קערט צו אַ פּאַרטיי? — האָב איך געפרעגט.

— ניין,—האָט ער זיך אַ קרים געגעבן — איך האָב פיינט פּאַרטייען.

פאַר מיר איז געווען קלאָר: איך האָב דאָ צו טון מיט אַ מענטשן, וואָס איז צו מיר געקומען דורך פאַרפּלאָנטערטע און קרומע וועגן. וואָס האָט אים געקאָנט צו מיר ברענגען? איך האָב אים געלאָזט אַף אַ ווײַלע אליין. נאָר זיצנדיק אין עסצימער באַם טיש, האָב איך אַף קיין רעגע ניט פאַרגעסן סיי זיין פיגור, סיי זיין געזיכט. ניט ווילנדיק האָב איך געטראַכט וועגן אים מיט די ווערטער, מיט וועלכע מע האָט מיך באַגעגנט באַ מיין אריינ־קומען אין שטוב.

— ער איז עפּעס...

— אַן אומגעדולדיקער...

פאַראַן מענטשן, וואָס זעען אויס שטויביק, כאָטש מע געפינט ניט אַף זיי קיין איין שטויבעלע — דער יונגערמאַן איז געווען איינער פון זיי. ער האָט געהאַט ברייטע ביינער אונטער די אויגן, די ביינער זיינען געווען ניט קיין גלייכע, און זיינע באַקן האָבן דעריבער אויסגעזעען פאַרשיידן. די רעכטע באַק איז געווען אַ גלייכע, ווי באַ אלע מענטשן — אַ באַק, וואָס וויל האַנאָע האָבן פון דער וועלט; זי גיט צו וויסן:

— איך וויל זיין צווישן מענטשן.

און זיין לינקע באַק איז געווען אַ קרומע; זי איז געווען ווי זיינע און ניט זיינע. זי האָט אויסגעזעען, ווי אַ באַק, וואָס איז

צעקריגט מיט דער וועלט — דאָס לעבן האָט געוואָרפן אף איר אַן אומכיין, האָט זי דעריבער געוואָרפן אַן אומכיין אַפן לעבן. אַדאַנק דער לינקער באַק האָט דער יונגערמאַן אויסגעזעען העסלעך, נאָר, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, איז ער געווען דאַווקע אף דער זייט פון דער לינקער באַק, דערמאַנט אָן אַ מוטער, בא וועלכער איין קינד איז אַ געראָטנס, דאָס צווייטע אַ פאַרזעעניש — פון יוישער איז ער געווען אף דער זייט פון דער לינקער מיעסער באַק, געטראָגן אין זיך איר בייזקייט. צוליב דערדאָזיקער מיעסער באַק טראָגט ער וואָנצעס — ער וויל, זיי זאָלן כאָטש אַ קאַפּעלע פאַרדעקן איר קרומקייט. איך האָב די וואָנצעס גלייך דערזעען און מיר האָט זיך געדאַכט: די רעכטע באַק איז מיט זיי ניט צופרידן, ווייל זיי האָבן עפּעס אַן אומגעוויינלעכע ברודיק־מעשענע פאַרב, זיי וואַרפן זיך אין די אויגן און זאָגן אָן:

— טשעפּעט מיך ניט. איך בין אַ בייזער. בעסער גייט אייך איר מיט אייער וועג, און איך וועל מיר גיין מיט מיינעם.

דאָס אַלץ איז אין זיין געזיכט געווען ביז גאָר שאַרף. זיצנדיק אין צווייטן צימער, האָב איך זיך געפילט אומהיימלעך. מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט: ער קוקט אף מיר דורך דער גראָבער וואַנט.

אַז איך בין ווידער אריינגעקומען צו אים, איז ער נאָך אַלץ געזעסן ווי פריער קאַלטבלוטיק אף זיין פּלאַץ. אין זיינע אויגן האָבן געברענט צוויי העלע פונקען — פריע, ווי די ליכטלעך פון אַ פרי־אָנגעצונדענעם יאָרצייט, נאָר עפּשער האָט זיך בא זון־אונטערגאַנג נאָר אַזוי אויסגעוויזן. פון דרויסן, פון קעגניבער די לאַנגע פאָרהאַנגען האָט זיך געפילט:

די ריזיקע געקעסטלטע גאַסן הייבן אָן אופלעבן, ווימלען און אָפּגעבן פון זיך די גרויסע און טרוקענע היץ, וואָס זיי האָבן אין זיך אריינגעזאַפּטעמט אין מעשעך פון לאַנגן טאָג — אַ טאָג, ווי אַ יאָר, אַ טאָג, ווי אַ לאַנגער, לאַנגער וועג. אף אַזאַ מין טאָג, אַז מע קוקט זיך אום צוריק, דאַכט זיך: מע איז דורכגעגאַנגען אַן אומגעוויינלעך גרויסע שטרעקע. אַזאַ מין טאָג טרייבט ארויס אַלע איינזאַמע „טשודאַקעס" אין גאַס אַרויס, און זיי בלאָנזשען אַרום, ווי שטומע נאָגנדיקע גייסטער. אין אַזאַ מין טאָג האָט זיך צו מיר איינמאָל אף אַ באַנק אין שטאָט־פּאַרק צוגעזעצט אַ איינזאַמער פאַרשוין און האָט צו מיר פּלוצים אָנגעהויבן צו ריידן

וועגן דעם, וואָס אינערגעץ איז אַ מענטש ניט אזוי איינזאַם, ווי צווישן מענטשן, און וועגן דעם, וואָס אינערגעץ איז מען ניט אַזוי „ניט צווישן מענטשן", ווי אין דער גרויסער שטאָט. ניט ווילנדיק האָב איך זיך אָן דעם דערמאַנט, קוקנדיק אף מיין גאַסט. איך האָב בא אים געפרעגט:

— איר זייט אַן עמיגראַנט?

— אַן עמיגראַנט.

— פונוואַנען?

— ער האָט מיר אָנגערופן אַ גרעסערע שטאָט אין די זאַמדיקע טיילן פון וואָלין. ער האָט זיך אומגעקוקט, צי די טיר הינטער אונזערע פּלייצעס איז גוט צוגעמאַכט, און האָט מיר באַוויזן אייניקע פּאַפּירן, וואָס דערווייזן, אַז ער איז ווירקלעך פון יענער שטאָט און אַז ער איז איין צייט געווען צווישן די כאלוצים אין פּאַלעסטינע. דערנאָך האָט ער מיר אָנגערופן איינעם אַ באַוואוסטן פּאָגראָמשטשיק פון אוקראינע. ער האָט געפרעגט בא מיר, צי איך האָב פון זיינע שרעקלעכע רעציכעס געהערט. ער האָט אף מיר אַ קוק געגעבן זייער שטייף מיט די אופגעפלאַקערטע ייערלעך, וואָס אין זיינע אויגן, און איך האָב געפילט, אַז דאָס סאַמע שווערע און שרעקלעכע, וואָס ער האָט מיר צו זאָגן, הייבט זיך אָקאָרשט אָן; ביז אַהער איז ער געווען העפלעך — ער האָט גערעדט אין נאָמען פון זיין רעכטער באַק — איצט וועט ער אָנהויבן ריידן אין נאָמען פון זיין לינקער באַק, דער קרומער...

מיר זיינען ביידע געזעסן איינער אַקעגן אַנדערן אין אַ פאַררוקטן ווינקל פון צימער. ער האָט אָנגערופן דעם באַוואוסטן שרעקלעכן פּאָגראָמשטשיק באם נאָמען און האָט אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

— הערט זיך איין... ער געפינט זיך איצט הי... אין בערלין.

ער האָט נאָך שטייפער אף מיר אַ קוק געגעבן און האָט אָנגעהויבן אויסצולייגן:

———

— הערט זיך איין: שוין באַלד אַ וואָכן דריי זינט איך וואוין „מיט אים" דאָ אין שטאָט אין אַ ביליקן פּאַנסיאָן, איך — אין צימער נומ. 3, „ער" — אין צימער נומ. 5 — אַ טיר אַקעגן

אַ טיר. איך בין דאָ אַ פרעמדער. קיינער קען מיך ניט. „ער״ — אויך ניט. איך „אים״ אָבער קען גוט.

עס טרעפט:

מיר באַגעגענען זיך אין צווייען אין קאָרידאָר. באַם אַריינגאַנג ליגט אַ רויטע אָפּגעריבענע סטעזשקע — ביידע רייבן מיר אין איר אָפּ דעם שטויב פון אונזערע שיך. איר פאַרשטייט — אין איינער און דערזעלבער סטעזשקע... עס מאַכט זיך: פאַרבייגייענדיק טוט ער אַף מיר אַ קוק. איך כאַפּ זיך דאַן אַריין צו מיר אין צימער און פיל נאָך זיין בליק אָט אַ דאָ־אָ... (דער יונגערמאַן האָט זיך זייער שנעל אַ פּאַטש געגעבן מיט דער האַנט איבער ביידע באַקן). מיינע אויגן כאַפּן געשווינד אַ קוק אין שפּיגל. איך וויל וויסן, וואָס האָט ער אַף מיר געזען? — אַן אָפּגעלאָזענעם אידישן באָכער. עס קאָן אַריבער עטלעכע טעג איך זאָל זיך ניט אָפּגאָלן. איך קוק מיט רויטע ניט אויסגעשלאָפענע אויגן. אָפּטמאָל בין איך בלאַסלעך, ווי אַ מענטש, וואָס פאַסט קעסיידער אַ מעסלעס נאָך אַ מעסלעס. דאָס איז אַלץ, אַ?... וואָס נאָך אַשטייגער קאָן ער אַף מיר זען?..

— איך אָבער קען „אים״ נאָך פון דער היים, פון קינדוויים אָן; פון יעדער אידישער צאָרע, פון אסאך צאָרעס. ער האָט אָנגערייצט די באַפעלקערונג פון גאַנצע פיר גובערניעס; איר מיינט, ווי פורישקעוויטש, ווי קרושעוואַן? — פיל ערגער. ער האָט אַליין אָנגעפירט מיט פּאָגראָמען, — מיט די לעצטע, מיט די סאַמע שרעקלעכע. ער איז אַלעמאָל פאַרשוואונדן און ווידער אופגעשוואומען, זיך ווידער באַוויזן אין שפּיץ פון אַ נייער אידישער שכיטע. ער האָט געטראָגן אַ באָרד, גערעדט מיט אַ פּאָשעטער שפּראַך, די פויערים זאָלן אים פאַרעכענען פאר זייערן אַ מענטשן און זאָלן אים גלויבן. נאָר דאָ, אין אויסלאַנד, האָט ער זיין באָרד אָפּגעגאָלט, זיך אויסגעפוצט. דאָ איז ער געוואָרן ווידער אַ פּאָרעץ. ער איז געזונט, וואוקסיק, זיין פּאָנים איז רויט, אָנגעגאָסן. זיינע וואָנצעס זיינען פריילעך פאַרדרייט. זיינע אויגן קוקן בייז און מיט אַ גיפטיקן שמייכל. דאָס איז דער גיפטיקער שמייכל פון זיין רעציכע.

— אַקעגן אים בין איך בלאַס און איינגעבויגן. איר זעט? ניט אזוי קליין, ווי איינגעבויגן. מיין פּאָנים איז פון קינדוויים אָן

צוזאַמענגעפּלעטשט, קרום, ווי איבערגעפּאָרן. איך טראָג וואָנצעס, אָט... איך בין ניט קיין שיינער, איבערהויפּט אין פּראָפיל, איך בין פון אַזאַ מישפּאָכע... איר מיינט, איך ווייס עס ניט? צווישן אַלע יונגעלייט, וואָס איך קאָן, בין איך דער מיעסטער. דער מיעסטער בין איך אויך געווען בא מיר אינדערהיים, אין מיין געבורטשטאָט. טאַקע דערפאר האָב איך דאָרט פון קינדוויס אָן געלעבט באזונדער פון אלע קינדער, איינער אליין, ווי אַ יאָסעם. שטעלט אייך פאָר: איך אין יענער צייט אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן: אַ צוועלפיאָריקער גימנאַזיסטל „מיט מעשענע קנעפּלעך"; אַ גימנאַזיסטל, וואָס לויפט נאָך זיין פרומען זיידן אין קלויז אַריין דאַווענען מינכע און מאַירעוו. ווי אַ הינטל, וואָס געפינט שוץ לעבן זיידן. און ניט דערפאר, וואָס אנדערע בייסן עס, נאָר ווייל אַנדערע גימנאַזיסטלעך באמערקן מיך ניט. איך מעג שטיין צווישן זיי, איז סייוויסיי, ווי גלייך קיינער שטייט ניט צווישן זיי. דאַווענען גייט מען דורך דעם „פּראָספּעקט" — דאָס איז די הויפּט־גאַס. גימנאַזיסטלעך, ווייסט איר, האָבן ליב אין זומערדיקע פאַר־נאַכטן אַרומגיין אויסגעפּוצט צו פינף—זעקס אין אַ ריי. דער גימנאַזיסטל, וואָס לויפט נאָך דעם זיידן, שטעלט זיך אָפּ. ער קוקט אף די שפּאַצירנדיקע, יענע באמערקן אים ניט. דער גימנאַזיסטל דערשרעקט זיך און יאָגט שנעל, שנעל נאָכן זיידן... און אַ יאָסעם בין איך ווירקלעך — פון אַכט יאָר אָן. באם זיידן שטאַרבן יונג די קינדער... ער איז אַ קליינער, אַ גרויער, מיט אַ פאַרוואָקסן פּאָנים. אַ וואַקסן געזיכט, מיט האָר אין דער נאָז און אין די אויערן, מיט טשמאָקנדיקע ליפּן און מיט קאַלטע, שוואַרצע אייגעלעך, וואָס וואַרפן זיך איןביידע זייטן געשווינד, ווי בא אַ מאלפּע. בלויז אין די אויגן וואַקסט בא אים קיין האָר ניט. אַז ער רעדט, פאַרשטייען נאָר געציילטע מענטשן, וואָס ער זאָגט. און צו אים אין הויז קומט מען דאָך: זעלטן, אָבער מע קומט— מע צאָלט אים געלט און „איסקע", געלט און „איסקע". זיין הויז איז גרויס און אָן מענטשן. עס געפינט זיך אויך אפן „פּראָספּעקט", אין סאַמע עק דאָרטן. אין גרויסן הויז וואוינען ניט מער, ווי דער זיידע, איך און אַן אַלטע דינסט פון אמאָל נאָך. און אַ מאָדנע טעווע האָט דער זיידע: אַלעמאָל, ווען עס שטאַרבט בא אים אַ קינד, קויפט ער נאָך איינעם אַ נייעם זייגער און שטעלט אים

אוועק אָדער ער הייגגט אים אויף אין איינעם פון די צימערן. אַז איך וועך אַלט א יאָר פערצן, פופצן, קלאַפּן שוין די זייגערס אומעטום: אין יעדן צימער א זייגער — באַם זיידן זיינען שוין געשטאָרבן אלע קינדער. מיטן טאָג, אז דער זיידע שטייט אויף, נעמט ער זיך צוערשט אָנציען די זייגערס, ווי אַ מאַמע, וואָס נעמט זיך צוערשט געבן עסן אירע קינדער. ער ברומט צו. ער האָט ניט קיין קאָל. אַז ער זינגט, איז ווי די קאַץ אונטערן טיש כריפּעט. אַלע אין אונזער מישפּאָכע זיינען אזעלכע. איך אויך — איך האָב ניט קיין קאָל. דעם זיידנס פּארוואָקסן פּאָנים איז שוין אויך ווי אַ זייגער — די נאָז איז דער ווייזער, די אויגן — צוויי ציפער. די זייגערס קלאַפּן, דער זיידע ברומט.

— און פּונקט אַקעגן, אויך אפן „פּראָספּעקט", אויך אין עק דאָרטן, וואוינען די פּינסקעס. אַ גרויסע מישפּאָכע, א פריילעכע. קימאַט אלע וואָך גליקט זיי עפּעס אָפּ איבעראַנייס. זיי פּראַווען סודעס. פּונקט אַקעגן אונזערע שטענדיק - פּאַרמאכטע פענצטער וואוינט פּינסקעס יונגערער זון — זאָרעך. דאָרט זיינען די פענצטער שטענדיק אָפּן, שטענדיק פריילעך, די באַלקאָנען אויך. זאָרעך האָט געהאט לויטער מיידלעך, לויטער יונגע, לויטער גימנאַזיסטקעס אין טונקל־ברוינע קליידער מיט ווייסע געפּרעסטע קעלנערלעך, לויטער שיינע, שוואַרץ־כיינעוודיקע, מיט אַ רייעך פון פּאַלמיר־זייף, איבערהויפּט די יונגסטע — מיט אַ כיינדעלע אָט דאָ צווישן די צוויי פּאָרנטיקע ציין. איר ווייסט?... ווי עס מאכט זיך אמאָל. און דאַווקע פון אָט דעם כיינדעלע, פון צווישן די צוויי פּאָרנטיקע ציין, הייבט זיך אָן די גאַנצע שיינקייט אין פּאָנים, אין קערפּער און אין אירע באַוועגונגען, ווען זי פּאָרט אף אַ וועלאָסיפּעד, ווי אַלע אירע שוועסטער. דאָרט שפּילט מען קלאַוויר. נאָך איצט, אז איך דערהער פון ערגעץ שפּילן, דערמאָן איך זיך: אַ־אַ! — עס איז פון די „פּינסקעס". דאָרט פּראַוועט מען געבורט־טעג, גימנאַזיסטן קומען — מע זעט דאָס פון באַלקאָן דורכן זיידנס פענצטער.

— בא אונז קלאַפּן די זייגערס. דער זיידע ערגעץ אין א צימער ברומט איבער א סייפער, כריפּעט, ווי אן אלטע קאַץ. און איך דריי זיך ארום צווישן אָט די זייגערס. יעדער זייגער — אַ קייווער, אַ יאָרצייט. איך בין אַ גימנאַזיסט, וואָס לערנט פלייסיק,

גאַנצע לאַנגע טעג, גאַנצע זומערס. און ווי מיינט איר? וועגן וואָס טראַכט איך דעמאָלט? — וועגן אָפּטון אַ צולאָכעס טראַכט איך... איר פאַרשטייט? וועגן אָפּטון עפּעס אַזאַ זאַך, וואָס קיי־נער דאָרט אַקעגן אַפן פריילעכן באַלקאָן וועט ניט אָפּטון. פון צולאָכעס קאָן מען אָפּטון אַ מיעסע זאַך, פון צולאָכעס קאָן מען אָפּטון אַ שיינע זאַך — אַלץ איינס, אַבי פון צולאָכעס.

— דענסטמאָל האָט מיך פאַרכאַפּט די מילכאָמע, נאָר איך האָב זיך ניט געבעריעט, ווי אַנדערע, איר פאַרשטייט? — ווי אַף צו־לאָכעס. נאָר אָקאָרשט נאָך דעם, אַז מיט דער מילכאָמע איז ווי פון זיך געוואָרן אויס, איז אויך געוואָרן אויס מיט מיין צולאָ-כעס, מיר איז געווען אַ ווייטיק:

וואו איז דער צולאָכעס?

טאַקע דערפאַר בין איך באַלד נאָכדעם דער ערשטער פון מיין פּאַגראָמירטער שטאָט אַוועק ווי אַ פּאָשעטער אַרבעטער קיין פּאַלעסטינע — ווי אַף צולאָכעס. נאָר שפּעטער, אַז פון מיין שטאָט האָבן אָנגעהויבן קומען קיין פּאַלעסטינע פיל באַלעבאַטישע קינ־דער, און צווישן זיי אויך אייניקע פון די יונגע פינסקעס, בין איך פון דאָרט אַוועק אהער אין אויסלאַנד, אין אָט דער שטאָט. דאָ האָב איך אין איינער און דערזעלבער צייט אָנגעהויבן הונגערן און שרייבן. איך האָב געטראַכט: פון אַזעלכע, ווי איך, קומען אַרויס יענע מענטשן, וואָס האָבן כיישעק אונטערצורייסן די וועלט מיט דינאַמיט. איך וועל עס ניט דערלאָזן. פאַרקערט: איך וועל זיך ברעכן אין דער אַנדערער זייט אַריין.

— איך האָב פאַרטראַכט א דערציילונג ניט וועגן מיר, נאָר וועגן אַן אנדערן. די דערציילונג הייבט זיך גאָר אָן מיט דער באַשרייבונג פון איינעם אַ אידישן קאַבצן בא אונז אין שטאָט. אַלע דאָנערשטיק גייט דער קאַבצן אַוועק נאָך נעדאָוועס צו די רייכע אידן, וואָס וואוינען אין גאָיִשן קוואַרטאַל. דעם קאַבצן האָבן אין יענעם קוואַרטאַל שטאַרק פיינט די קריסטלעכע קינ־דער. זיי קאָנען אים ניט פאַרטראָגן. אַז זיי דערזעען אים, באַ־ווארפן זיי אים מיט שטיינער, רייצן אַף אים אָן די הינט. איבער דעם גאַנצן גאָיִשן קוואַרטאַל הייבן זיך אוף גרויסע געשרייען, די לופט איז פול מיט קוויטשערייען, אַ געלויף פון שקאָצימלעך,

אַ בילעריי פון הינט. פאַר הינט האָט דער קאַבצן שרעקלעך מוירע. עס קלאַפּט אים אַ צאָן אין אַ צאָן, נאָר ער איז דאָך צו־פרידן, ווייל די גוואַלדן מיטן בילן פון די הינט גיט אַלעמען צו וויסן, אַז ער איז געקומען אין גאָיִשן קוואַרטאַל, און פון אַלע אידישע הייזער טראָגט מען אים אַרויס די נעדאָוועס אין דרויסן; ער פאַרשפּאָרט צו קלאַפּן אין יעדער אידישער טיר באַזונדער און צו פאַרלירן צייט. דער קאַבצן, אַז ער קומט אין גאָיִשן קוואַרטאַל, בלייבט ער דעריבער שטיין אינמיטן גאַס און הייבט אָן צו הוסטן, קעדיי די שקאָצימלעך זאָלן אים דערזעען און אָנ־רייצן אַף אים די הינט...

— דאָס אַלץ האָב איך אָנגעשריבן אין איין אָטעם. דאָס זיי־נען די ערשטע קאַפּיטלען, און אָקאָרשט נאָך דעם האָב איך דער־פילט, אַז דער קאַבצן — דאָס בין איך אַליין, איר פאַרשטייט? ווידעראַמאָל איך... דער גאָיִשער קוואַרטאַל — דאָס איז אין פאַרשטעלטן זין מיין שטאָט, מיין לעבן. נאָר אַף מיר רייצט מען שוין אַפילע ניט אָן די הינט. זיי בילן גאָר אַף מיר ניט, און איך פיל דאָך, ווי זיי בילן. מיין הוסטן — דאָס איז מיין דינען, ווי אַ סאָלדאַט, מיין אַוועקגיין אַף דער מילכאָמע, מיין אוועקפאָרן ווי אַ פּאָשעטער אַרבעטער קיין פּאַלעסטינע... דער צולאָכעס, וואָס איך וויל פון קליינערהייט אָפּטון — דאָס איז מיין סאָרט נעדאָווע בעטלען... אָבער אַז אין טאָך וויל איך גאָר אַליין געבן... איר פאַרשטייט? כאָטש איינמאָל אין לעבן זיין אַ גוויר, אַ שמייס געבן אָט אַזוי מיט אַ ברייטער האַנט — נאָט אייך און ווייסט... און אָט אין יענער צייט, ווען איך האָב אַזוי געטראַכט (איך בין ניט געשלאָפן אַ נאכט נאָך א נאכט), האָב איך אין איינעם אַ פרי־מאָרגן דערהערט אַ קליינעם גערויש אין קאָרידאָר פון מיין פּאַנ־סיאָן — דער גערויש איז אויסגעמישט מיט אַ שאַרפן אוקראַיִניש. איך האָב אין קאָרידאָר דערזעען פריער אַ דינסט פון פּאַנסיאָן, ווי זי טראָגט צוויי שווערע טשעמאָדאַנעס, און נאָכדעם האָב איך דערזעען „אים" אַליין מיט די פריילעך פאַרדרייטע וואָנצעס. אים. איז מיט דערעכערעך נאָכגעגאַנגען נאָך איינער א יונגערער.

— אַ יאַק? — האָט ער געפרעגט בא אָט דעם יונגערן און האָט געגעבן אַ שמעק די לופט מיט דער נאָז, — אַ טוט טאָוואָ... זשידיווו־טאָ נימאַ?

איך בין געשטאַנען לעבן מײַן טיר. איך האָב געקוקט, ווי מע פירט אים פונקט אַקעגן אין צימער נומ. 5. איך בין געווען ווי פאַרטשאַדעט. אין טשאַד איז צו מיר פּלוצים געקומען אַזאַ לײַכט געפיל, גלײַך איך בין מער ניט איינזאַם. צו מיר איז צו־געקומען עפּעס אַ שטיק. מיר איז געוואָרן ווי פיל גרינגער, כאָטש אין וואָס באַשטייט די דאָזיקע גרינגקייט האָב איך נאָך אַלץ ניט געוואוסט. ערשט שפּעטער האָב איך זיך געפרעגט:

— איז וואָס איז דאָ די סימכע?... האַ?

———

אין טיר פון שרייבצימער האָט מען אָנגעקלאַפּט. מיך האָט מען גערופן אין עסצימער אריין. און נאָכדעם איז שוין אין שרייבצימער געווען טונקל, ווי אין אָנהייב אָוונט. דער יונגער־מאַן האָט געבעטן אַביסל וואַסער. ער האָט געהאַלטן די גלאָז באַם סאַמע ברעג. זיין האַנט האָט אונטערגעציטערט. ער האָט געקוקט זייער פאַרטראַכט אראָפּ צו זיינע פיס, ווי גלײַך ער וואָלט זוכן, צי האָט ער דאָרט ניט פאַרלוירן עפּעס פון דעם, וואָס ער האָט מיר צו דערציילן. ער האָט געזאָגט:

— אַקעגן וואָס־זשע איך האָב עס אייך אָנגעהויבן צו דערציילן?

קעדיי אייך זאָל זיין פאַרשטענדלעך ווער איך בין...

איצט וועט איר מיר גלויבן, ווייל אזא געשיכטע טראַכט מען ניט אויס פון קאָפּ. איך האָב, דאַכט זיך, גאָרניט ניט דורכגע־לאָזט, אַ?... וועגן זאָרעך פּינסקי און וועגן זיין מיידל האָב איך אייך דערציילט?... יאָ, איך האָב אייך דערציילט... דאָס איז אַלץ, אַלץ, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט ביז יענער צייט, ביז איך האָב דערפילט, אַז איך וועל „אים" האַרגענען. איר פאַרשטייט? פון צווישן אַזויפיל אידן דאַווקע איך, מיט וועמען עס האָט פּאַסירט די גאַנצע געשיכטע. טראַכט זיך איין: ווער דען, אַז ניט איך?

אין טונקלקייט פון צימער האָבן זיך געזעען די ווייסע צוויי פלעקן, וואָס אין די ווינקלען פון זיינע ליפּן,—ווייסע פלעקן, וואָס קומען פון פיל רעדן. ער האָט אַוועקגעשטעלט די גלאָז.

מיר זיינען שוין ווידער געזעסן איינער אַקעגן אַנדערן אין ווינקל פון צימער. איך האָב אים געשטעלט אַ פראַגע. האָבן די

צוויי יאָרצײַט־ליכטלעך אין זיינע אויגן אָנגעהויבן פיל מאָל זיך אויסלעשן און זיך צוריק אָנצינדן, ווי פייערלעך, מיט וועלכע מע גיט סיגנאַלן באַנאַכט אינמיטן יאַם. ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו ריידן:

———

— פאַרוואָס פרעגט איר עפּעס: ווען איך האָב באַשלאָסן „אים" צו האַרגענען? וואָס איז דען דער אונטערשייד „ווען"?... און כוצדעם, אזעלכע זאכן באַשליסט מען דען? אַז צו סאַמע ערשטן האָב איך גאָר באַשלאָסן וועגן דעם „אָרט"... איך דער־מאָן זיך. איך גיי איינמאָל ארויס פון מיין צימער אין קאָרידאָר און דערזע: ער שטייט דאָרט און רעדט אין טעלעפאָן. קענטיק, מע זאָגט אים אָן אַ שלעכטע בסורע. האַלטנדיק דאָס רעדל פון טעלעפאָן באם אויער, באַקומט ער גרויסע אויסגעגלאָצטע אויגן, דער רעציכעדיקער גיפט ברענט אין זיי שטאַרקער. ער פרעגט: „וואָ־אָס?" און דער „וואָס" איז אן אויסגעצויגענער, א דערשראָ־קענער. שטיי איך באַ דער זייט, און אין מיר טוט עמעצער ווי אַ טראכט: „אָט דאָ באם טעלעפאָן איז דאָס בעסטע „אָרט", אָט דאָ קאָן מען אים אַוועקלייגן מיט איין שאָס". איר פאַרשטייט? ניט איך אליין גיב עס א טראַכט, נאָר ווי עמעצער אַ צווייטער.

עמעס, אין איינע פון די שכיטעס, אין וועלכע בלויז „ער" איז שולדיק, איז געהארגעט געוואָרן מיין זיידע, דער אַלטיטש־קער מיטן וואַקסענעם פּאָנים און מיט די צוויי קאַלטע אייגעלעך, וואָס וואַרפן זיך געשווינד אף רעכטס און אף לינקס, ווי באַ אַ מאַלפּע. נאָר דער ראַכמאָנעס, וואָס איך האָב פון שטענדיק אָן אף מיין זיידן, איז אויך עפּעס ווי ניט מיינער, ער איז אויך ווי אַ צווייטנס... איז אָט:

— „אָט דאָ באַם טעלעפאָן",—האָב איך א טראַכט געגעבן,— „קיין בעסער „אָרט" קאָן גאָרניט זיין".

און שוין באַ אָט דעם געדאנק אליין האָב איך דערפילט, ווי איך ווער אָנגעגאָסן מיט פרייד. מיר האָט זיך דאַן פּלוצים פאַר־וואָלט, עס זאָל זיין אַ סימכע. איך בין אַוועק אין א רעסטאָראַן און האָב אָפּגעגעסן אַ מיטאָג קימאַט פארן גאַנצן ביסל געלט, וואָס איך האָב פאַרמאָגט — א מיטאָג מיט א גלאָז וויין. איך האָב

דערפילט: איך טראָג אַרום בײַ זיך אין האַרצן עפּעס אַזוינס, וואָס איך האָב פריער אין האַרצן ניט געהאַט און וואָס קיינער אַרום מיר האָט עס ניט. אַז איך בין אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן, האָב איך, ווי צום ערשטן מאָל אין לעבן, דערזעען: עס איז אַ שיינער זומער־טאָג. אין גאַס גייען אַרום זייער פיל מענטשן, ליי־בע מענטשן... מײַן געפיל צו זיי — אַזאַ, ווי בײַ איינעם, וואָס מוז אַוועקפאָרן אין זייער אַ ווייטן וועג, און אים איז שווער זיך צו שיידן מיט זײַנע אייגענע: ער האָט נאָך ניט באַוויזן אַפילו זיך אַרומנעמען מיט זיי, ווי געהעריק, זיי צודריקן צום האַרצן, ווי געהעריק. נאָר אַוועקפאָרן מוז ער. און אַזוי זײַנען זיי געוואָרן פאַר מיר אַלע, אַלע אָן אויסנאַם — ווי שאָטנס. איך האָב זיך נאָך רעכט צו זיי ניט צוגעטוליעט, און מוז זיי שוין פאַרלאָזן.

אַ גאַנצן טאָג האָב איך אַזוי אַרומגעשפּאַנט מיט דעם געפיל אין האַרצן, און נאָכדעם, אַז איך האָב זיך אומגעקערט אַהיים, איז שוין געוועזן פאַרנאַכט. אונזערע בײַדנס טירן האָבן שוין דאָרט געקוקט מאָדנע שטרייַנג איינע אויף דער אַנדערער. איך זאָג אײַך, אַזוי אָנקוקן זיך קאָנען נאָר טירן פון אַ פּאַנסיאָן, וואו „יענע זאַך" מוז געשען. טיר נומער 3 האָט געקוקט אויף טיר נומער 5 און האָט ווי צו וויסן געגעבן:

— מײַנער, וואָס וואוינט הינטער מיר, וועט האַרגענען דײַ־נעם, יענעם, וואָס וואוינט הינטער דיר.

איז אײַך אַמאָל אויסגעקומען צו זען אַזעלכע טירן? איר שלאָפט אַ גאַנצע נאַכט בײַ זיך אין צימער. איר שלאָפט, דאַכט זיך, גאַנץ פעסט, נאָר אין שלאָף געדיינקט איר זייערע נומערן — נומער 3 קוקט אויף נומער 5...

און נאָכדעם האָב איך זיך פּלוצים אויפגעכאַפּט גאַנצפרי בײַ זון־אויפגאַנג. איך האָב געגעבן אַ קוק אין קאָרידאָר און האָב דערזעען: אונזערע בײַדנס שיך זײַנען דאָרט אַרויסגעשטעלט צום פּוצן: מײַנע — לעבן מײַן טיר, און זײַנע — לעבן זײַן טיר. מײַ־נע — אָפּגעטראָטענע אידישע שטיבלעטלעך מיט פאַנאַנדערגעצוי־גענע רעזינעס, — זיי זײַנען שוין געוועזן אין פּאַלעסטינע, און זײַנע — פעסטע גאָיִשע, מיט כאָליאַווקעס, וואָס ווערן אַרונטער־געלאָזט אונטער די הויזן.

— ער איז דאָ אינדערהיים, — האָב איך אַ טראַכט געגעבן.

און מיר איז פון דעם געוואָרן היימלעך, גלייך איך בין מער ניט איינזאַם. איך האָב אַ קוק געגעבן צום „אָרט" לעבן טעלעפאָן, — דאָס בעסטע „אָרט"...

און מיר האָט זיך ווידער פארוואָלט, עס זאָל זיין ארום מיר אַ סימכע. איך האָב בא מיר אין צימער געעפנט דאָס פענצטער אין גאַס אַריין.

עס איז באַ זון־אופגאַנג.

לערע גאַסן.

איינציקע פאַרשלאָפענע און פריש־געוואַשענע פענימער.

ארבעטער גייען איינציקווייס צו דער אַרבעט.

— „פיטש, פיטש", — איז צו מיר אין צימער אריין אַ צוויטשען פון אַ פייגעלע אף אַ נאָענטן בוים, אַ צוויטשעריי, וואָס געדיינקט זיך מער פון אלע אנדערע אין לעבן; און אויך צו אָט דעם „פיטש, פיטש" האב איך געהאט דאָסזעלבע געפיל, וואָס נעכטן צו די מענטשן, באגלייך איך פאָר אוועק אין אַ ווייטן וועג, און מיר איז שווער מיט אָט דעם „פיטש, פיטש" זיך צו שיידן.

פון דעמאָלט אָן האָב איך „אים" דאָרט אין פאַנסיאָן אָנגעהויבן צו היטן.

מיר איז געווען גוט, ווען איך האָב געוואוסט, אַז „ער" געפינט זיך דאָרט אין צימער קעגניבער הינטער טיר נומער 5, און מיר האָט אָנגעהויבן צו ווערן פוסט אַלעמאָל, ווען „ער" איז ערגעץ אַוועקגעגאַנגען, און זיין צימער איז געשטאַנען ליידיק. די שאָען האָבן זיך דאן מאָדנע אויסגעצויגן, די מינוטן — אויך.

איך שפאַן ארום בא זיך אין צימער, אין קאָרידאָר און פיל:

נאָך אייניקע מינוטן, אויב ער וועט ניט קומען, וועט מיין הארץ פלאַצן...

איך מוז אייך זאָגן:

אין בוך פון פאַנסיאָן איז מיט זיין אייגענער האנט אריינגעשריבן זיין נאָמען. אונטער איך זיין נאָמען — אַ דריידל פון א מענטשן, וואָס איז מיט זיך צופרידן. ער קומט אָן פון קאָפּענהאַגען. הייסט עס, — אַ טויטע שטאָט, קאָפּענהאַגען. אידן זיינען דאָרט באַשעפטיקט יעדערער מיט זיין אייגענעם שטיקל לעבן. קיינער האָט „אים" דאָרט אפילע ניט נאָכגעשפירט.

איך קוק אפן דריידל, וואָס אונטער זיין נאָמען, און מיך פאַרדריסט זיין רואיקייט. „ער" טראַכט אפילע ניט זיך צו היטן. מיר זיינען פאר אים, ווי די וואנצן — איך, איר, אלע, וועמען ער האָט געשאָכטן.

אָפטמאָל קומען צו „אים" געסט.

עס קומט צו אים דער יונגער רוס, וועלכער האָט „אים" צום ערשטן מאָל אין פּאַנסיאָן געבראכט. עס קומט נאָך איינער, אן עלטערער, מיט אַ באָרד, און נאָך איינע, אַ יונגע פרוי אין שווארצן.

פון קעגניבער זיין טיר הערט זיך דעמאָלט:

ער הירזשעט מיט אַ פריילעכן און זאַפטיקן געלעכטער.

און נאָכדעם, שפּעט באַנאכט, אז איך שלאָף ניט, ווילט זיך מיר שטאַרק ארויסגיין אין קאָרידאָר אריין מיט אַ מעסער און עפּעס טון... מאַכן כאָטש אַ לאָך אין זיינע ארויסגעשטעלטע שטיוול. גלאט אַזוי. זאָל ער וויסן, אז עמעצער „דרייט זיך" ארום אים, זאָל ניט פארדריסן, וואָס ער איז רואיק...

איך טו עס ניט — בלויז ווייל איך קען מיט דעם אומבריינגען די גאַנצע זאך, און ווייל אונז ביידן היט שוין אָפּ דאָס „אָרט", דאָרט אין קאָרידאָר באם טעלעפאָן — דאָס „אָרט" איז שוין אַף אונז ביידן באַלעבאָס.

צום טעלעפאָן גייט ער ארויס עטלעכע מאָל אין טאָג, און איך וויים שוין באשטימט:

— פאָרקומען וועט דאָרט די „זאַך" פארנאכט, יעדנפאַלס ניט פריער, ווי נאָך האלבן טאָג.

כאָטש אויך וועגן דעם האָב איך פריער ניט געטראַכט. עס איז געקומען באשטימט, ווי פון זיך, ווי גלייך עמעצער האָט מיר געלאָזט אַן ארבעט און האָט מיר אָנגעוואָגט:

— „אויספירן זאָלסטו עס דעמאָלט און דעמאָלט, דאָרט און דאָרט".

און טאַקע דערפאר האָב איך זיך פאר קיין זאך ניט געוואָרגט, ווי גלייך עמעצער האָט מיר פון פריער אלץ אָנגעגרייט. איך דארף נאָר נעמען און אויספילן. און ערשט נאָכדעם האָב איך זיך איינמאָל באַנאַכט דערמאָנט:

— איך האָב ניט מיט וואָס די „זאַך" צו טון.

איר פארשטייט, צי ניין? אַ מעסער טויג ניט. מיט אַ מע־סער קאָן מען אָפט נאָר אַ קראַץ געבן. זיכער איז — אַ רעוואָל־ווער. איך בין אַ געוועזענער סאָלדאַט. איך האָב קויעך און קאָן שיסן, נאָר איך בין אין אָט דער קעסלדיקער שטאָט אַ פרעמ־דער, איך האָב ניט באַ וועמען אַ רעוואָלווער צו קריגן. און כּוץ־דעם האָב איך שוין זייער ווינציק געלט, בלויז אַף עטלעכע טעג צום לעבן. דאָס געלט וועט ניט קלעקן. נאָר אפילו ווען איך האָב יאָ געלט, איז וואוהין גיין קויפן? אין אַ געווער־געשעפט? עס טויג ניט. אַף אַזעלכע פאַרשוינען מיט אזא אויסזען, ווי איך — קוקט זיך איין אין מיר — אַף אזעלכע דערקענט מען באלד, אז ער קויפט דעם רעוואָלווער פאַר די לעצטע גראָשנס און אז עפּעס וויל ער מיט אים טון. זאָל זיין, אַז אין די געשעפטן פארקויפט מען געווער פריי, אָן אַ דערלויבעניש, איך גלויב עס ניט. נאָר אין אַזאַ סאָרט קעסלדיקער שטאָט הערט די פּאָליציי געוויס קיינמאָל ניט אויף צו זוכן פאַרשיידענע כעוורעלייט, וואָס גרייטן זיך עפּעס אָפּטון און, אויב מע זוכט זיי ערגעץ, איז אַ געשעפט פון געווער טאָמיד דערויף אַ פּלאַץ. טאָמער שטעלט מען מיך דאָרט אָפּ. מע וועט באַ מיר גאָרניט געפינען, נאָר אַ טאַראַראַם וועט ווערן. מיינע פאפירן זיינען פאר דער היגער פּאָליציי ניט גאָר אין אָרדענונג.

מע קען נאָכדעם קומען אין פּאַנסיאָן זיך אַף מיר נאָכ־פרעגן.

„יענער" קאָן זיך דערוויסן און פארשווינדן.

איך קאָן מיט דעם אומברייינגען די גאַנצע „זאַך".

ס׳אַראַ שלימאזל איך בין!

איך מוז געפינען אַן אויסגאַנג און עפּעס טון, נאָר טראכטן איז מיר שוין שווער. איר פארשטייט? טראַכטן האָב איך גע־טראכט פריער, איידער איך האָב זיך אָנגעהויבן צו גרייטן די „זאַך" צו טון. איצט בין איך ווי אַ שיקער, וואָס שטריינגט אָן אלע מיטלען, אז אַף אים זאָל מען ניט דערקענען, אז ער איז אַ שיקער. אַזאַ מענטשן דאכט זיך אויס, אז פון יעדער באוועגונג, וואָס ער מאַכט, קאָנען די ארומיקע דערקענען אלץ, אלץ...

איז וואָס וואָלט איר געטון אַף מיין אָרט?

אָט שטעלט אייך פאָר — איר זייט אַ ניכטערער...

איר וואָלט זיך געוויס געוווּנדערט צו עמעצן נאָך הילף. דאַרפט איר אָבער וויסן: קיין אייגענע האָב איך ניט דאָ אין שטאָט, קיין נאָענטע — אויך ניט.

פון מיין געבורט־שטאָט געפינען זיך דאָ אייניקע מענטשן, נאָר איך באַגעגן זיך מיט זיי קיינמאָל ניט. איך ווייס אפילע ניט, וואו זיי וואוינען.

פאַראַן דאָ פון מיין שטאָט איינער אַ באָכער בערעלע זשום,— אַזוי האָט מען אים גערופן בא אונז אינדערהיים, כאָטש אין עמעסן הייסט ער גאָר באָריס בלום. אַזוי האָט מען אים גערופן, ווייל ער האָט פון טאָמיד אָן געזשומעט בא די ציאָניסטן און האָט געשריבן אין זייערע רוסישע צייטונגען. ער איז אַ פּייאַר־קער, קען שפּראַכן, ווערט גלייך אַ מעכותן מיט ווילד־פרעמדע מענטשן, אַפילע מיט קריסטן.

ער האָט דאָ אין אויסלאַנד זיך שוין צוגעשאַרט צו אַ פּאָר דייטשישע צייטונגען און שרייבט אין זיי, יאָגט זיך אַרום מיט אַ פּאָרטפעל אונטערן אָרעם.

פאַראַן דאָ פון מיין שטאָט אויך זאָרעך פּינסקי מיט זיין יונגער מיידל, וועגן וועלכער איך האָב אייך שוין געזאָגט. זי איז געווען די שענסטע בא אונז אין שטאָט און מיט איר האָט זיך אין איי־נעם אַ פּאָגראָם געטראָפן יענע „באַוואוסטע זאַך”... אַזוי האָט מען געזאָגט, כאָטש פון די פּינסקיס אַליין האָט דאָס קיינער ניט געהערט.

— בא די פּינסקיס, האָט מען געזאָגט, גייט זיך פונאַנדער יעדער געשווילעכטס, די פּינסקיס ווישן אָפּ די ליפּן.

מיר האָט מען געזאָגט, זיי זיינען אַרויס גאַנץ. בעריעס... אַפילע אין צייטן פון פּאָגראָמען...

די פּינסקיס געפינען זיך דאָ אין אויסלאַנד — דאָס האָב איך געוואוסט נאָך איידער איך בין אַוועק פון פּאַלעסטינע. נאָר צו זיי זיך ווענדן — דאָס וויל איך ניט. איך וויל אַפילע ניט זיי זאָלן וויסן, אַז איך געפין זיך דאָ. איר פאַרשטייט? דאָס גייט מיך אָן מער ווי אַלץ. עס איז מיינע אַ סאָד־זאַך.

איך גיי אַלע טאָג אַוועק אין גרויסן שטאָט־גאָרטן. איך זיץ אַף אַ באַנק. איך טראַכט וועגן אַן אייצע.

און אין דער צייט, ווען איך זיץ אַזוי און טראַכט, בין איך צופרידן, וואָס די פּינסקיס וויסן וועגן דעם גאָרניט. זיי וועלן

זיך דערוויסן שפעטער, נאָך דעם, ווי איך וועל די זאַך אָפּטון. זיי וועלן פון דעם געוואָרע ווערן פאַרנאַכט פון די אָוונט־צייטונגען. עס וועט דאַן זיין וואָלקנדיק. עס וועט דאַן גיין אַ רעגן. צי עפשער וועט דאַן זיין אַ לויטערער הימל, עס וועט זיך זעצן די זון. אַלצאיינס: סיוויסיי זעט מיר אויס מאָדנע, יעדער רעגע פון מיין לעבן, וואָס וועט קומען שפּעטער, נאָך דעם, ווי איך וועל די „זאַך" אָפּטון. אַלע מענטשן, סיי פרעמדע, סיי יענע, וואָס שטאַמען פון מיין שטאָט, דאַכטן זיך מיר אַלצאיינס נאָענט און אַלציינס ווייט. אַלע זיינען זיי פאַר מיר אויסגעמישט מיט די פאַרנאַכטיקע קלאַנגען פון א ווייטן קלויסטער, וואָס דערגרייכן צו מיר אין גרויסן שטאָט-גאָרטן נאָך דעם, ווי איך זיץ דאָרט אָפּ איינער אַליין אף א באנק א לאַנגן, לאַנגן טאָג און געדיינק אָן אופהער, אז איך גיי טון אָט די „זאַך".

וואָס איז דען דענסטמאָל פאר מיר אָט דער גאַנצער אויסלענדישער קעסל אייערער מיט זיינע טאַראַראַמען און מיט אלע לויפנדיקע, וואס פילן אים אָן? וואָס זיינען זיי דען פאר מיר, אויב אַפילע צווישן זיי געפינט זיך דעמאָלט זי — פינסקיס מיידל — איינע פון די יעניקע, איבער וועלכע איך גיי טון דידאָזיקע „זאַך"?

— האַלט איך באַ יענע טעג, ווען איך פלעג זיצן אין שטאָט־גאָרטן.

איך קען אייך ניט זאָגן, ווי לאַנג עס האָט זיך געצויגן. מעגלעך — א גאנצע וואָך און מער, מעגלעך — נאָר דריי צי פינף טעג. אַז קיין וואָכן צייל איך שוין ניט, קיין טעג — אויך ניט. איך האָב אופגעהערט...

נאָר איינמאָל, ווען איך בין דאָרט אַזוי ניט ווייט פון א באַלעבטער אַלייע געזעסן, איז פאַרבייגעגאַנגען בערעלע זשום, אָדער, ווי זיין ריכטיקער נאָמען איז — באָריס בלום. דורכגעגאַנגען, ווייסט איר, געשווינד מיטן פאָרטפעלכל אונטערן האַנט, מיט אַ פאַרשוויצט טשובעקל פון א מענטשן, וואס האט יעדן טאָג צו לויפן איבער אָט דער גרויסער קעסלדיקער שטאָט אין פיל ערטער. ער האָט זיך א דריי געגעבן צו מיר מיט זיין טונקלען אָפּגעברענטן פּנים און מיטן ווייסן טיכלעלע, וואס שטעקט אין זיין אויבערשטן טאַש, גרייט אָפּצווישן דעם נאַסן שטערן; ער האָט

מיך דערזעען מיט די צעטראָגענע אויגן, זיך באַגריסט און גלייך אַוועקגעזעצט זיך לעבן מיר, גלייך אָנגעהויבן צו וואונדערן:

— שוין לאַנג אין בערלין?

— ניין, — האָב איך געזאָגט, — ניט זייער לאַנג.

— און איך האָב געהערט: איר זייט אין פּאַלעסטינע.

— איך בין געקומען אַהער פון פּאַלעסטינע.

— איר זייט דאָ אױף א שטעלע?

— ניין, — האָב איך געזאָגט. — איך בין דאָ ניט אױף קיין שטעלע.

איך קען ניט געדיינקען אַלץ, וועגן וואס מיר האָבן גערעדט.

איך האָב באמערקט: ער קוקט מיך ארום צעטראָגענערהייט.

מיינע קליידער באקוקט ער און מיין גאַנצן אויסזען.

מיר איז דאָס געווען ניט אַנגענעם.

און עפּשער דערפאַר טאַקע, וואָס מיר איז געווען ניט איינ־גענעם, האָב איך אים אָנגעהויבן דערציילן אַלץ, וואָס איך האָב ביז אַהער דערציילט אייך, נאָך פיל קירצער. ער געדיינקט מיך גוט פון דער היים. ער האָט געקענט מיין זיידן און קען מיר גלויבן אַפן וואָרט.

איך האָב אים געזאָגט: איצט הייגגט די גאַנצע „זאַך" אָפּ בלויז פון אים, און אונזער באַגעגעניש טאָר דעריבער ניט בלייבן קיין צופעליקייט, ווארום די „זאַך", וואָס איך גיי טון, איז ניט נאָר מיין זאַך. טאַקע ווייל איך האָב ניט קיין אַנדערן צו ווענדן זיך ווענדן, מוז ער אליין פאר מיר שאפן אלץ, וואָס צו דער „זאַך" איז נייטיק. און כוצדעם — ער דרייט זיך שטענדיק צווישן די אידישע געזעלשאפטן. ער טראָגט זיך ארום מיט די געזעל־שאַפטן און די געזעלשאַפטן טראָגן זיך אַרום מיט אים. ער איז דעריבער פאַראַנטוואָרטלעך פיל מער איידער א ספעקוליאַנט, אָדער אַ פּאָשעטער איד פון גאַס. צו ווענען דען זאָל איך זיך ווענדן, אויב ניט צו אים?

איך האָב געזעען:

כאָטש ער איז שטארק באַשעפטיקט און כאָטש ער איז אַ צעטראָגענער, הערט ער מיך פונדעסטוועגן אויס, און ניט קאַלט — מיט מיטגעפיל אין די גרויסע צעטראָגענע אויגן.

— הערט א מאַיסע! — האָט ער געזאָגט, — עס איז דאָך טאַ־קע... באַ אונז אין פּאַלעסטינע, אַז אַן אַראַבער האַרגעט אַ אידן,

געפינט מען אין אַ פּאָר שאָ אַרום אַ געהאַרגעטן אַראַבער, און דאָ, צווישן אַזויפיל אידן, דרייען זיך ארום פראַנק און פריי אָן אַ צאָל פּאַגראָמשטשיקעס, און עס געפינט זיך ניט קיינער, ווער עס זאָל אַוועקלייגן כאָטש איינעם פון זיי. אַ מאָדנע פאָלק! אַ? אַ מאָדנע פאָלק!

און ער האָט צעטראָגענערהייט ווידער גענומען מיך אַרומ־קוקן, געקוקט אַף מיין פּאָנים, אף מיין אויסזען, אַפילע אַף די שיך און הוט, וואָס איך טראָג.

— הערט א מאַיסע! — האָט ער געזאָגט, — הערט א מאַיסע! אַוואַדע טויג ניט צו אַזא „זאַך" קיין מעסער. מיט א מעסער האָט אמאָל א אידישער סטודענט ניט מער ווי א קראַץ געגעבן אַ אידישן צוירער. געוויס מוזט איר דערצו האָבן א רעוואָלווער. שאַט... איר זייט דאָך געווען אַף דער מילכאָמע... איר קאָנט דאָך שיסן... וואַרט נאָר... וואַרט נאָר...

און ער האָט זיך א כאַפּ געגעבן אונטערן מויל און האָט זיך פאַרטראַכט.

— גוט, — האָט ער זיך פּלוצים אופגעכאַפּט פון דער באַנק און האָט מיר אויסגעשטרעקט די האַנט, — איך וועל עס שוין באַזאָרגן. איך שאַף עס אייך. אָבער וואַרט נאָר. וואַרט, ווען?.. מאָרגן. גיט מיר אייער אדרעס... איר וועט מאָרגן אינדערפרי באַקומען פון מיר א צעטעלע... אַ?... ניין, מיר וועלן זיך בעסער ערגעץ באַגעגענען.. וואו?... דאָס בעסטע איז טאַקע אָט דאָ אין גאָרטן, באַ אָט דער־אָ באַנק. איז, הייסט עס, מאָרגן אין דער צייט, פּונקט דריי אַזייגער באַטאָג...

ער איז אַוועק געשווינד מיט זיין פּאָרטפעלכל אונטער דער האַנט. איך האָב געזעען: ער גייט אָפּ א ווייל און קוקט זיך אף מיר אום, ער גייט ווידער אָפּ אַ ווייל און קוקט זיך ווידער צו מיר אום. אָט אַזוי איז דאָס געווען...

אף מאָרגן פּונקט דריי אַזייגער באַטאָג, צו דער מינוט, בין איך שוין געזעסן אין גאָרטן פּונקט אף יענער באַנק. איך האָב דאָרט אָפּגעוואַרט אף אים זייער לאַנג, איך בין שוין גלאַט אַזוי געזעסן און האָב געוואַרט. איך בין שוין געווען זיכער:

— ער וועט ניט קומען.

און בין נאָך אַלץ געזעסן.

נאָר אַרום פינף אַזייגער האָט ער זיך פּלוצים דאָך באַוויזן אַף דער אַלייע. ער איז צו מיין באַנק ניט צוגעגאַנגען.

— קומט, —האָט ער פאַרבייגייענדיק אַ וואונק געטון צו מיר מיט די אויגן, — גייט מיר נאָך.

און מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזן:

ער — פריער, און איך מיט עטלעכע קלאַפטער הינטער אים, ווי גלייך מיר קאָנען זיך ניט.

ער איז אַריין אין אַ טראַמוואַי, בין איך אויך אַריין, און אַלץ ווי אַ פרעמדער.

ער איז געזעסן אין איין עק, און איך — אינם צווייטן.

מיר זיינען אזוי געפאָרן זייער לאַנג, און עפשער האָט זיך עס מיר נאָר אויסגעוויזן לאנג, ווייל איך בין געווען אומגעדולדיק.

איך האָב געטראַכט:

וואוהין פירט ער מיך?

מיר זיינען שוין געווען אין צענטר צווישן געדיכטע גאַסן.

מיר זיינען געפאָרן ווייטער — ווידער געדיכטע גאַסן.

מיר האָבן אויסגעשטייגט, ער—פריער, איך—נאָך אים. ווידער אַ פרעמדע גאַס, אַ שמאָל געסל און נאָכאמאָל א גאַס. מיר האָבן זיך אַריינגעשלייכט אין א הויף, זיך אופגעהויבן אַף טרעפּ. מיר זיינען אַריין אין אַ טיר — אַ קליינער טונקעלער און שטויביקער קאָרידאָר.

איך האָב באלד באַמערקט:

עס איז ניט קיין וואוינונג, עס זעט אויס, ווי א מין האַנדלס-ביוראָ, וואו מע אַרבעט ניט שפּעטער ווי ביז אזייגער דריי באַ-טאָג, און נאָכדעם לאָזט מען זי פאַרשלאָסן און פּוסט.

אין צווייטן צי אין דריטן צימערל נאָכן קאָרידאָר זיינען אַרום א טיש געזעסן א מענטשן פינף, און אין זייער זיצן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן זיך דאָ פאַרזאמלט ספּעציעל צוליב דער „זאַך“, וואָס איך גיי טון. איך האָב פאַרשטאנען, אַז זיי זיינען געזעלשאַפטלעכע טוער און אַז בערעלע זשום האָט זיי אַהער גערופן, ווייל ער וויל ניט נעמען דאָס אַכראַיעס אַף זיך אַליין. אַלע זיינען זיי געווען שוין ניט קיין יונגעלייט, איינער— מיט גרויע האָר, אַ צווייטער — אַ וואוקסיקער, אַ פעטלעכער, מיט אַ פליך אַפן גאַנצן קאָפּ, מיט אַ שטריינגן בליק אין די אויסגע-

קוליעטע שאַרפּע אויגן, מיט א שאַרף־אַרויסגערוקטן אונטער־מויל און מיט אַן אויסזען פון א מענטשן, וואָס בלאָזט שטענדיק די באַקן. מאָלט אייך: איך בין געווען געגוג צעטראָגן, נאָר מיר איז פּלוצים אַרוף אַ געדאַנק, אַז אינדערהיים קריגט ער זיך מיטן ווייב, אָט דער, וואָס מיטן פּליך אַפן קאָפּ, איך ווייס אליין ניט פאַרוואָס, נאָר מיר איז דענסטמאָל אַרוף אַזאַ געדאנק. ער האָט אָן אופהער געקוקט אַף מיר.

און קיינער האָט מיר גאָרניט ניט געזאָגט.

אַ ווײַלע זיינען מיר אַזוי געזעסן אַרום טיש און האָבן גע־שוויגן. איך האָב געוואַרט:

אָט־אָט וועט מען מיט מיר אָנהייבן ריידן.

נאָר אַפן אָרט פון צו ריידן מיט מיר, האָבן זיי אָנגעהויבן אָפּצורופן איינער דעם צווייטן אַף סוידעס אין נאָענטן צימער אַריין. פון אָנהייב האָבן זיי זיך געסוידעט דאָרט פּאָרלעכווייס, און נאָכדעם צו דריי און צו פיר, און אַלע צוזאַמען מיט בערעלע זשום. זיי האָבן זיך אַלע ווײַלע אומגעקערט און אלע רעגע ווידער גערופן איינער דעם צווייטן אַף א סאָד...

איך האָב באַמערקט:

זיי ווערן מיר עפּעס ווייניקער, זיי גייען איינציקווייס אַוועק.

איך האָב געהערט:

זיי גייען איינציקווייס ארויס אין קאָרידאָר און לויפן דאָרט זייער געשווינד אַראָפּ פון די טרעפּ.

נאָר פאַרוואָס איז דאַווקע איינער פון די ערשטע פאַרשווינדן בערעלע זשום? — דאָס האָב איך פאַרשטיין ניט געקאָנט...

און אַז אלע זיינען שוין אַוועק, איז מיט מיר אין צימער געבליבן נאָר דער וואוקסיקער, דער פעטלעכער, וואָס מיטן פּליך אפן גאַנצן קאָפּ און מיט די שטריינגע אויסגעקוליעטע אויגן.

איך האָב באַמערקט:

ער רוקט זיך צו מיר אַלץ נעענטער און נעענטער, ער קוקט מיר אַריין מיט זיינע שאַרפּע אויגן גלייך אין פּאָנים און אַלץ אַזוי שטריינג, אַז איך פיל שוין זיין אויסגעקוליעטן בליק בײַ זיך אין די אויגן, בײַ זיך אין האַרצן, נאָר ער רוקט זיך נאָך אַלץ נעענטער און נעענטער צו מיר. און אַז ער רירט זיך שוין אָן אָן מיר מיט זיין ברוסט, טוט ער פּלוצים צו מיר אַ זאָג:

— הערט, — זאָגט ער צו מיר, — איך בין אַ דאָקטער... א פסי־כיאַטאָר...

ער קוקט מיר נאָך שטרייַנגער אַריין אין די אויגן און גיט צו מיט מער אַזעס:

— אַ דאָקטער... בין איך, א פסיכאַטאָר...

וואָס האָב איך אים געהאט צו ענטפערן?... איך האָב זיך אָפּגערוקט פון אים מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, כאָטש ער האָט נאָך אַלץ צו מיר גערעדט.

דערנאָך האָט מיך עפּעס ווי אַ שטויס געגעבן צו אים, און ניט אַזוי מיך אַליין האָט צו אים אַ שטויס געגעבן, ווי מיין האַנט... אָט־אָ די... איר זעט אַ האַנט? — מיט מוסקולן... זי איז געווען אין דער מילכאָמע... און ערשט שפּעטער, אַז איך בין שוין ווידער געווען איינער אליין אין גאַס, האָב איך דערפילט, אַז עס האָט מיר גאָרניט ניט געהאָלפן, — איך מיין אָט דאָס, וואָס איך האָב אים דאָרט מיט אַזאַ קאָס געגעבן אין באַק... ווייל סייווי־סיי, אויב זיי מיינען, אַז איך בין גערירט פון זינען, וועלן זיי איבערן פּאַטש נאָך מער מיינען... און כוצדעם... אַז מיין ווייטיק וועט דערפון ניט קלענער.

בערעלע זשום האָט אָנגעפּלאָנטערט אָט וואָס:

עטלעכע געזונטע בייכיקע אידן האָבן זיך צונויפגעקליבן — צו־ליב וואָס? פון נייגעריקייט וועגן? קעדיי צו געבן אַף מיר אַ קוק? צווישן זיי איז געווען בערעלע זשום, וועלכער האָט מיר ערשט נעכטן געזאָגט:

— „הערט א מאַיסע!.. עס איז דאָך טאַקע... בא אונז אין פּאַ־לעסטינע, אַז אַן אַראַבער האַרגעט א אידן, האַרגעט מען באַלד אַן אַראבער, עס מעג זיין אַ ווילד פרעמדער".

פארוואָס־זשע מוז איך זיין גערירט, אויב איך וויל הארגענען אַ פּאָגראָמשטשיק, וועלכער איז שולדיק אין אַזוי פיל בלוט?

גייענדיק אַזוי איינער אַליין, האָב איך זיך אָקאָרשט אָנגעהויבן פאַנאַנדערצוקלייבן אין די ווערטער, וואָס דער וואוקסיקער מיטן פליך אפן קאָפּ האָט מיר געזאָגט, ווען ער איז צו מיר צוגעגאַנגען זייער נאָענט.

עפּעס האָט ער צו מיר גערעדט וועגן אַ סאַנאַטאָריע, וואו איך וואָלט געקענט „אָפּרוען" אייניקע וואָכן... וועגן פארמעגלעכע

לייט פון מיין שטאָט, וואָס געפינען זיך איצט דאָ און האָבן אַרויסגעזאָגט דעם וואונטש פאַר מיר אין סאנאטאָריע צו באַצאָלן...

איז ווער זיינען אָט די פארמעגלעכע לייט פון מיין שטאָט, אויב ניט זאָרעך פינסקי מיט זיין פאמיליע?... הייסט עס, אַז בעדעלע זשום האָט שוין אויך צו זיי די זאַך אָפּגעטראָגן, אויך זיי רעכענען מיך שוין פאַר אַזעלכן... און מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַ צאַר, ווי נאָך קיינמאָל ניט.

מיר האָט ווי געטון אַלץ, וואָס אַרום מיר, אַלץ, וואָס מיינע אויגן האָבן מיטן וועג געזען: די שטאָט, די גאַס, די אווטאָמאָבילן, דער אַרומיקער גערויש און איבערהויפּט די שאָ וואָס האָט מיר ווי געטון... די פארנאכטיקע זיבנאַזייגערדיקע שאָ. אין דערדאָזיקער שאָ שטייט „ער" דאָרט אלע טאָג אין קאָרידאָר באַם טעלעפאָן...

איך בין דאָך די גאַנצע פריערדיקע נאַכט אַרומגעגאנגען בא זיך אין צימער און בין געוועזן זיכער, אַז פונקט היינט, אין דערדאָזיקער שאָ, וועל איך דאָרט באַם טעלעפאָן מאַכן אַן ענדע...

וואָס איז מיר געבליבן צו טון?

און איך האָב נאָך שטאַרקער דערפילט, ווי איך מוז די „זאַך" אָפּטון, און מע זאָל וועגן דעם לייענען אין די אָוונט־צייטונגען. זאָלן וועגן דעם לייענען זיי אַלע, די פינף געזעלשאַפטלעכע באַכורים, בערעלע זשום, און בא פינסקין אינדערהיים — זאָל וועגן דעם לייענען זי... איינע פון יעניקע, פאר וועמען איך גיי טון די גאַנצע „זאַך"...

איך האָב מיר אָנגעהויבן איבערלייגן: צי איז ניט פאראן דאָ קיין אידישע געזעלשאַפט, אַזעלכע, וואָס וואָלט מיר געהאָלפן. איך האָב אַ טראַכט געגעבן: איז פאָרט, כאָטש עמעצער—עפּשער שרייבער?

שרייבער, האָב איך געטראַכט, זיינען ווי דער געוויסן פון פאָלק, זיי זיינען זיינע נערוון, זיי שטעלן פאָר זייער פאָלק פאר דער וועלט. פון די ווערק פון שרייבער וויל מען נאָכדעם וויסן, ווי אַזוי האָט אין זייערע צייטן געלעבט זייער פאָלק.

און אָט בין איך געקומען צו אייך. איך האָב אייך אַלץ אויסדערציילט. איר דארפט וויסן — מאָרגן, איבערמאָרגן קאָן „ער" זיך פּלוצים אופהייבן און פארשווינדן פון פאַנסיאָן. און וויבאלד איך

האָב אייך אַלץ אויסדערציילט, זיינט איר שוין פאראנטוואָרטלעך צוגלייך מיט מיר און נאָך מער פון מיר, ווייל איר זייט אַ שרייבער... איך זיץ מיט אייך דאָ, אין טונקלען צימער, איך האָב שוין אייך לאַנג געוואָלט זאָגן: מאַכט, איך בעט אייך, באַ אייך אין צימער ליכט. איך וויל אייך טאקע זען אין פּאָנים...

---

ווי אין אַן אינעווייניקסטן טשאַד בין איך אופגעשטאַנען ליכט מאַכן. איך האָב עס געטון מיט אזא צושטאַנד, גלייך דעם יונגנמאַנס לעצטע ווערטער זיינען ניט מער, ווי אַ וויץ, ווי די ווערטער פון אַ „טשודאַק", וואָס האָט דיר מאָדנע איינפאַלן. אָבער איך האָב אין אָט דעם געפיל פארגעסן, ווי נאָר איך האָב געמאַכט ליכט און האָב דערזעען דעם יונגנמאַנס פּאָנים.

זיין לינקע קרומע באַק האָט ווי געברענט מיט אַ טונקלען אייזערנעם פייער. זיין רעכטע באַק איז געווען פארשלאָפן ביזן אויג און האָט מער ווי ניט געשפּילט קיין שום ראָל, זי האָט מער ווי ניט געלעבט, די לינקע ברענענדיקע באַק האָט געוועלטיקט מיט איר גאַנצער קרומקייט. און דער יונגערמאַן אַליין האָט שוין מער ניט גערעדט איינפאַך. עס איז אויסגעקומען, ווי ער קריגט זיך מיט מיר, ער פאָדערט פון מיר דאָס, וואָס אים קומט. און די זאַך, וואָס ער פאָדערט, איז אַ קלייניקייט:

— אַ רעוואָלווער.

קוקנדיק אָף מיר מיטן פייער, וואָס אין זיין לינקן פארשלאָפענעם אויג, האָט ער געטאַינעט, קימאַט געשריגן.

און איך האָב געקוקט אין די פייערן, וואָס אין זיינע אויגן.

דער יונגערמאַן אַליין האָט זיך געבעטן:

— פאָלגט מיך, אויב איר ווילט מיר אָפזאָגן, טאָ זאָגט מיר ניט אָפּ באַלד. טוט פריער אַ טראַכט. איך גיב אייך צייט די גאַנצע נאַכט. אויב איר וועט באַשליסן, אַז יאָ, וועט איר מיר דעם רעוואָלווער צושיקן. איך לאָז אייך מיין אדרעס. איך וועל וואַרטן.

---

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך פון דעם יונגנמאַן מיט דער קרומער באַק באקומען דורך פּאָסט אַ צעטעלע:

„איך האָב געפונען אַן אויסגאַנג. אונטערן שפּיגל, וואָס הייגנט בא מיר אין צימער נומ. 3, אין פּאַנסיאָן, איז פאַראַן אַ האַקן. דער שטריק, אַף וועלכן דער שפּיגל הייגנט, וועט מיר קלעקן... איך האָב פאַרשטאַנען די גאַנצע זאַך: איך בין אַן עמיגראַנט... צווישן עמיגראַנטן... איך וויל עס מער ניט...

---

# א זעלטענער סאָף

# I

ראַטעווען וועט מיך דאָס נייע צימער, וואָס איך האָב דורך דעם „זשיל־אָטדיעל" באַקומען אין אָט דער וואוינונג. איך פיל עס מיט אַלע איבֿורים:

— אָט דאָ וועל איך אָנשרייבן מיין ערשטע פעסטע, יאָדער־דיקע, זאַפטיקע זאַך.

שטאָף? — די אַרומיקע טשיקאַווע וואוינונג.

איך בין אופגערעגט און אין מיר טאַנצט גאַנצע טעג עפּעס אַ שעד צי אַ מאַלעך — איין קליינינקייט:

— איך ווער אויס אָנפאַנגער און באַקום אַ נאָמען.

איך האָב עס דערפילט נאָך אינם ערשטן טאָג, ווען איך האָב זיך אין דער נייער וואוינונג איבערגעקליבן. איך האָב דאָרט נייגעריק אויסגעקוקט אַלע ווינקעלעך. איך האָב אין זיך אריינגע־צויגן דעם גערוך פון עפּעס א מין באַזונדער סאָרט פּאַרפיומיר־טער פּרוי (דער גערוך הייגגט דאָ אין אלע קאָרידאָרלעך אין דער לופט), איך האָב באלד אָנגעהויבן צו זוכן, פונוואַנען די רייַ־כעס גייען — איך האב געכאַפּט א קוק צו מיינע שכיינים פון רעכטס און פון לינקס. איך האָב באַוואונדערט דעם אויצער, וואָס איז אויסגעפאַלן אפן כיילעק פון מיר, דעם אָנפאַנגער. ליבע קאָ־לעגן, טייערע יאַטן, וואָס איר זייט! קיין איין שרייבער פאַלט ניט אַראָפּ פונם הימל. גאַנץ פּאָשעט: צום אלעם ערשטן דאַרף מען אָנטאַפּן א גוט שטיקל שטאָף. מ׳דאַרף זיך באַגעגענען אויג אף אויג מיטן לעבן, אָט ווי איך אין אָט דער וואוינונג.

דער ערשטער, מיט וועמען איך האָב זיך דאָ באַקאַנט:

עלי קריסמאַן.

אַ מעטראַנפּאַזש אין א דרוקעריי.

ער זאָגט אף זיך, אז ער איז א קאָמוניסט, נאָר איך גלויב אים ניט. ווען עס זאָל זיין געווענדט אין מיר, וואָלט איך אים

געמאַכט עפּשער פאַר אַ קאַנדידאַט און עפּשער פאַר קיין קאַנדי־דאַט אויך ניט. יעדנפאַלס, רעדט ער מיר עפּעס וועגן קאָמוניזם, ווי וועגן אַ געוויינהייט, וואָס ער וואָלט האָבן אין זיך אריינגע־זויגן נאָך אַמאָל צוזאַמען מיט דער מילך פון זיין מוטערס ברוסט — עס איז שוין בא אים, ווי א ביי־זאַך. בא אים אין צימער אף דער וואַנט הייגנט א קילימל. אַפן קילימל: אַ רויטער יאַפּאָנישער פּאָכער; אַרום דעם פּאָכער — צוויי מאַנדאַלינעס מיט א גיטאַרע, און אַליין איז שוין גאָר בא אים דער איקער, וואָס ער האָט ליב ציכטיקייט — אינם טאָג, ווען ער ארבעט ניט, פּוצט ער אף העפּ־קער די שיך — ער האַלט אין איין פּוצן די שיך.

די ווערטער, מיט וועלכע איך וועל וועגן אים אָנהייבן שרייבן, וועלן געוויס זיין:

— א מענטש, וואָס לויט זיינע אלע באַוועגונגען זעט ער אויס א כאַסענע־געהאַטער, נאָר קיין ווייב האָט ער ניט.

דער צווייטער קווארטיראַנט (מיין שאָכן אין דעם צימער פון דער רעכטער האַנט):

זייער א פליישיקער און בלאסער באָכער — ניט גאָר קיין הויכער. זיין פּאָנים: געלבלעך און הייוונדיק, ווי א פאַרקנאָטענע מאַזלדיק־אופגעגאַנגענע כאַלע, א פּאָנים, ווי א לאָקשנטאָפּ. אַפן פּאָנים קאָן מען זאָגן:

— ס'איז אַלט ניט מער, ווי א יאָר ניינצן.

מ'קאָן אָבער אף דעם אויך זאָגן:

— ס'איז שוין אלט א יאָר צוויי — דריי און דרייסיק.

זיין נאָמען:

— יוינע מאשקילייסין — אַ צערעפּעטער נאָמען, פּונקט ווי זיין פּאָנים.

דער באָכער איז מיר פאַרדעכטיק ביז גאָר. ער טרעט זעלטן אַרויס פון זיין צימער. פון קעגניבער דער וואַנט, וואָס טיילט אונז אָפּ, הער איך אָפט, ווי ער רוקט ארויס פון אונטערן בעט עפּעס זייער א שווערע זאַך, ווי א שווערן אוצער. ער פאָרעט זיך מיט איר. ער נעמט עפּעס ארויס און לייגט צוריק אריין. ער שפּאַנט דאָרט ארום זייער שטיל און פּאַמעלעך הין און צוריק. עס איז געגוג, איך זאָל דא בא מיר אין צימער געבן א הוסט אָדער א טופּע מיטן פוס, אז דער מאשקילייסנדיקער באָכער זאָל

זיך פון יענער זייט וואנט דערשרעקן, אַרונטערוקן געשווינד די שווערע זאַך צוריק אונטערן בעט און בלייבן אַף א ווילע זייער שטיל, ווי אָן אָטעם און אָן באַוועגונגען. דערנאָך האָב איך זיך מיט אים איינמאָל באגעגנט אין קאָרידאָר. איך האָב אים געפרעגט, פונוואנען איז ער, האט ער זיך פארשעמט. עס האָט געדויערט, ביז ער האָט מיר געענטפערט. ער האט פריער א שמייכל געטון, דערנאך האָט ער געזאָגט:

— פונוואנען זאָל איך זיין?.. איך בין, איך בעט איבער אייער קאָוועד... א פרילוקער.

איך האב ניט פארשטאנען, פאַרוואָס האָט ער אזוי שעמעוודיק געשמייכלט און פאַרוואָס האָט ער געזאָגט: „איך בעט איבער אייער קאָוועד". איך האָב זיך דערמאָנט: איך האב איינמאָל געהערט ווי א אידענע זאָגט:

— אוי ווי איז מיר, ס'איז שוין דורכגעפאָרן, איך בעט איבער אייער קאָוועד, אן אַוטאָמאָביל...

דעם הויפּט־שטאָף צום שרייבן וועט מיר אָבער דאָ געבן די יונגע געוועזענע באַלעבאָסטע פון דער גאנצער וואוינונג. איך האָב זיך דערוואוסט:

זי איז א געשמאדטע.

איך האָב גלייך באַשלאָסן:

— אַזוינס שמאַדט זיך ניט מאַכמעס גלויבן, נאָר מאכמעס זינד. זי אינגאנצן, איר גאנץ פּאָנים זעט אויס ווי א שטיק זינד; פראָבע — צוויי און ניינציק.

זי איז מיין שכיינע פון לינקס.

איר טיר באהאלט זיך אויס אין טונקלעניש פון קאָרידאָר.

אין טונקלעניש פון קאָרידאָר לאָזט מען זיך דאָרט פלוצים אַראָפּ פון א פּאָר אומגעריכטע טרעפּלעך, מ'טאַפּט אָן:

אַ שווערן געוואנטענעם פּאָרהאנג פאַר דער טיר — עפשער אַ גריינער און עפשער א בלויער — עס איז טונקל, מ'זעט קוים.

מ'דערשמעקט גלייך:

אַ גערוך פון פּאַרפיומען, פון פודרע און פון אלערליי אַנדערע זאכן; רייכעס, וואס דערמאָנען אָן אַ שיינער פרוי, אָן אַ פיינער אַוויירע. דער פּאָרהאַנג אינייִנעם מיט זיינע רייכעס זאָגט אָן וועגן דער אויסבאהאלטענער געמיטלעכקייט, וואָס פון יענער זייט טיר.

אָט טוט זיך דאָרט די טיר אַן עפן.
צוערשט דערזעט מען:
פּערסישע טעפּיכער.
נידעריק, ווייך־געבעט מעבל.
גאָבעלענען אויף די ווענט.
יאַפּאַנישע שירעמלעך ארום ברייטן, ברייטן בעט.
ווייסע האָריקע פעל.
אין די אויגן טוען זיך א וואָרף:
פאַרשיידענע פאַרביקע זיידענע קישעלעך. קישעלעך אף די דיוואַנען און אף די גרעסערע ווייכע שטולן — אָן אַ צאָל קישעלעך, וואס זעען אויס ווי א „סגולע״ צו זינד און דערמאָנען אָן זינד...
פון א ווינקל טוען א שווינדל:
הויכע אָפּצאַסן פון א פּאָר אויסגעטונענע שטארק־פארשפּיצטע טופליס.
שנירלעך פון אַן אַוועקגעוואָרפענעם קאָרסעט.
פון צווייטן ווינקל:
די שלאַנקוואוקסיקע פיגור פון דער יונגער מעשומעדעס אַליין. ניט ריכטיק.
צוערשט טוט א שווינדל דער פאַרהיילטער שניט, וואס אף איר האַלז — אַ קורצער, נאָר טיפער שניט. ער האָט געקאָנט פאַרבלייבן אדער פון אַן אָפּעראַציע אין די קינדער־יאָרן, אָדער פון דעם, וואָס איינער פון אירע קאַוואַלערן האָט זיך אף איר געוואָרפן מיט א מעסער (איך בין ניט מעכויעוו צו ברעכן דערוף מיין קאָפּ). נאָר אז איך קער זיך אום צוריק אין מיין צימער, געדיינק איך דאַווקע אָט דעם שניט — ער איז פאַרבליבן אף אייביק, ווי אף א סימען, מע זאָל זי ניט פאַרבייטן מיט אַנדערע פרויען. דערנאָך דערמאָן איך זיך אָן אַלץ, וואָס ארום דעם שניט טוט זיך:
א שווארץ פינטעלע אין דער לינקער זייט פון די ברייטע בלוטיק־רויטע נאשער־ליפּן.
פאַרביק־ברוינע באַקן מיט פלעקן, ווי גלייך מ׳האָט זיי אָנגעקנייפּט.
אַביסל אַן איינגעבויגענע נאָז, וואָס דארף זיין איינגעבויגן.

לאנגע גאָלדענע רייפלעך אין די אזעסדיק־רויטע לעפלעך פון אירע אויערן.

און איבערהויפּט:

אויגן מיט לאַנגע ווייס, וועגן וועלכע מ׳קאָן מיינען, אז זיי זיינען שווארץ און זייער אומעטיק, און פּלוצים זאָל מען דערזען, אז זיי זיינען טונקל־בלויע און שטארק פריילעכע.

איצט וואוין איך שוין דאָרט עטלעכע טעג.

איך דריי זיך ארום אין גאַס; איך בין שטאַרק באַשעפטיקט. פּלוצים דערמאָן איך זיך אָן איר שלאנקער בויגיקער פיגור, אָן אירע אַנטפלעקטע נאַקעטע הענט, ווען זי דרייט זיך דורך אין קאָרידאָר אין איר ברייטן שטוב־כאַלאַט, און איך דערפיל דאַן פּלוצים א שטארקן ווילן זיך אומקערן צוריק אין מיין צימער. איך געדיינק דעם אַפּדערנאכטיקן טומל, די כאָשעדיקע פארשוינען, וואָס פארזיצן זיך דאָרט מיט איר ביז שפּעט אין דער נאכט — אַ טונקל ווינקעלע, וואָס איז נאָך פאַרבליבן אויסבאהאלטן איצט, נאָך עטלעכע יאָר ראַטנמאכט — און איך בין גליקלעך, וואס מיר איז אויסגעפאלן וועגן דעם צו שרייבן, דאָס הייסט: עס באַקעמפן. איך גיי מיט כיישעק אהיים נעמען די פּען אין האַנט.

———

מיין ערשטע באקאנטשאפט מיט דער מעשומעדעס (טאקע דאָרט אין טונקלען קאָרידאָר):

זי האָט אהין אן עפן געטון די טיר פון איר צימער און איז געבליבן שטיין. זי האָט זיך מיט מיר באַקאנט.

דאָס איז געווען א מאָדנע שטומע באקאנטשאפט — אָן ווערטער.

פונדעסטוועגן האָט זי זיך נאָכדעם געדיינקט פיל מער, איידער פאַרשיידענע אנדערע באַרעדעוודיקע קענטשאפטן.

זי האָט דאָרט אַ קוק געגעבן אף מיר מיט אַ שטומען בליק, פון וועלכן איך בין באלד פול געוואָרן מיט צוויי געפילן.

איין געפיל:

עס נאָגט מיך אונטערן האַרצן באַם לעפעלע.

אַן אַנדער געפיל:

איך פאַרשפּעטיק עפּעס אין לעבן. וואָס אַזוינס איך פאַרשפּע־טיק—ווייס איך ניט, נאָר אז איך פאַרשפּעטיק — דאָס איז קלאָר.

אין יענעם זעלבן טאָג (בא אַ צווייטער באגעגעניש):

זי האָט אַף מיר נאָכאַמאָל אַ קוק געגעבן (איצטיקס מאָל — מער היימיש). פון אָט דעם צווייטן קוק אירן האָב איך זיך דערמאָנט:

איך בין נאָך יונג.

איך קוק מיט יונג־שווארצע סאמעטענע אויגן.

איך טראָג אַ שווארץ־סאַמעטן געפאַלדעוועט רעקל.

איך בין אַן אָנפאַנגער מיט אַ לינקער ריכטונג. איך בין אַ שטיקל שותף צו דער ראטנמאַכט. איך מוז ארייננטראָגן אין דער ליטעראַטור אַ שטיקל עמעסדיק לעבעדיק לעבן. אַלץ, וואָס איך וועל דאָ זען, וועל איך באלויכטן אין מיין נייער זאַך.

נאָך מער:

אויב עס וועט זיין נייטיק, וועל איך וועגן דעם דערציילן ווען מע דאַרף און וואו מע דאַרף.

פון דענסטמאָל אָן האָב איך דעריבער זיך אָנגעהויבן שטארק צוהערן צו יעדן שאָרך, וואָס קומט פאָר בא איר אין צימער קעגנ־איבער דער פאַרשפאַלירטער פאניערן־וואנט, וואָס טיילט אונז אָפּ. איך האָב זיך דערוואוסט אַסאַך נייע זאַכן.

## II.

די מעשומעדעס האָט אַן אלטן טויבן פאָטער — אַ געוועזענער באַלעבאָס פון אַ פינפגאָרנדיק הויז דאָ אין דער גרויסער שטאָט.

ער וואוינט ערגעץ־וואו אַף דער דריטער אָדער פערטער גאַס.

רופן רופט מען אים דאָ אין וואוינונג:

— דער אלטער זאבארסקי.

זיין אויסזען:

אַ וואוקסיקער, אַ גרויער, אַ צוגעפוצטער.

אַן אלטער פאָרעץ, וואָס לעבט פון רענטע.

(אינטערעסאַנט: פון וואָס לעבט אַזאַ סאָרט נעפעש איצט, אין די צייטן פון ראַטנמאַכט?).

זיין טויבקייט, די שטיקלעך ווייסע וואַטע, וואָס אין זיינעביידע אויערן, זיינען ווי אומיסטן באשאפן געוואָרן, ער זאָל האָבן וואָג אין לעבן.

עס דאכט זיך:

ער פֿאָדערט, מע זאָל צו אים רעדן זייער הויך, ניט ווייל ער איז טויב, נאָר ווייל ער איז געווען אַ באַלעבאָס פֿון אַ פֿינף־גאָרנדיק הויז און איז אַף אייביק פֿאַרבליבן אַ געהויבענער מענטש.

אַלע גאַנצפֿרי — די גרויסע שטאָט איז דענסטמאָל נאָך געווים פֿול מיט פֿייכטע שאָטנס און מיט באַנאַכטיקער קילקייט — קומט ער אַהער אָפּנעמען אַ גרוס בײַ זיין טאָכטער וועגן די געשעפֿטן, וואָס ער פֿירט דורך איר. ער קלינגט דריי מאָל אין טיר־גלעקל, אַף אַ סימען, אַז דאָס גייט ער, דער אַלטער זאַבאַרסקי אַליין.

איך טו קוים־קוים אַן עפֿן מיין טיר און דערזע דאָרט דעם פֿאַרשלאָפֿענעם מעטראַנפּאַזש קריסמאַנען, וועלכער מוז דעם אַלטן די טיר עפֿענען. קריסמאַן האַלט ביידלעך מיט איין האַנט די אַראָפּגעפֿאַלענע אונטער־הויזן, זיין צווייטע האַנט קראַצט דעם האַלז־און־נאַקן מיט אַזאַ אויסזען, גלייך זי וועט באַלד אָפּלאָזן דעם אַלטן אַ פּאַטש. נאָר דעם אַלטן גייט עס, מאַשמאָעס, ניט אָן. ער זאָגט זייער העפֿלעך און שטאָלץ:

— ספּאַסיבאָ.

און ער שלייכט זיך באַלד אַריין הינטערן שווערן געוואַנטע־נעם פֿאָרהאַנג צו זיין טאָכטער אין צימער.

דענסטמאָל בלייב איך זיצן אין בעט מיט אַן אָפֿן מויל און מיט פֿאַרמאַכטע שלעפֿעריקע אויגן און דערהער פֿון קעגניבער דער דינער וואַנט קוילעס:

— איך האָב אים פֿרעדלאָזשעט, — שרייט סאָני אין אַלטנס טויבן אויער אַריין, — ס׳איז געווען אָפּאַסנע... איך האָב אים געזאָגט: איר האָט אַ וואָזמאָזשנאָסט צו ווערן רייך... אַף אַ קאָ־שערן וועג...

פֿון יענער זייט וואַנט איז שטיל. עס דאכט זיך: דער אַלטער טוט דאָרט אַ שמעק טאַבאַק.

— נו? — פֿרעגט ער.

— ער איז אַ יונגער!... שרייט נאָך העכער די מעשומעדעס... אַ ספּעץ. ער איז ערשט אַ כוידעש אַף זיין דאָלזשנאָסט... ער נעמט קיין געלט ניט.

פֿיר אַזעלכע פּרימאָרגנס... פֿינף... זעקס... קלאָר, פֿון וואָס דער אַלטער לעבט — פֿון „מעקלעריי“. דורך זיין טאָכטער „באַ־

אַרבעט" ער אייניקע ספּעצן. דאָרט, וואו געלט איז ווייניק, העלפט ער זיך אויס דורך זיין טאָכטערס ליבע.

— נישקאָשע פון אַ פּאַרנאָסע!

איך געזעגן זיך בעט ליגנדיק און הייב אָן צוריק איינצושלאָפן מיטן געדאַנק וועגן דעם שטאָף, וואָס איך האָב דאָ פאַר דער זאַך, וואָס איך וועל אָנשרייבן:

— שוין איינמאָל אַ שטאָפּעלע.

אין גרינגן געראנגל צווישן דרימל און וואך־זיין געדיינקט זיך נאָכאנאנד די געשמאדטע סאָני זאַבאַרסקי — אַ יונגע, אַ שיינע, אַ וואוקסיקע. אַראָפּגעקומען איז זי אַף דער וועלט, ווי אומיסטן, קעדיי זיך אָנפרעסן און אָנזעטן אנדערע מיט יענע געשמאקע זינד, וואָס קיינער וועט קיין נאַר ניט זיין, ער זאָל אויסזאָגן, אז ער כאָלעמט וועגן זיי, און וועט דאָך וועגן זיי כאָלעמען. זי האָט אַ טעווע ניט צושליסן אינעווייניק די טיר פון וואַשצימער בעאייס זי וואַשט זיך דאָרט אַלע פרימאָרגן אַ האַלב־נאַקעטע. איינ־מאָל, ווען ניט וויסנדיק פון גאָרניט, האָב איך אהין די טיר אַן עפן געטון, האָט זי זיך אפילע ניט אנטשולדיקט. אינם קורצן אויגנבליק, ווען איך האב אין גרויס שרעק זיך געגעבן אַ כאַפּ אַף צוריק, האט זי נאר געוואָרפן אַף מיר אַ בליק פון אויגן מיט לאַנגע וויעס, ווי זי וואָלט פרעגן, צי איך זע... און איך האב ווירקלעך...

— טפו, צו אַלדע שוואַרצע יאָר!

איך באַשליס, אַז צוערשט וועל איך אָנהייבן מאָלן דעם אלטן טויבן זאבארסקין, ווי ער גייט אַלע גאנצפרי אָפּנעמען כעשבן בא זיין טאָכטער. אָט אַזוי וועל איך אָנהייבן שרייבן די זאַך:

„אינדרויסן גייט דאַן אוף ווי מיט פארשפעטיקונג די זון. די שטאָט — אַ גרויסע, אַ געדיכטע. פונויבן, פון איבער די הויכע פילגאָרנדיקע מויערן, קוקן אַף דער שטאט קיילעכיקע און דריי־עקיקע שטיקלעך הימל. זיי זעען אויס העכער און בלויער, ווי גע־ווייַנלעך דער הימל..."

איך בין צופרידן פונם אָנהייב, און איבערהויפּט — פון מיינע קיילעכיקע און דרייעקיקע שטיקלעך הימל, וואס זעען אויס העכער און בלויער, ווי געוויינלעך דער הימל. איך ליג מיט פארמאכטע אויגן און זע זיי, אָט די שטיקלעך הימל:

— „בלוי, ווי סינקע...״

איצט בין איך זיכער, אז איך ווער ווירקלעך אַ שרייבער מיט אַ גרויסן נאָמען.

ענדלעך, ענדלעך — אויס אָנפאַנגער!

פון גרויס גליק פאַרגעס איך, אַז איך לעב אַף דער וועלט. איך טראַכט און ווייס ניט וואָס איך טראַכט. פּלוצים כאַפּ איך זיך, אז איך האלט שוין אינמיטן אַ גאַנץ ווייטן קאַפּיטל פון דער זאַך, וואָס איך וועל דאָ אָנשרייבן:

... „אינדרויסן גייט אַ יונגע זייער שיינע פרוי אין אַ לאַנגן קאָטיק־פוטער. עס איז אָנהייב ווינטער, עס פאַלט דער ערשטער שניי. דאָס גייט זי — סאָני זאַבאַרסקי (אַ וואונדער, וואָס זי איז נאָך אַלץ ניט אין טורמע!). זי גייט דורך אין ברייט פון שטאָט־גאָרטן, וואו זי האט באַשטעלט אַ ראַנדעוואו אַ יונגן הויכן באַאַמטן, וועמען זי האט בעשומיפּן ניט געקאָנט אויסנוצן צוליב איר פּאַטערס געשעפטן און אין וועמען זי האט זיך פאַרליבט טאַקע אַף אַן עמעס. זי וואַרט אַף אים זייער לאַנג און פאַרלירט די האָפענונג, אַז ער וועט קומען...״ און דער יונגער באַאַמטער — בין איך טאַקע אַליין... פאַרוואָס עפּעס דאַווקע איך? — פאַר גאָר־ניט... עס איז מיר עפּעס גלאַט אַזוי אַ שאָד עס זאָל זיין אַן אַנדערער...

איצט ווער איך אַנשלאָפן מיט מאָדנע זיסע און זויבערע גע־פילן פון אַ יונגן הויכן באַאַמטן, אין וועלכן מע האָט זיך פאַר־ליבט און וועלכן מע האט דאָך ניט געקאָנט אויסנוצן פאַר מיעסע געשעפטלעך.

פון ראַכמאָנעס קום איך איר ענדלעך אָן אַקעגן דאָרט אין שטאָט־גאָרטן פון אַ זייטיקער אַלייע...

אַרום ניין אַזייגער, ווען איך כאַפּ זיך אויף און נעם זיך אָנ־טון, געדיינק איך נאָך די לייטישקייט מיינע. איך גענעץ און טראַכט וועגן דער יונגער ראַטנמאַכט, וואס נייטיקט זיך, אז יונגע מיטפילנדיקע שרייבער זאָלן מיט איר צוזאַמען באַקעמפן די גע־בליבענע שווארצע ווינקעלעך...

— נאָך פאַראַן, טראַכט איך, אויסצוראַמען אַרום און אַרום גענוג פּאַסקודסטווע... הו־הו־הו... נאָך פאַראַן גענוג...

אַ שמועס מיטן באָכער, וואָס האט אַ פליישיק-בלאַס מאש־קילייסנדיקן פּאָנים (מיין שאָכן פון רעכטס). דער שמועס איז פאָרגעקומען לעבן דער טיר פון זיין צימער.

פונם באָכער האב איך זיך דערוואוסט:

— דער מעשומעדעסטעס קריסטלעכער מאַן, וואס דינט אַלס דאָקטער אין דער רויטער ארמיי, האט זי אוועקגעוואָרפן און קומט צו איר מער ניט צוריק.

— שוין עפשער אנדערהאלבן יאָר, אדער מער, — אַזוי האט מיר דער באָכער זייער פוילבלעך דערציילט.

איך האב אים אויסגעהערט קלוימערשט קאלט, ווי עס גייט מיך זייער ווייניק אָן. איך האב געשוויגן אַ רעגעלע.

— פונדעסטוועגן, —האב איך אַ פרעג געגעבן, — פונדעסטוועגן וואוינט זי דאָ אין וואוינונג נאָך אַלץ, ווי אַ פרוי פון אַ רויט-אַרמייער?

— יאָ, — האט געזאָגט דער באָכער, — זי וואוינט...

דערביי האבן זיינע מאַזלדיק־אופגעגאַנגענע באַקן געמאכט אזא קינדערש־שעמעוודיקע, פאַמעלעכע באוועגונג, וועלכע מע האָט געקאָנט אויסטייטשן, אז אויך אים וואונדערט עס, נאָר ער איז אַ מענטש אַ שטילער...

עס האט זיך ארויסגעוויזן:

איינמאָל, ווען די הויז-פאַרוואלטונג האט זי פון איר גרויסן צימער געוואָלט אַרויסזעצן אין אַ קלענערן, האט זי געמאכט אַ גוואַלד, און עס האבן זיך געפינען אייניקע ווירקנדיקע מענטשן, וואס האבן איר דענסטמאָל געהאָלפן. אגעוו, דער מעטראָנפּאַזש — יוינע קריסמאַן — אויך...

איך — זייער פאָרזיכטיק:

— פאַרוואָס?

דער באָכער:

ער ענטפערט ניט. די מוסקולן ארום זיין פליישיקער נאָז הייבן נאָר אָן זיך צו באוועגן זייער פאָרזיכטיק אף צו טון אַ האלבן שמייכל.

דעם האלבן שמייכל קאָן מען טייטשן:

— „פארוואָס?"—פרעגט איר—פאר אירע מאַיסים טויווים...

אַ צווייטער שמועס מיטן באָכער:

עס האַנדלט זיך וועגן די פּיל מענטשן — קימאַט דורכויס מאַנסבלען, וואָס טומלען אָפּט ביז שפּעט באַנאַכט בא דער מעשׂר־מעדעס אין צימער. עס טרעפט אָבער אויך, אַז צו איר קומט מען איינציקווייס און זייער שטיל, ווי בעסאָד־סוידעס. דענסטמאָל איז זי אָנגעטון זייער איינפאַך און פרום. נאָכדעם בארימט זי זיך פאַר אירע קוואַרטיראַנטן:

— „איר ווייסט, ווער ס'איז באַ מיר געוועזן?"

און זי רופט אָן נעמען...

— צום ביישפּיל,—האָב איך געפרעגט, — וועלכע נעמען?

— צום ביישפּיל,—האָט געענטפערט דער באָכער,— נעמען פון דער האַפּטוירע...

אַ שאָד: דער באָכער, ווייזט זיך ארויס, איז דאָ אין דער מעשׂומעדעסטעס געשעפטן ניט פאַרמישט.

און נאָך ווייזט זיך אַרויס:

פונם באָכער אַליין וועט זיין קנאַפּ מאַטעריאַל צו שרייבן. ער זיצט דאָ גאַנצע טעג אין צימער און טוט גאָרנישט. ער וואַרט אַף א וויזע פון זיינעם אַ ברודער אין אַרגענטינע. די שווערע זאַך, וואָס ער שלעפּט אַלעמאָל ארויס פון אונטערן בעט, איז ניט מער, ווי א פאָשעטער שווערער טשעמאָדאַן, אין וועלכן אלע זיינע זאַכן ליגן שוין מער ווי אַ יאָר איינגעפּאַקט. אין טשעמאָדאַן האָט ער אויך אויסבאַהאַלטן אַן אלט און אָפּגעריבן סטודענטיש היטל מיט אַ צעבראָכענעם לאַקירענעם דאשעק. ער האט דאָס היטל אָפּגעקויפט באַ אַן אַמאָליקן סטודענט זייער וואָלוול, ווייל איצט טראָגט מען עס מער ניט, ווי מע טראָגט מער ניט קיין אָפיצער־רישע פּאָליעטן. אין טשעמאָדאַן האַלט ער אויך זייער אָפּגעהיט אַן אַטעסטאַט, פון וועלכן עס איז צו זען, אַז פונקט אָנהייב רעוואָלוציע האָט ער אָפּגעגעבן עקזאַמען אַף אַכט קלאַסן. דער אַטעסטאַט, זאָגט ער אליין, איז אים אָנגעקומען זייער שווער, ווייל ער האָט פון קינדווייס אָן אַביסל אַ שווערן קאָפּ און איז נאָך דערצו געוואַקסן אַ יאָסעם. זיין מוטער פלעג אים שטענדיק זאָגן מוסער:

— „באַ דיינע פעטערס טוען די קינדער אַף גיך אַ לערן אין גימנאַזיע, אין אוניווערסיטעט און ווערן באלד פּאָטער, און דו לערנסט און לערנסט און עס וועט דערפון גאָרנישט..."

נאָר אָנהייב רעוואָלוציע, ווען ער האָט ענדלעך דעם אַטעס־טאַט באַקומען, איז זיין מוטער שוין געווען געשטאָרבן, און ער אַליין — דאָס הייסט, אַ מענטש מיט אַן אַטעסטאַט — האט דאָ אין לאַנד שוין געהאט זייער אַ קליינעם ווערט. דערפאַר אָבער האָט דער אַטעסטאַט נאָך אַ ווערט אין אַרגענטינע — אַזוי שרייבט איט פון דאָרט זיין ברודער, וואָס דאַרף אים צושיקן אַ וויזע.

קלאָר:

קעדיי דעם באָכער זאָל דאָ ניט זיין אַזוי לאַנגווייליק צו וואַרטן, שליסט ער אָפּ די טיר באַ זיך אין צימער, ער שלעפּט אַרויס פון אונטערן בעט דעם טשעמאָדאַן.

איינמאָל, ווען אין דער גאַנצער וואוינונג איז כּוּץ אונז ביידן קיינער ניט געווען, האָב איך זיך איינגעקוקט דורך דעם שליסל־לעכל פון זיין טיר און האָב געזעען:

ער קוקט לאַנג, לאַנג אָפּן אַטעסטאַט און לייגט אים נאָכדעם צונויף מיט זייער גרינגע פינגער. ער נעמט זייער געהיט אַרויס פונם טשעמאָדאַן דאָס סטודענטישע היטל מיטן צעבראָכענעם לאַקירענעם דאַשעק, ער טוט עס אָן זייער געהיט, ווי אַ גלעזערנס, און שפּאַנט אין דעם אַרום איבערן צימער הין און צוריק זייער לאַנגזאַם און פאַרזיכטיק. קענטיק: ער איז זייער דערשלאָגן, וואָס קיינער דערקענט דאָ אָף אים ניט, אַז ער האָט אַן אַטעס־טאַט. דערפאַר אָבער וועט ער זיך דערפילן פראַנק און פריי, ווי נאָר ער וועט באַקומען פון זיין ברודער די וויזע. ווי נאָר ער וועט אַריבערפאָרן די סאָוועטישע גרענעץ, וועט ער פראַנק און פריי אָנטון אָט דאָס היטל און... זאָל די וועלט וויסן, ווער ער איז.

נאָר אָט וואָס:

פאַרוואָס, אַשטייגער, האט די מעשומעדעס אליין אָפּגעגעבן אַזאַ סאָרט אידיאָט אַ צימער באַ זיך אין וואוינונג און פאַרוואָס האלט זי אים דאָ שוין דאָס צווייטע יאָר?

דער טערעץ איז:

1) דער אלטער זאבארסקי קומט אלע גאַנצפרי זיך נאָכפרעגן אַף זיינע געשעפטלעך.

2) אינאָוונט קומען דאָרט פאָר פאַרברעכערישע זאַכן.

3) פון יענער זייט שפּאַלירטער פאַניערן־וואַנט איז אַ מיעסע פאַרברעכערישע נעסט.

קלאָר:

פאר דער מעשומעדעס לוינט, אַז די קוואַרטיראַנטן ארום איר צימער זאָלן זיין אידיאָטן און ניט פארשטיין, וואס באַ זיי אונטער דער נאָז קומט פאָר. נאָר וואו בין איך — אַ יונגער לינקער שרייבער? זאָל זיין אַן אָנפאנגער, אָבער אַ געטרייער דער ראטנמאכט. אין מאָסקווע מאטערט מען זיך, מע ברעכט זיך די קעפּ, פאר־וואָס עס קומט אָן אזוי שווער יעדער טריט, און דאָ טיילט מען זיך מיט כאַבאַר און מיט דער מעשומעדעסטעס ליבע. פארוואָס ליגט מיר אלץ אין קאָפּ די זאַך, וואס איך וויל דאָ אָנשרייבן? פארוואָס גיי איך פּאָשעט ניט אוועק דערציילן וועגן דעם אלעם דאָרט, וואו מע דארף? אויב איך טו דאָס ניט, איז דאס נאָר דערפאר, וואָס איך האב נאָך דערווייל ניט קיין פאקטן. איך ווייס נאָך אלץ ניט, ווער איז דער מעשומעדעסטעס קאָמפּאַניע. איך מוז פריער געוואוירע ווערן אלע סוידעס, ארייננעמען זי מיט איר גאנ־צער קאָמפּאַניע שטייף אין די הענט... שטייף אין די הענט...

## .III

פון טאָג צו טאָג ווערט באַ מיר דער אויער אין מיין צימער מער פאַרשפּיצט. איך לאָז ניט דורך קיין מינדסטן שאָרך פון איר געוואוקסיקער און שטאלטנער פיגור. זאָל זיין, אז מיך האָט קיינער ניט געדונגען. איז וואָס? עס איז דען ניט מיין כויוו?

ס'איז שטיל.

ארום דריי באַטאָג.

איך דערהער פון יענער זייט שפּאַלירטער פּאַניערן־וואַנט, ווי זי טוט א קורצינק, לייכט און סאַמעטן הוסטל — א הוסטל, וואָס נאָר באַזונדער־שיינע פרויען קאָנען פון זיך אַרויסגעבן. מיטן הוסטל זאָגט זי אָן:

— איך בין אינדערהיים... דאָ... באַ זיך אין צימער.

נאָך דעם הוסטל איז באַ איר ווידער שטיל. איך בין אָנגע־שטריינגט ביז גאָר. פון יענער זייט דינער טאפעטן־וואַנט דער־הערט זיך א נייער שאָרך. איצטיקס מאָל זייער נידעריק אף די פּערסישע טעפּיכער, וואָס באַדעקן די פּאָדלאָגע. אין אָט דעם שאָרך דערפיל איך, אז זי טוט אָן די טופליס. מיר קומט עס פאָר, ווי זי וואָלט עס טון באַ מיר אין צימער און וואָלט זיך דערביי

ניט שעמען, ווייל זי איז שוין מיט מיר זייער היימיש. איך זע קימאַט, ווי זי טוט עס: די ליניעס פון איר זיצנדיק־אָנגעבויגענער וואוקסיקער פיגור זע איך, די ליניעס פון אירע פיס, וואס זיינען פאַרוואָרפן איינער איבערן אַנדערן, און אויך איר טראָט אינם זייַדענעם זאָק — אַ טראָט פון א שלאַנקן פוס, וואס גליטשט זיך אַריין אין דער טופּלי זייער לייכט, „אָן טערוצים", ווייל אזוי הייסט זי. און אויך די געשווינדע באַוועגונג פון אירע פינגער זע איך — לאַנגע אומרואיקע פינגער מיט גלאַנצנדיקע מאַניקירטע נעגל. זיי זיינען פון לאַנגקייט אביסל איינגעבויגן און צעשפּרייטן זיך באַ די שפּיצן, ווי לאָפּעטקעס. זיי זיינען אומיסטן באשאפן געוואָרן אף אומרואיקע גלוסטעניש.

— טטט־הע! — דערהערט זיך ווידער איר הוסטל.

עס זאָגט ווידער אָן:

— איך בין דאָ... איך בין דאָ.

איך שפּאַן ארום באַ זיך אין צימער און פיל א רייעך פון פּודרע און פון פּאַרפומען, כאָטש אזא רייעך איז אַרום מיר ניטאָ. עמעצער אין מיר איז עפּעס ווי ניט מאַסקים, וואס זי וועט באַלד אַן אויסגעפּוצטע ערגעץ אַוועקגיין, און די גאַנצע וואוינונג וועט אָן איר בלייבן ווי פּוסט אף גאנצע עטלעכע שאָ. נאָר פון דער אַנדערער זייט... איך בין זיכער, אז עס מאַכט ניט אויס — אָט דאָס, וואס זי געפעלט מיר אַזוי שטאַרק ווי א פרוי. פאַרקערט... ווי שטייט עס, אז מע דאַרף ניט זיין קיין מאַנסבל? אַדעראַבע, דאָס אלץ גיט מיר נאָר צו מער אימפּעט צו טון דאָס, וואס מיין געוויסן פאָדערט... אויב עס וועט זיין נייטיק, וועל איך זי פּאָשעט אויסגעבן. איך וועל פּאָשעט אָנשרייבן אַהין, וואוהין מע דאַרף:

„דאָ און דאָ, אף דער און דער גאַס, אין דער און דער וואוינונג, קעגניבער דעם צימער, אין וועלכן איך וואוין, קומען פאָר טאָג־טעגלעך אזעלכע און אזעלכע זאַכן". איך וועל אונטערשרייבן מיין עמעסן נאָמען, און זאָל עס אפילע הייסן, ווי מע וויל — איך וועל טון, וואס מיר וועט הייסן מיין געוויסן...

בא מיר איז דאס א באַשלאָסענע זאַך.

דעריבער האָב איך קיין מוירע ניט פאַר דעם געדאַנק, אז די מעשומעדעס טוט אלץ, קעדיי צו ווערן מיט מיר מער היימיש,

ניט אומזיסט לאָזט זי אַלע פרימאָרגן אָפּן די טיר פון דעם וואַש־צימער, ווען זי וואַשט זיך דאָרט.

ווער, וויל זי אשטייגער, זאָל זי דענסטמאָל טרעפן אין וואַש־צימער, אויב א כּוּץ איר און מיר איז דענסטמאָל מערסטנטייל קיינער אין דער וואוינונג ניטאָ?..

איינמאָל, נאָך אָט דעם וואַשן זיך, איז זי קלוימערשט ווי א באַלעבאָסטע דורכגעגאַנגען איבער דער גאַנצער וואוינונג.

זי האָט אַריינגעקוקט צו אלע אַוועקגעגאַנגענע קוואַרטיראַנטן אין די צימערן.

ווי א באַלעבאָסטע האָט זי קלוימערשט אַריינגעקוקט אויך אין מיין צימער.

— אַך! — האָט זי זיך געוואונדערט, — איר זייט אינדערהיים? און איך האָב געמיינט, אַז איר זיינט ניטאָ... קיינער פון די קוואַרטיראַנטן איז ניטאָ...

דערביי האָט זי מיר די גאַנצע צייט געקוקט גלייך אין די אויגן מיט א פריינטלעכן, האַלב־שמייכלדיקן בליק, וועלכער האָט געהאַט צו זאָגן:

— דו קוקסט מיט סאַמעטענע אויגן... דו געפעלסט מיר, נאָר דו ביסט א לעמעשקע, מיין יונגער פריינט... הויבסט ניט אָן צו פאַרשטיין, וואָס דאַרף מען טון, אויב מע האָט אַזאַ באַלעבאָסטע ווי איך, און קיינער פון די קוואַרטיראַנטן איז דעמאָלט ניטאָ אינ־דערהיים.

און קעדיי מיר צו דערווייזן, וואָס פון אַזאַ באַלעבאָסטע, ווי זי, קאָן מען האָבן, האָט זי, שטייענדיק אַקעגן מיר אין טיר, זיך געגעבן א ציי אויס פון נאָך איר שלאָפן און פון נאָך איר וואַשן זיך.

איר ברוסט האָט זיך דערביי אויסגעקיילעכיקט, יעדער טייל פון איר קערפּער האָט זיך אָנגעשטריינגט, ווי פון גרינגער גימ־נאַסטיק, און אירע אויגן האָבן מיטאַמאָל א קוק געגעבן אויף מיר נאָך מער פריינטלעך און שמייכלדיק, ווי זי וואָלט מיט איר בליק פּלוצים איבערגעגאַנגען מיט מיר אויף „דו"...

זי האָט ווי געוואוסט, וואָס וועל איך דערויף ענטפערן. נאָר איך האָב דערויף גאָרניט געענטפערט. האָט זי גענומען ארומ־קוקן מיין צימער, און נאָך מער, ווי זי האָט ארומגעקוקט מיין צימער, האָט זי נאָך אַלץ אַרומגעקוקט מיך אליין.

— אייערעביידע פענצטער זיינען נאַקעט,—האט זי געזאָגט,— מע דארף אייך אופהיינגען פאָרהיינגלעך... בא מיר זיינען פאַראַן פאר אייער פענצטער פאָרהאַנגען. שטענדיק, אז מע קומט אָן אין אָוונט אין הויף אריין, זעט מען אלץ, וואס בא אייך אין צימער טוט זיך... איך האב שוין געטראַכט וועגן דעם...

וואָס האט זי געוואָלט מיט דעם זאָגן?

זי האט געטראַכט וועגן מיר...

דאָס איז ערשטנס.

צווייטנס:

זי דערלאָזט דעם געדאַנק, אז בא אזא יונגנמאַן, ווי איך, קאָן אַמאָל אין אָוונט פאָרקומען אזעלכע זאַכן, וואס ניט אלע אין הויף דאַרפן זיי זען... זי איז אין דעם זינען ניט קיין אָפּגעשטאַנענער מענטש. און דעריבער איז זי גרייט צו פאַרהייגען מיינע פענצטער מיט פאָרהאַנגען...

מיך פאַרדריסט:

פאַרוואָס האב איך דעמאָלט פאַרלאָרן מיין לאָשן!

פאַרוואָס האָב איך איר דעמאָלט וועגן די פאָרהאַנגען ניט געענטפערט:

— אלציינס... מיר איז דאָס אַבסאָלוט אלציינס...

פון פאַרדרוס בין איך באַלד נאָך איר וויזיט אַוועקגעגאַנגען פון דער היים — איך בין אַוועק זיך אויסלופטערן, ווי פון א טשאַד.

מיר האָט זיך געדאַכט: איך האָב אַביסל היץ. עס זעען מיר אויס פרעמד און אַנדערש, ווי שטענדיק, אלע פאַרבייגייענדיקע מענטשן אין גאַס, ווי גלייך צו יעדן פון זיי איז היינט איינדערפרי געקומען מיט א וויזיט די מעשומעדעס און בא יעדן פון זיי האט זי געוואָלט אופהיינגען פאָרהאַנגען אף די פענצטער...

———

אין אַ פּאָר טעג אַרום:

איך האָב זיך באַטאָג אומגעקערט פון גאַס.

איך האב געטראָפן באַ זיך אין צימער בלאנק־ווייסע, פריש־געקראָכמאַלעטע פאָרהאַנגען אף די פענצטער.

זויבערע, טוליענע און לאַנגע פאָרהאַנגען.

זיי האָבן צוגעגעבן א נייע געמיטלעכע ליניע מיין גאַנצן צי־מער; זיי האָבן געשמעקט מיט דיזעלבע רייכעס, מיט וועלכע עס שמעקט די מעשומעדעס אַליין.

באַ מיין אַריינקומען האָט זיך מיר אויסגעדאַכט:

די מעשומעדעס האט דא געשפריצט אין דער לופט מיט פּאַרפומען.

נייע, אומגעריכט־פרישע היימלעכקייט!..

אין אָפּגעפרישטן צימער האט אף מיר מיט אַ ניי כיינדל אַ קוק געגעבן פריער די קישן, וואָס אף דעם צוגעגלעטן בעט, דערנאָך די פיר שטולן באַ די ווענט.

די קליינע קאַנאַפּע האט ווי אין וואוילטאָג זיך אויסגעגלעט דעם אַיינגעפאַלענעם בויך.

דער שראַנק, וואס אין ווינקל, די פּאַפּירן אף דעם קליינעם צוגעדעקטן טיש, וואס דינט מיר צום שרייבן, האָבן מיך זייער שטיל ווי אָפּגעוואָרט און מיר ווי געזאָגט מוסער:

— נאר דו... האָסט פאַרשפעטיקט... געוועזן באַדאַרפט קומען פריער אביסעלע...

פון אלץ האט אף מיר אַ בלאָז געגעבן מיט אזא געפיל, ווי גלייך איך האָב צו מאזל און צו גליק שוין כאַסענע געהאַט... און... קיין איינאָרע... עפּעס אַזוי גרינג...

אַרום און אַרום אין אלע צימערן איז געוועזן זייער שטיל — אַפּאָנים קיינער איז ניט געווען אינדערהיים.

איך האָב ניט געדיינקט, ווי לאַנג האָב איך בא מיר אין צימער אַרומגעשפּאַנט.

אופגערעגט, ווי פון נאָך אַ טומלדיקער כאַסענע, האב איך זיך צוגעלייגט אף דער קורצער קאַנאַפּע, זיך צוגעשפּאַרט מיט א רואיקייט, וואס קומט פון דער אַרומיקער פרישער געמיטלעכקייט.

איך האָב דערפילט אַ מידקייט ווי נאָך א שוויץ־באָד.

דער קערפּער האט געוואָלט מע זאָל אים געבן רו און אים לאָזן וואָס לייגער אַזוי ליגן.

די אויגן האָבן זיך אַליין צוגעמאַכט און געוואָלט מע זאָל זיי ניט שטערן צו זען פאַר זיך די בילדער אין דעם ווייטן קאַ־פּיטל פון דער זאַך, וועלכע איך האָב שוין דאָ אָנגעהויבן צו שרייבן — זען וואָס לייגער און וואָס נעענטער:

„אינדרויסן גייט א יונגע זייער שיינע פרוי אין א לאַנגן קאָטיק־פוטער. עס איז אָנהייב ווינטער. עס פאַלט דער ערשטער שניי. דאס איז די געוועזענע מעשומעדעס סאָני זאבארסקי.. ווי מאָדנע איז צו זען פונווייטנס, ווי זי שפּאַנט — אין איר האָט זיך איבערגעביטן אלץ, אפילע איר גאַנג. איר פּאָנים האָט זיך אביסל אויסגעצויגן און איז געוואָרן נאָך שענער — א פּאָנים פון א לייַ־דנדיקן מענטשן. אירע אויגן אונטער די לאַנגע וויעס זייַנען פון בלויע און פריילעכע געוואָרן פיל טונקעלער, קימאַט שוואַרץ און זייער אומעטיק. מיט איר אלטן טויבן פּאָטער האט זי שוין לאַנג איבערגעריסן. זי לאָזט אים צו זיך ניט אַריין. ער קומט צו איר ניט מער — צו איר קומט ביכלאַל מער קיינער ניט. זי איז פאַר־ליבט אין א יונגען, הויכן באַאַמטן, וועלכער איז אויך א באַוואוס־טער שריפטשטעלער... ער קומט איר אָן אַקעגן מיט א זייטיקער אַלייע אין דעם שטאָט־גאָרטן..."

דאָ האבן באַ מיר זיך אָפּגעשטעלט סיי די געדאַנקען, סיי די געפילן, וואָס פאַרבינדן מיך מיט דעם אַרומיקן ווירקלעכן לעבן.

איך האב ווי ניט געוואָלט אַוועקגיין פון יענעם אָרט אין שטאָט־גאָרטן, וואו איך קום איר אָן אַקעגן.

איך בין זייער לייכט און זיס אַנשלאָפן געוואָרן, ניט פילנדיק, אז איך קוועטש זיך אָפּ א רויט־געוואָרענע, שטייף־צוגעדריקטע באַק.

איך האָב ניט געדיינקט, ווי לאַנג מיין שלאָף האָט געדויערט. מיר איז געוועזן א שאָד, וואָס מע שטערט מיר און וואָס איך מוז זיך אופכאפּן.

דינע און לייכטע פינגער האבן געקלאפּט צו מיר אין טיר.

איך האב דערפילט זייער דינקייט נאָך איידער איך האָב זיך איינגאַנצן אופגעכאפּט, נאָך איידער איך האב געהאט די קלענסטע פאָרשטעלונג, צו וועמען געהערן זיי און ווער וויל דאָס צו מיר אין צימער אריינקומען.

מיט א פארשטאָרבן הארץ האב איך זיך אופגעזעצט און האָב זיך איינגעהערט, ווי די פינגער קלאפּן נאָכאמאָל און נאָכאמאָל.

— אריינט!...

אין דער אופגעמאכטער טיר איז געשטאנען די מעשומעדעס.

ניט קיין אומעטיקע און ניט קיין ווייַנענדיקע.

פון אונטער אירע לאַנגע וויַיסע האָבן אירע בלויע אויגן גע־קוקט מיט אַ פרייַלעכן, זינדיק־רייצנדיקן שמייכל.

דער שמייכל אירער, אַזוי האָט זיך געדאַכט, איז אַריין אין צימער נאָך איידער אין צימער האָט אַריינגעטראָטן זי אַליין.

— נ־נ־נעבעך,—האָט זי ווי אָפּגעלאַכט פון מיין פאַרשלאָפנ־קייט, פון מיין פאַרלוירנקייט און פון מיין צעקנייטשטער רויט־אָפּ־געקוועטשטער באַק.

— נ־נעבעך... אופגעוועקט פון שלאָף, אַ?... איך בין געקומען צו אייך אַנטלייען אייערע שטולן און אייער טיש... צו מיר וועלן היינט אין אָוונט קומען געסט... פיל געסט...

נו... פאַרשטייט זיך:

די מעשומעדעס האָט אַפילע ניט געטראַכט כאָראָטע צו האָבן און ווערן אַ ליידנדיקער מענטש...

איר האָט זיך אַפילע ניט געכאָלעמט איבערצורייסן מיט איר אַלטן טויבן פאָטער, מיט איר גאַנצער פאַרבּרעכערישער קאָמפּאַ־ניע און זיי פאַרווערן אַריינקומען צו איר אין וואוינונג.

זי איז געקומען מיר אָנזאָגן די בסורע, אַז זי וויל בּאַ מיר אַנטלייען די שטולן און דעם טיש, ווייל בּאַ איר וועלן היינט אין אָוונט זיין געסט.

ווייל אַלע קוואַרטיראַנטן אַנטלייען איר אין אַזעלכע פאַלן זייערע שטולן און זייערע טישן.

דערבּיי האָבן אירע פרייַלעך־שמייכלדיקע אויגן זיך אָפּגע־שטעלט אַף מיר מיט אַזאַ קוקעלע, וואָס דאַרף פעסטשטעלן, אויב איך וועל זיין צו איר ערגער איידער אירע אַלע אַנדערע קוואַר־טיראַנטן, אָדער ניין...

איך האָב זיך אונטער אָט דעם בּליק אינגאַנצן פאַרלוירן.

איך האָב נאָר געדיינקט, אַז איך אַליין בין זייער וויַיט פון איר טויבן, פון אירע „געסט" און פון זייערע אַלעמענס געשעפ־טעלעך — איך בין ניט גלאַט אַזוי אַ יונגער שרייבער... איצט אין די צייטן פון ראַטנמאַכט.

און נאָך האָב איך געדיינקט:

אַרום און אַרום איז נאָך פאַראַן אויסצוראָמען גענוג פאַסקוד־סטווע... געגוג פאַסקודסטווע.

טאַקע דערפֿאַר טוט עס מיר באַנק, פֿאַרוואָס איך האָב זי דע־מאָלט געלאָזט אופֿהיינגען די פֿאָרהאַנגען בא מיר אין צימער, פֿאַרוואָס איך האָב איר דעמאָלט ניט געזאָגט:

— מיך גייען די פֿאָרהאַנגען ווייניק אָן... מיר איז דאָס אַל־ציינס... איך קאָן זיך באַגיין אָן זיי...

און ווייל איך בין איצט געווען פֿאַרשלאָפֿן; ווייל איך האָב ניט געוואוסט, וואָס איר וועגן די שטולן און וועגן טיש צו ענט־פֿערן; ווייל איך האָב זיך אונטער איר פֿריילעך בליקעלע פֿאַר־לוירן, — האָב איך איצט, אומגעריכט פֿאַר זיך אַליין, אַ פֿאָנפֿע געגעבן צו זיך אין נאָז דאָס, וואָס איך האָב באַדאַרפֿט זאָגן וועגן די פֿאָרהאַנגען:

— אַלציינס... מיר איז דאָס אַלציינס.

מיינע פּיס האָבן דאַן ווי זעלבשטענדיק אָנגעהויבן אַרומצו־שפּאַנען איבער דעם צימער.

איך האָב געזען:

זי האָט אַף מיר אַ קוק געגעבן זייער לוסטיק, קימאַט מיט פֿרייד, ווי זי וואָלט מיינע ווערטער ניט צוגעגעבן קיין מינדסטן זינען.

זי האָט אָנגעהויבן אַרויסצוטראָגן אַ שטול נאָך אַ שטול, און ערשט נאָכדעם, ווען אַלע שטולן זיינען שוין געווען אַרויסגע־טראָגן, און די ליידיקע ווענט פֿון מיין צימער האָבן אַף מיר אַ קוק געגעבן זייער באַליידיקט, ווי גלייך זיי האָבן צו מיר טאַינעס, פֿאַרוואָס איך נעם זיך ניט אָן זייער קריוודע... האָב איך ערשט אָקאָרשט נאָכדעם אָנגעהויבן צוריקצוקומען צו זיך און האָב דער־פֿילט, אַז דער „אַלציינס" איז געווען זייער אַ פֿאַרשפּעטיקטער און נאַרישער.

אַף מיינע שטולן וועלן היינט זיצן „כעוורע"...

מיטגלידער פֿון יענער געהיימער פֿאַרברעכערישער קאָמפּאַניע, מיט וועלכע דער אַלטער טויבער זאַבאַרסקי פֿירט דורך זיין טאָכ־טער מיעסע געשעפֿטן.

ס'קומט אויס:

איך העלף אין דעם מיט מיינע שטולן...

איצט איז שוין דער מעשומעדעס געבליבן ניט מער, ווי אַרויס־צוטראָגן פֿון מיין צימער דעם טיש, אַף וועלכן איך שרייב.

דער טיש איז געווען ניט קיין גרויסער, נאָר איר איז דאָך געווען שווער אים צו טראָגן.

זי האָט זיך ארום טיש ארומגעדרייט עטלעכע מאָל. זי האָט אים געפּרוּאווט אַ נעם געבן פריער פון איין זייט, נאָכדעם פון דער אַנדערער זייט. זי האָט אים אָנגעבויגן צו איר בויך אַזוי, אַז זיינע פאַרנטיקע צוויי פיס זיינען געבליבן הייגגען אין דער לופט.

זי האט זיך דערביי פאַרויטלט, זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און האָט ענדלעך א קוק געגעבן אף מיר זייער פאַרוואונדערט און זייער פריילעך:

— נו ?.. קאַוואַליער !.. האָט זי בא מיר געמאָנט מיט די אויגן, — קאָלעגע !..

און איך אליין האָב שוין ניט געדיינקט ווי ארום איז דאָס געשען:

אין מיין קערפּער — א קערפּער, וועלכן איך האָב קיינמאָל ניט גערעכנט פאר קיין ספּעציאַליסט אין אַזעלכע זאַכן, האָבן פּלוצים אַ זיד געגעבן די בלוטן פון א גוואַלדיקן „קאַוואַליער״...

שפּעטער מיט א פּאָר מינוט, ווען איך בין געקומען צוריק צו זיך, איז שוין אַלץ געווען אָפּגעטון און פארפאַלן.

ס׳איז געווען א פאַקט:

איך, דער שטילער און באשיידענער באַרו, א יונגער שרייבער, א מענטש, וואָס קוקט אַף זיך אַליין, ווי אף איינעם פון יענע געציילטע, וואָס אז ווען דער ראַטנמאַכט איז שלעכט, זיינען זיי גרייט צו פאַסטן מיט איר צוזאמען דעם נייטיקן טאָנעס... האָט בימכילע איינגעבויגענערהייט אַליין געטראָגן צו איר אין צימער יענעם טיש, אף וועלכן איך האָב אייגנטלעך געפּילט פאר מיין כּיוו אָנצושרייבן וועגן איר „דאָס, וואָס מע דאַרף״ און „וואוהין מע דאַרף״...

פאַרסאַפּעט און אופגערודערט פון דעם אָפּגעטונענעם שטיקל אַרבעט, בין איך געבליבן שטיין אף די פּערסישע טעפּיכער לעבן דעם אַוועקגעשטעלטן טיש.

איצט האָב איך אָקאָרשט דערפילט, אז איך געפין זיך בא דער מעשומעדעס אין צימער.

מיינע אויגן האָבן דערזעען, אז דער ארייגגאַנג אין צימער איז צוגעמאַכט גאנץ שטיף, ווי געשלאָסן, און אז דער מעשומעדעס

געפעלט עס — זי איז ווי צופרידן סיי פון מיין קאַוואַליערישער איידלקייט, סיי פון דעם, וואָס זי איז געבליבן מיט מיר אַליין אין צימער... זי דערנעענט זיך מיט פריילעכע אויגן און בלייבט שטיין פאַר מיר מיט אַרונטערגעוואָרפענע הענט, מיט אַרונטערגעבויגענע אַקסלען, מיט אַ אויסגעקיילעכיקטער ברוסט, מיט פייכטע, פאַנאַנדערגענומענע ליפּן און מיט אַזאַ שמייכעלע, וואָס האָט פיל צו זאָגן וועגן דעם רייכטום, וואָס איר קערפּער פאַרמאָגט:

— נאַ... נעם, טייערינקער, וואָס דיר קומט... דו האָסט קאָשער פאַרדינט...

דעמאָלט איז מיט מיר געשען אַ צווייטע זאַך, אויף וועלכער איך האָב פון זיך בעשומויפן ניט געוואַרט...

פון דער נאָענטקייט, וואָס איז געבליבן צווישן מיר און איר, פון אירע פייכטע פאַנאַנדערגענומענע נאַשער־ליפּן, וואָס האָבן באַוויזן ליינגלעכע ווייסע ציין, פון דעם פאַרפּומירטן גערוך, וואָס טראָגט זיך דעריקער פון אירע האָר, פון די לאַנגע רייפּעלעך, וואָס אין אירע אַזעסדיק־רויטע אויערן־לעפּלעך, און פון דעם טיפן פאַרהיילטן שניט, וואָס אויף איר האַלז,— יאָ... דעריקער פון אָט דעם שניט — האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ.

מיין קערפּער האָט זיך אַ שאָקל געטון, אַריינפאַלנדיק צו איר אין די אָרעמס.

מיינע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסענערהייט פאַרמאַכט, און די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב זיך אין אירע אָרעמס געפונען, האָב איך ניט אויפגעהערט צו באַוואונדערן, ווי אַלץ, וואָס מע קאָן אין איר געפינען, איז פיל מער געשמאַק און מער זינדיק, ווי איך האָב געקלערט, סיי ווען איך האָב זי געזעען האַלב־נאַקעט אין וואַש־צימער און סיי ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט שטענדיק, ווען איך האָב פון יענער זייט דינער טאַפּעטן־וואַנט געהערט איר סאַמעטן הוסטל. פון מיין באַוואונדערונג האָט מיך ענדלעך אויפגעוועקט איר קאָל — אַ, קאָל וואָס קלינגט אַביסל געלעגערט און מיד, ווי פאַרשלאָפן:

— נו, אינגעלע, גענוג פונדיינעטוועגן... גענוג אויפן ערשטן מאָל...

דעמאָלט האָב איך איבעראַנייס אַ קוק געגעבן אויף איר. און דאָס ערשטע, וואָס איך האָב באַמערקט, איז געווען דאָס, וואָס זי האָט אַפּאָנים קיין כאַראָטע ניט... זי זעט אויס גאַנץ צופרידן...

פון דעם האָב איך געהאַט זיך אָפּצולערנען, אַז עס איז ניט געשען קיין שום בייז און אַז אויך איך דאַרף קיין כּאַראַטע ניט האָבן.

נאָר קיין פיל צייט דערויף איז מיר ניט געבליבן, ווייל באַם אַריינגאַנג אין קאָרידאָר האָט עמעצער אין גלעקל פון טיר שוין אַ היפּשע ווײַלע זייער שטאַרק געקלונגען.

די מעשומעדעס איז געשטאַנען מיט איר פּאָנים צום שפּיגל.

— אידי... האָט זי מיט געשווינדע פינגער צורעכט געמאַכט אַף זיך די האָר.

איך בין, ווי פריער, זייער לעפּיש געשטאַנען.

די מעשומעדעס האָט זיך צו מיר אומגעקוקט מיט שמייכל־דיקע אויגן און מיט אָנגעברויגעזטע ברעמען.

— אוכאָדי! — האָט זי אַף מיר אַ טופּע געטון מיטן פוס, — אוכאָדי... ביסטראָ!..

## .IV

איך האָב אַרומגעשפּאַנט באַ זיך אין צימער, ווי אַ מענטש, וואָס ווייסט שוין, אַז ער האָט עפּעס פאַרלוירן, נאָר ער ווייסט נאָך ניט פּינקטלעך, וואָס האָט ער פאַרלוירן.

איך האָב געהערט, ווי פון יענער זייט דינער טאַפּעטן־וואַנט שרייט די מעשומעדעס אין איר פּאָטערס טויבן אויער:

— האָסט געבראַכט ווײַן?.. שטעל אַהין אין ווינקל!

— ברײַנג נאָך!..

— זיי וועלן זײַן באַ מיר אַלע!.. אין אָוונט!

— מע וועט טרינקען!..

— זאָג ליאָווען, ער זאָל אויך קומען!..

— איך וועל אים דאָ באַקענען מיט דעם „גלאַוו־זשיר"... פּיף־פּאַף... אַ אידעלע!..

נאָר אָט וואָס:

אין יעדן נייעם געשריי אירן איז שוין אַלץ מער קענטיק, אַז זי פילט זיך איצט פיל פרייער איידער נעכטן און אייִנעכטן— דאָ אין דער וואוינונג האָט זי שוין מער פאַר קיינעם קיין מוירע ניט.

— איך בין אַ לאַידאַק... אָט וואָס.

איך האָב, אַרומשפּאַנענדיק הין און צוריק, געהערט אָט די קוילעס און האָב אופגעדעקט אין זיך א מאָדנע געפיל:

אומצופרידן מיט דעם, וואָס איז צוריק מיט א ווײַלע בײַ דער מעשומעדעס אין צימער פאָרגעקומען, איז מערסטן דאַווקע מײַן אײַנגעמידטער קערפּער. דער קערפּער איז ווי גרייט צו זאָגן מיר מוסער:

— מיעס ארײַנגעפאַלן... וואָס?..

— אויס רײַנער געוויסן...

— געוואָרן איין שטיק מיט דער מעשומעדעסעס קאָמפּאַניע, מיט עפּעס אײַנעם א ליאָווען... מיט א אידל א „גלאַוו-זשיר"... „פּיף-פּאַף"...

— צוליב וואָס האסטו דאס באַדאַרפט?...

פארקערט, דער פאַרשטאַנד האט מיך געטרייסט, אז עס מאַכט ניט אויס... פון דער מעשומעדעסעס קערפּער איז קיינעם ניט פאַרוועירט האַנאָע צו האָבן.

ס'הייגגט בלויז אָפּ, צי מע באַגייט צוליבדעם א פארברעכן.

און איך... איך בין דאָ קיין שום פאַרברעכן ניט באַגאַנגען.

כ'האָב זיך אָף קיין האָר ניט געביטן סיי צו איר, סיי צו איר טויבן פאָטער, סיי צו דער גאַנצער קאָמפּאַניע, וועלכע וועט בײַ איר הײַנט אינאָוונט שיקערן.

אויב מע וועט דאַרפן, וועל איך, ווי פריער, גרייט זײַן אָנצושרײַבן וועגן איר אַהין, וואוהין מע דאַרף... און ניט איך וועל „אַמאָל גרייט זײַן", נאר אָט שוין איצט — איך קאָן עס טון טאַקע צו הײַנטיקן אָוונט... טאַקע שוין... באַלד.

קעדיי צו דערווייזן מײַן קערפּער, אז ער האט אין מיר א גראָבן טאָעס, האָב איך, אַרומשפּאַצירנדיק איבערן צימער, אָנגעהויבן אויסצולייגן בײַ זיך אין קאָפּ, ווי אַזוי איך וועל וועגן דעם שריפטלעך געבן צו וויסן, וואוהין מע דאַרף:

„שוין דרײַ וואָכן... דרײַ וואָכן, זײַט איך וואוין אין דעם און דעם הויף, אין דער און דער וואוינונג... דרײַ וואָכן..."

ניין, דעם עמעס:

„הײַנט איז פּונקט זיבעצן טעג, אז איך וואוין דאָ אין דעם און דעם הויף, אָף דער און דער גאַס, אין א צימער פון דער וואוינונג, וואָס האט פריער געהערט צו דער פרוי סאָני

זאַבאַרסקי — א פרוי, וואס גיט זיך אויס פאר א ווייב פון א דאָק־טער אין דער רויטער אַרמיי, כאָטש דער דערמאנטער מאַן האָט זי שוין לאַנג — אַפּאָנים ניט אומזיסט — אַוועקגעוואָרפן"...

איצט איז מיין קערפער געווען געריירט, וואס ער האָט אין מיר ווירקלעך געהאט אזא גראָבן טאָעס — איך שאַנעווע ניט די מעשומעדעס, כאָטש זי געפעלט מיר שטאַרק און איז מיר ביז א געוויסער מאָס איינגעבאַקן אין האַרצן. צו אַלדע שוואַרצע יאָר מיט איר, דער מעשומעדעס! איך וואָלט געווען א פאַרברעכער, ווען איך טו עס ניט.

אָט דאס איז זי — די עמעסע נעסט... אָט דאָ קלייבן זיך צונויף זיי — ראַסטראַטשיקי...

נאַריש, וואס איך קלער בלויז אין געדאַנק וועגן דעם.

מאָנעפשעך: אויב אופריכטיק איז אופריכטיק. אָט איז טינט־און פען... אָט אזוי, רואיק, ניט געכאַפּט.

איך אָרדן זיך איין באם פענצטער און בין צופרידן פון דער קאַלטקייט, מיט וועלכער איך הייב אָן צו שרייבן:

„היינט איז פונקט זיבעצן טעג, אז איך וואוין דאָ אין דער וואוינונג, וואָס האט פריער געקערט צו דער פרוי..."

איך שרייב מיט באַשלאָסנקייט און זייער לאַנג.

אין מיין צימער ברענט שוין לאַנג ליכט, נאר איך אַליין באַ־מערק ניט, אז ס'איז שוין אָוונט.

איך געדיינק ניט, ווען האב איך בא זיך אין צימער געמאַכט ליכט.

איך שרייב נאָך אלץ זייער פאַמעלעך, מיט באַשלאָסנקייט.

פון פאָרנטיקן קאָרידאָר הערט זיך זייער אָפט דער יאָנטעווו־דיקער קלונג פון דעם גלעקל.

בא דער מעשומעדעס הייבן שוין אָן זיך צוזאמענקומען די געסט.

עמעצער פון זיי איז דאָרט דער ערשטער אַריינגעקומען צו איר אין צימער.

פון יענער זייט דינער טאַפּעטן־וואַנט הערט זיך איר קאָל.

די טריט פון דעם אַריינגעקומענעם זיינען פעסטע, יונגע, פריי־לעכע, ווי מיט שפּאָרן. פלוצים ווערט דאָרט א וויילע שטיל.

איך בלייב זיצן ווי פאַרשטאָרבן און הער זיך איין:

— דאָס איז זי מיט נאָך עמעצן... מע קושט זיך...

„עס איז א נעסט פון פאַרברעכן, — שרייב איך ווייטער, — מע דאַרף זיך פאָרשטעלן:

אופדעקנדיק אָט די נעסט, קאָן מען דורך איר צוקומען צו א פארצווייגטער נעץ פון גרויסן אומגעהייערן מיסברויכן, וועלכער איז פאַרשפרייט גאנץ ווייט איבער פיל שטעט און אין וועלכער, אדאנק די ליבע־צויבערישקייטן פון דער הויפט־פערזאָן, סאָני זאַבארסקי, פאלן אָפט אריין נאָך גאָר יונגע אָרנטלעכע מענטשן, וועלכע וואָלטן דער אָרדענונג אין לאנד געקאָנט ברייננען פיל נוצן..."

איך הייב אָן ארומצושפאנען און אופגערעגטער און טראכט:

— נו, יאָ... וויפל האָט געפעלט, אז אויך אזא מענטש, ווי איך, זאָל אין דער נעץ ארייגפאלן?

איצט הערט זיך שוין דער קלונג בא דער טיר פון קאָרידאָר אלץ עפטער.

די געסט קומען אפאָנים צו צוויי און דריי מיטאמאָל. זיי פארשלעפן אהער מיט זיך זייערע געשעפטלעך פון דרויסן און נאָך פון ערגעץ ווייטער, ווי פון דרויסן...

— פאָסלושאיטיע, טאָוואַרישטש, — הייבט דאָרט עמעצער אָן אלע מאָל פונסניי, ווי מיט פארקאשערטע געהייליקטע ליפן, — אַז נאס וו ריאזאני...

איך דריי זיך ארום איבערן צימער מיט א צופרידן געפיל, וואָס אלץ איז שוין געענדיקט און אונטערגעשריבן מיט מיין עמעסן נאָמען.

אלץ ליגט בא מיר פארטיק אין בוזים־טאַש.

גוט, וואָס איך האָב בא זיך אין טאש אזא סאָרט קלאָרן באַווייז, אז מיט דעם, וואָס קומט פאָר אקעגנאיבער דער דינער טאפעטן־וואנט, קער איך זיך אף קיין האָר ניט אָן.

איך הער זיך איין אין דעם געמורמל פון יענער זייט וואנט:

א פריילעכער געמורמל, א יאָנטעוודיקער און זעלבסטצופרידענער, א זינדיקער... ווי גלייך אויסער זינד איז אף דער וועלט מער גאָרניט ניטאָ — אויסער זינד איז אלץ ווערט א שמעק טאַבאַק...

פאר מיר — דעם שרייבער... איך מיין: פאר דער גרעסערער זאך, וואָס איך האָב דאָ אָנגעהויבן שרייבן, וואָלט איצט געוויס

געוועז זייער נוצלעך צו זיין דאָרטן אינעווייניק צווישן זיי און זיך גוט צוקוקן צו אָט די מענטשעלעך — לערנען יעדערן באַזונדער.

דערדאָזיקער געדאַנק גייט מיר ניט ארויס פון זינען זינט איך האָב אויסגעמאַכט בא זיך אין צימער די שיין, קעדיי אין דער פינצטער הערן בעסער, וואס קעגניבער דער דינער וואַנט טוט זיך.

— דידאָזיקע מענטשן... זיי זיינען אלע צוזאַמען א פאַרבערע־כערישע וועלט. נאָר יעדערער פון זיי האט א באַזונדער פּאָנים, א באַזונדערע נאָז, באזונדערע אויגן און א באַזונדער האַרץ... וויל מען וועגן זיי שרייבן, מוז מען זיך א שאַר געבן צווישן זיי, כאָטש א קליינע צייט... כאָטש איין אָוונט זיין איינער פון זיי, קומען אָט, ווי זיי, איצט צו דער מעשומעדעס און וויסן: צוליב מיר האט זי געגרייט דאָ די טישן און צוגעגרייט ווייַן, צוליב מיר האט זי זיך אויסגעפּוצט...

איך האב מיטאַמאָל ווי אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דעם אָנגעשרי־בענעם, וואס בא מיר אין בוזים־טאַש.

אין דער פינצטער האָב איך זיך צוגעלייגט אף דער קורצער קאנאפּע און דערפילט מאָדנע ברויזנדיקע געפילן ארום האַרצן.

די געפילן האָבן זיך אונטער דער ברוסט אלץ מער פאַר־שפּרייט.

סאָפקאָלסאָף האָט מיט מיר נאָך קיינמאָל ניט פּאַסירט אַזאַ פּאַל, ווי איצט...

ווי גלייך איך וואָלט מיט איר האָבן כאַסענע געהאַט, מיט אָט דער סאָני זאבארסקי...

ווייל איך בין א ריינער מענטש... אַ יונגער...

אַזאַ סאָרט באַציאונג מיט א פרוי דרינגט אין מיר אריין טיף, טיף און לאָזט נאָכדעם א פּוסטע לאָך אין האַרצן...

צוליב וואָס נוצן מיר אָט די לעכער?

איך האָב פאַרגעסן אין אָט דעם האַלב־שיקערן געמורמל, וואָס קעגניבער דער דינער וואַנט.

איך האָב ניט געדיינקט ווי לאַנג בין איך אזוי געלעגן א באַ־רויגעזער אף זיך אליין.

דערנאָך האב איך זיך פּלוצלינג אופגעזעצט — איך האב דער־הערט א שאָרך לעבן מיין טיר.

און נאָך איידער די טיר האָט זיך געעפנט, האָב איך זיך אין פאַרלויף פון איין אויגנבליק דערפילט זייער לעבעדיק... ווי גלייך צו מיר קערט זיך אום א פאַרלוירן גליק...

אין דער געעפנטער טיר האט מיט געשווינדער איילעניש זיך אריינגערוקט דער פאַרפומירטער, אויסגעפוצטער און צעטראָגן־באַשעפטיקטער קאָפּ פון דער מעשומעדעס.

— טי זדיעס? — האט זי צו מיר געשווינד אין דער פינצטער די ווערטער אַריינגעוואָרפן, — אָדיעוואַסיאַ, זאַידי, פּאָזנאַקאָמליו.

זי האָט מיר געזאָגט „דו".

הייסט עס:

זי האָט ניט פאַרגעסן, וואָס צווישן מיר און איר איז פּאָרגע־קומען — זי האט דאָך געפּירט א שטיקל כעשבן...

— נו, טשטאָ? — האט זי אין א ווילע אַרום ווידער צו מיר איר קאָפּ אַריינגערוקט, — אידיאָש?

און זי איז ווידער אַנטלאָפן צו אירע געסט.

מיר גייט עס, דוכט זיך, ניט אָן.

מיינע פיס שפּאַנען אַרום גאנץ געשווינד איבער דעם פינצטערן צימער.

טראַכטן טראַכט איך איינצייטיק וועגן פיל זאַכן:

וועגן דער מעשומעדעס טראכט איך, וועגן אירע געסט, און נאָך מער ווי וועגן זיי אלע טראכט איך וועגן דעם ווייטלעכן קא־פּיטל פון דער זאַך, וואס איך האב דאָ אין וואוינונג אָנגעהויבן צו שרייבן:

„אינדרויסן גייט א יונגע און זייער שיינע פרוי אין א לאַנגן קאָטיק־פוטער. עס פאַלט דער ערשטער שניי. די פרוי גייט דורך אין דער ברייט דעם שטאָט־גאָרטן. זי קוקט עמעצן אויס ווייטיק־לעך מיט טיפע ליידן, מיט גרויס כאראָטע..."

אָבער א סאָף. יעדער זאַך, וואס מע שרייבט, מוז מען דאָך מיט עפּעס ענדיקן.

נאָר די מעשומעדעס פירט, אפּאָנים, כעשבן.

זי פאַרגעסט ניט...

זי שטעקט ווידער אריין איר קאָפּ צו מיר אין צימער.

איצטיקס מאָל קוקט זי זיך געשווינד ארום, אויב קיינער איז ארום איר ניטאָ.

פאַרמאַכנדיק הינטער זיך די טיר, טוט זי זיך א יאָג צו מיר אין דער פינצטער.

זי איז שטאַרק אויסגעפוצט.

זי איז אָנגעזאַפּט מיט אלע רייכעס, וואס דערמאָנען אָן פּריי־לעכקייט, אָן אויסגעלאסנקייט און אין כאסענעס.

זי כאַפּט מיך דאָרט אָן פאַר די הענט, זי שטייט אזוי א ווײַלע קעגן מיר אָן ווערטער.

דעמאָלט דערפיל איך, אַז בא מיר הייבן זיך איבעראַנייס אָן אונטערצוברעכן די קני און אז דאָס, וואָס צווישן מיר און איר הייבט אָן פאָרצוקומען, איז זייער ענלעך אף דעם, וואָס צווישן אונז איז פאָרגעקומען באַטאָג.

און ווידער בין איך פאַרגאַפּט, פול מיט וואונדער, וואס אלץ אין איר איז פיל מער זינדיק־זיס, איידער איך האָב זיך פאָרגע־שטעלט.

— נו, זאַידי,—וועקט מיך די מעשומעדעס מיט א שטילער שעפּ־טשעריי.

און זי אַנטלויפט צוריק צו אירע געסט.

איך קוק איר נאָך. איך בין אין א צושטאַנד פון א מענטשן, פאר וועמען עס האט זיך פּלוצלינג אופגעדעקט זיינער א גרויסער אומגליק.

אָט וואָס:

עס האַלט דאָך זייער שלעכט מיט דער זאַך, וואס איך האָב דאָ אָנגעהויבן צו שרייבן...

די זאַך האָט ניט קיין סאָף...

שוין מער ווי א וואָך, אז איך בין געבליבן שטיין בא יענעם קאַפּיטל, ווען „זי״ שטייט אין שטאָט־גאָרטן, און עס פאַלט דער ערשטער שניי...

ווייטער רירט זיך ניט די זאַך פון אָרט...

איך ווייס מער קיין וואָרט ניט, וואָס צו שרייבן...

כאָטש טו זיך א מאַיסע אָן... איך זע ניט מער גאָרניט...

אַן אומגליק:

ניטאָ דער סאָף!...

סיידן עפּשער גיין איצט אַהין צו איר אין צימער... אַ? גיין אָדער ניט גיין?

טראַכטנדיק וועגן דעם, אַז ס׳איז זייער מעגלעך... זייער מעג־לעך, אַז דאָרט באַ איר אין צימער, זעענדיק מיט די אייגענע אויגן די גאַנצע קאָמפּאַניע, זאָל איך אָנטאַפּן צווישן זיי דעם נייטיקן סאָף, נעם איך זיך פּאַמעלעך אָנטון.

איך באַשליס איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַז ס׳איז ניט צוליב מיר, נאָר צוליב דער זאַך, וואָס איך שרייב:

— איך מוז גיין...

V.

אין טונקלען קאָרידאָר איז, ווי שטענדיק, דער שווערער געוואַנטענער פאָרהאַנג, וואָס פאַר דער טיר פון דער מעשומעדעסעס צימער.

איצט איז דאָרט לעבעדיק, ווי פאַר אַ לעקעך־און־בראָנפן.

לעבן די טרעפּלעך שטייס איך זיך אָן אָף צוויי פון די געסט:

איינער נאָך זייער אַ יונגער אין מיליטער־קליידער.

דער צווייטער: אַן עלטערער, אַ ציווילנער.

דער יונגער שלעפּט דעם עלטערן אָף אַ סאַד און האָט צו אים טאַינעס:

— פּאָסלושאַי, בראַט, מניע זדיעס ניע נראַוויטסיאַ... טי קודאַ מעניאַ זאַוויאָל?..

דערביי קנאַקט ער אָפּ אַ פיינע קלאָלע און פאַרענדיקט:

— סוואָלאָטשי, וואָט טשטאָ...

ער רייסט זיך אויס פונם צווייטנס הענט און גייט אַוועק.

— ער וועט קומען צוריק, — טרייסט עמעצן דער ציווילער, — ער וועט קומען צוריק.

מיין האַנט איז שוין אַרונטערגערוקט הינטער דעם פאָרהאַנג.

איך טאַפּ דאָרט אָן די טיר מיט אַ געמיש פון אַ גוט און שלעכט געפיל:

מיין שלעכט געפיל געהערט צו דעם ציווילן, וואָס איז געבליבן.

מיין גוט געפיל געהערט צו דעם יונגן אין די מיליטער־קליידער, וואָס איז ווי מיט אַ שפּיי פונדאַנען אַנטלאָפן.

פון דעם באַשליס איך, אַז איך בין ניט דער איינציקער.

— פאַראַן, הייסט עס, כוץ מיר נאָך אָרנטלעכע מענטשן, וואָס קאָנען אהער אַריינפאַלן.

נאָר אז איך עפן די טיר, דערזע איך, אז דער יאַנטעוו אין דעם העל־באַלויכטענעם צימער איז זייער גרויס.

איך פאַרגעס גלייך איןביידע געפילן.

מע קאָן ניט זאָגן, וועד איז מער פאַרפּוצט: דער ווייס־געדעקטער טיש אָדער די מעשומעדעס?

עס נאַרן צו זיך די יאַנטעוודיקע ברענענדיקע ליכט און די בלומען, וואָס צווישן פאַרשיידענע עסנוואַרגן און פאַרשיידענע היוכע און קורצע פלעשער ווייַן.

און נאָך מער, ווי די ליכט און די בלומען, נאַרט צו זיך פון קעגניבער דעם טיש די מעשומעדעס.

אירע אויגן ווינקען צו מיר מיט אזא פריילעכער האַרציקייט, ווי גלייך זיי וואָלטן מיך וועלן אַרונטערנעמען אונטער זייערע לאַנגע וויעס.

וואָס וויל זי דאָ מיט מיר טון?... זי באַקענט מיך מיט אירע געסט און האלט מיך דערביי פאַר מיין לינקער האַנט שטייף און וואַרעם, ווי אירס אן אייגנטום, אן איין־און־איינציקן...

צוויי יונגע פרויען — פרויען מיט נאַקעטע אַקסלען און נאַקעטע הענט — שאצן מיך אָפּ מיט די אויגן, בעשאַס די מעשומעדעס באַקאַנט מיך מיט זיי.

זיי שמייכלען צו איר, ווי צו איינער, וואס האָט געפּאַקט אַן אַנטיקל, אף וועלכן מע מעג איר מעקאַנע זיין...

— אויסגעצייכנט, — ווינקען זיי צו איר מיט די אויגן, — וואו האָסטו אַזוינס געפּאַקט?..

קענטיק:

זיי וויסן אלץ... די מעשומעדעס, אפּאָנים, האט זיך פאַר זיי באַרימט, און נאָך מער ווי זיי וויסן, זיינען זיי כוישעד...

נאָר איך האָב קיין צייט ניט צו פילן זיך שלעכט — מיר געפעלט, ווי אזוי דאָס אלץ וועט אויסזען אין דער זאַך, וואָס איך וועל אָנשרייבן.

איצט איז מיר שוין קיין סאָפעק ניט, אז איך האָב געמוזט אַהער קומען; אַנדערש וואָלט די זאַך, וואס איך שרייב, געטויגט אף קאַפּאָרעס.

מיך האַרט שוין ניט, וואס אלע קוקן דאָ אף מיר, ווי אף איינעם פון זייער קאָמפּאַניע.

אין פאַרלויף פון איינעם אן אויגנבליק איז מיר נאָר ניט פאַרשטענדלעך: וואָס וועט דאָ פאָרקומען.

נאָר באַלד פאַרגעס איך אין דעם, ווייל אין צימער זיינען פאַראַן פיל מענטשן און עס קומען פאָר זייער פיל טשיקאַווע זאַכן, אף וועלכע מע קאָן, אַלס שרייבער, מיט גרויס אינטערעס קוקן. צום ביישפּיל, דער עלטערער פון יענע צוויי — דער ציווי־לער, וואָס האָט אַ פּאָנים פון א געוועזענעם פריסטאַוו, איז שוין אויסגעטרונקען און איז שטייף צוגעטוליעט צו איינער פון יענע צוויי פרויען, וואס וויפל מע זאָל זיך אין זיי ניט איינקוקן, גע־דיינקען זיי זיך ניט מער, ווי נאַקעטע פלייצעס מיט נאַקעטע אַקסלען.

איך האָב זיך פּלוצים ווי דערשראָקן:

— וועמען? מיך?..

מיר דאַכט זיך, אז די מעשומעדעס רופט מיך, נאָר אז איך דריי זיך אויס, דערזע איך, אז זי רופט אן אַנדערן; צו מיר שמייכלט זי בלויז.

זי ווינקט צו מיר, ווי אַ קלוגעטשקע, אף די דריי מענטשן, לעבן וועלכע זי שטייט — זי זאָגט מיר, דאַכט זיך, אָן, אַז אירע געשעפטן גייען גוט...

איינער פון די דריי איז א קליינטשקער, אַ פּולבלעכער, מיט א געל אויסגעקעמט בערדעלע. ער איז פריש ארומגעשוירן און ארומגעפּוצט, ווי אַ באיאָרטער כאָסן צו זיין צווייטער כאַסענע. ער טוט אַלעמאָל א קוק אף דעם גרויסן בלעטער־ציגאַר, וואָס ער רויכערט, ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערצייגן:

„צוזאַמען מיט דעם ציגאַר בין איך גאַנץ גרויס און היפּש".

ער מאַכט באַוועגונגען פון א מענטשן, וואָס האט מוירע אופ־צוהייבן א שווערע מאַסע, און רעדט צו די צוויי יונגעלייט, וואס זיצן אים אַקעגן, זייער פּאַמעלעך, ווי מיט פאַרקאשערטע געהיי־ליקטע ליפּן. אַלעמאָל הייבט ער אָן באַנייס אַ קאָן:

— פּאָסלושאַיטיע, טאָוואַרישטש! או נאַס וו ריאַזאַני...

דאָס איז, אַפּאָנים, דער „גלאַוו־זשיר", וועגן וועלכן די מע־שומעדעס האָט באַטאָג געשריגן צו איר פאָטער אין טויבן אויער:

— „פיף־פּאַף"...

איז אָט וואָס: אַ אידעלע... אָט אזוי זעען אויס ראַסטראַ־טשיקעס...

פון אים היינגען, ווייזט אויס, איצט אָפּ אַלע געשעפטן, וואס די מעשומעדעס האט פארדרייט. זי טרעט קימאט ניט אָפּ פון דעם שטול, אַף וועלכן ער זיצט. זי בייגט זיך צו אים אָן אַלע ווילע. זי גלעט זיינס א הענטל. זי שמייכלט צו אים, שעפּטשענדיק גוטע ווערטער אין זיין אויער. זי צווינגט אים ער זאל אלע ווילע זיך אף איר אומקוקן מיט א שמייכעלע און זאָל געדיינקען, אַז ניט די צוויי יונגעלייט פאַרקויפן אים גאַנצע פאַרטיעס פעטס, נאָר ער קויפט בא זיי זייער ביליק „זי", די געוואוקסיקע און שיינע מעשומעדעס.

— טאָוואַרישטש,—רופט דער „פיף־פאף" צו זיך נעענטער דעם ציווילן מיט דעם רויט־אָנגעגאָסענעם פּאָנים פון אַ געוועזענעם פריסטאַוו און די צוויי יונגעלייט, וואָס אקעגן, און פון זיין בוימלדיק שמייכעלע איז קענטיק, אז אלץ גייט אף א לאד.

איך בין באשעפטיקט מיט דעם געדאַנק:

אין דער זאַך, וועלכע איך שרייב, וועל איך אָט דאס אידעלע פאַרבייטן מיט אן אנדערן... דאָס אידעלע געפעלט מיר ניט — עפּעס איז ער מיר צו קליין...

נאָר איך מוז פון מיין געדאנק אופוואכן, ווייל אין דער טיר פון קאָרידאָר קלינגט עמעצער שוין א היפשע ווילע זייער שטאַרק און באַרויגעז.

די מעשומעדעס לאָזט זיך אַהין האלב־דערשראָקן און, ווען זי קערט זיך אום, איז אף איר פּאָנים קענטיק, אז זי האט זיך דאָרט מיט עמעצן געקריגט.

עס ווייזט זיך ארויס:

ס'איז גאָרניט — עס איז א שאָכן פון דער ערשטער וואוינונג. די מעשומעדעס זאגט אף אים:

— אַ שיקער... שלאָגט שטענדיק דאָס ווייב.

זי איז אין קאַס.

— כוידעש־געלט, זאָגט זי, איז אים קאַרג,— ער וואָלט אַ באַלן זיין, איך זאָל אים צאָלן פאר יעדן גאַסט... א מאקע אים אַ גרויסע... באלד קומט קריסמאַן... ער איז פונם הויז־קאָמיטעט...

———

איך געדיינק ניט:

ווען איז דאָס מיטאמאָל געוואָרן אין צימער אזוי ראשיק, אַזוי פריילעך?

ווען האָבן זיך געענדיקט די געשעפטן?

די מעשומעדעס האָט באַם טיש אויסגעטרונקען מיט אַלע צוזאַמען און מיט יעדן באַזונדער. זי איז איבעראַנייס ארויסגעלאָפן אַ קוק געבן, ווער קלינגט עס אין טיר און צי קריסמאַן איז שוין געקומען. נאָך אנשטאָט קריסמאַנען האָט זי פון זיין לײדיקן צימער געבראַכט צו טראָגן די צוויי מאַנדאַלינעס און די גיטאַרע, וואָס הײנגען בא אים אף דער וואַנט.

אַ פּאָר פון די פרויען האָבן אָנגעהויבן אף זיי רימפּלען.

א האלז האָט זיך פאַרמאָסטן אף צו זינגען.

אַ פּאָר ליפּן האבן זיך פאַרמאָסטן אף צו קושן.

און די מײלער האָבן ווי פון זיך אָנגעהויבן רעדן העכער ווי געוויינלעך, אלע צוזאַמען.

אַ באַטרונקענער גאַסט האָט מיט די באַוועגונגען פון זיינע הענט געוואָלט דערווייזן זיך אליין, אז ער איז נאָך ניכטער, נאָר די באַוועגונג האָט זיך אים, צו זיין גרויסן וואונדער, ניט איינגעגעבן — ער האָט מיט די הענט איבערגעקערט אַפן טיש א פלאַש. דער רויטער ווײן האָט זיך אויסגעגאָסן אפן ווײסן טישטעך. די פלאַש האט, אומפאַלנדיק, צעבראָכן מיט א קנאַק א פּאָר גלעזער מיט א טעלער. און אלעמען אַרום טיש האָט זיך געגומען אויסדאַכטן, אז צוזאַמען מיט די גלעזער און מיט די טעלער איז צעבראָכן געוואָרן די גאנצע לייטישקייט פון מענטשן, די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אן אָרדענונג אין לעבן, און אז דעריבער דאַרף מען זיין פריילעך.

איצט האבן שוין אלע געטרונקען זייער פיל, אָן כעשבן, ווי אף צופיקעניש יענער צעבראָכענער לייטישקייט, וועלכע האט זיי ביז איצט געבונדן, און נאָך מער ווי אלע האָב, ווי עמעצן אַף צו־פיקעניש, געטרונקען איך... איך אליין.

נאָך די ערשטע פּאָר גלעזלעך, וואָס איך האָב, צעקושנדיק זיך מיט דער מעשומעדעס, אין זיך אַריינגעגאָסן, בין איך נאָך געווען אינגאנצן ניכטער.

איך האָב פאר יעדער גלעזל געזאָגט צו דער מעשומעדעס:

— איך טרינק פאַר...

געמיינט האָב איך דערביי — פאַר דער זאַך, וואָס איך שרייב.

נאָך דעם פערטן אָדער פינפטן גלעזל האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך טרינק אפן כעשבן פון די מיעסע געשעפטן, וואָס זיינען דאָ געשלאָסן געוואָרן.

מיר איז דערפון געוואָרן אומעטיק־פּאַסקודנע.

נאָר נאָך די וויטערדיקע גלעזלעך האָט מיך מיטאַמאָל אַרומגעכאַפּט א מאָדנע פרייד:

איך האָב פּלוצים דערפילט, אז אָט דעם גאנצן אוילעם, מיט וועלכן איך טרינק און וועלכן איך האָב מאָדנע פיינט, ווייל ער איז א פאַרברעכערישער און שעדלעכער אוילעם, אַז אָט דער גאַנצער אוילעם איז דאָך ניט שרעקלעך, ווייל די נייע אָרדענונג אין לאַנד איז שטאַרקער פון אים, זי וועט אים אויסראָטן... איך וועל איר העלפן... איך מיט דער נייער אָרדענונג וועלן אָט דעם שעדלעכן אוילעם אויסראָטן...

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז זייער טיף און וויכטיק — אָט דאָס, וואס אין לעבן איז פאַראַן פּאַסקודסטווע און וואָס די נייע אָרדענונג ראָמט די פּאַסקודסטווע אויס: עס איז אַ גרויסע פרייד ריין צו מאַכן א פאַריפּעשטע שטאַל!..

איך האָב זיך געשטופּט צום טיש און געוואָלט האַלטן וועגן דעם אַ רעדע.

נאָר איינשטילן דעם אוילעם איז געווען אומעגלעך און, אַז איך האָב זיך צוגעשטופּט צום טיש, האָב איך אָן מיין רעדע פאַרגעסן.

אַנשטאָט צו דאַרשענען פארן גאנצן אוילעם, האָב איך באַנייס אָנגעהויבן טרינקען מיט דער מעשומעדעס. איך האָב זי אָפּגעשלעפּט אָן א זייט און האָב, טרייסלענדיק צו איר מיט א פויסט, גענומען ווי מיט גוואלד אריינשרייען אין איר מיין גאנצע דראָשע:

— דו ווייסט דאָך, — האב איך זי געשלעפּט צו זיך, — דו ווייסט דאָך, ווער דו ביסט... דו און דיין גאַנצע קאָמפּאַניע... א שטאַל... זיינט איר! מירן אויסרייניקן די שטאַל, ווי שטארק איר רייעך זאָל ניט פאַרגיין אין דער נאָז. מיט שלעכטע רייכעס וועט איר אונז ניט בייקומען!.. אָט: זע, ווי איך מיעס זיך ניט — וועגן אַלץ, וואָס בא אייך דאָ טוט זיך, האָב איך אָנגעשריבן אהין,

וואוהין מע דארף... אָט טאַפּ עס אָן... אָט דא בא מיר אין בוזים־טאַש ליגט עס...

נאָר די מעשומעדעס איז שוין געווען שיקער און האט זיך געריסן צוריק צום טיש, צו איינעם פון אירע יונגעלייט, וועמען זי האט געהאט צו זאָגן נאָך פיל מער בילכערס איידער איך האָב געהאט צו זאָגן איר. זי האָט געקוקט אף מיר מיט שרעק אין די אויגן און האט א ציטער געטון מיט איר גאנצן קערפּער, ווייל אפן טיש צווישן די ליכט...

אפן טיש האָט עמעצער איבעראַנייס געהאַט איבערגעקערט אַ פּאָר פלעשער, צעבראָכן אַ פּאָר גלעזער.

אַרום טיש האָבן זיך אַלע געגעבן אַ דריי, ווי אף איבערצו־קוליען זיך אלע איניינעם, צוזאַמען מיטן גאַנצן צימער.

אונטער דעם פארשטאַרקטן רימפּלען פון די מאַנדאַלינעס מיט דער גיטאַרע האָט, אָפּשליידערנדיק פון זיך מענטשן און שטולן, עמעצער אראָפּגעצויגן פון זיך זיין רעקל און זיך געשטעלט טאַנצן.

פון אַרום האָט מען אָנגעהויבן צוצוקלאַפּן, צוצופייפן, צוצו־פּאַטשן. זיך הייבן פון די ערטער, טופּען מיט די פיס און אונ־טערגעבן דעם טאַנצנדיקן פייערדיקן כיישעק.

מע האָט זיך ארום אים געבויגן, געמאַכט מיט די הענט, געקלאַפּט מיט די פויסטן, געקלאַפּט מיט די גאָפּלען און אין אים געפּאָמפּעט אַלץ שטאַרקערן און שטאַרקערן כיישעק זיך צו הייבן, דריגען מיט די פיס, און מע האט פּלוצים, זייער פּלוצים דער־הערט, אַז מע קלאַפּט שוין אַ לייגגערע צייט זייער שטארק אין טיר פון קאָרידאָר — און ניט מיט די פויסטן קלאפּט מען דאָרט, נאָר מיט פיל מער שווערערס און הארטערס.

מע איז מיטאַמאָל געוואָרן זייער שטיל און זיך איינגעהערט.

— איך גיב אים מער קיין געלט ניט,—האט היסטעריש געשריגן די מעשומעדעס — עס איז ער — דער שאָכן !...

מע האָט זיך אַ לאָז געגעבן נאָך דער מעשומעדעס אין קאָ־רידאָר אריין און זיך דאָרט אָנגעשטויסן אף דעם פארשלאָפּענעם און בלאַסן מאַשקילייסנדיקן באָכער — מיין שאָכן פון רעכטס.

אין אונטערשטן וועש מיט אַ ביז־גאָר אומגליקלעך און דער־שראָקן פּאָנים האָט ער דאָרט מיט אידיאָטיש־אומזיכערע באַ־וועגונגען זיך געמאַטערט עפענען די טיר.

מע איז געווען ביז גאָר באוואונדערט:

אַנשטאָט דעם שיקערן שאָכן איז אין דער געעפנטער טיר געשטאַנען אַ מיטלוואוקסיקער, מאָדנע שטילער און טרוקענער מענטש. אין ערשטן אויגנבליק מאכט ער דעם איינדרוק פון אַ שטומען.

עס דאַכט זיך:

ער איז נעבעך ביז גאָר אומבאהאָלפן און דעריבער מוזן אים נאָכגיין פיס־טריט די פיר צי די פינף שטאַרק־באוואָפנטע רויט־ארמייער, וואָס באגלייטן אים פונונטן. ער נעמט ארויס פון בוזים־טאַש אַ קליין צעטעלע און באווייזט, ווער ער איז.

נאָר באלד ווייזט זיך ארויס, אַז ער קאָן רעדן:

— אַלע אין איין צימער! — זאגט ער ארויס זייער גלאט און טרוקן. — אייערע דאָקומענטן!

פון צעטומלטקייט האב איך דער ערשטער אנשטאָט דעם דאָ־קומענט אַרויסגעכאַפּט פון בוזים־טאַש די באשרייבונג פון אָט דער גאַנצער פאַרברעכערישער נעסט און האב זי אים דערלאנגט.

— יאַ פּיסאַטיעל, — האב איך אים דערביי קימאט מיט סימכע אַ זאָג. געטון.

נאָר, נעמענדיק פון מיין האנט די פּאַפּירן, בלייבט ער זייער קאַלט.

— קאַקאָי טאָם פּיסאַטיעל?...

ער טוט אף מיר און אפן גאנצן אוילעם מאָדנע גלייכגילטיק אַ קוק און טוט אויך אַזוי גלייכגילטיק אַ זאָג:

— סוואָלאָטשי!...

## .IV

עס איז שוין גרויער טאָגליכט.

אונז — די גאַנצע אַרעסטירטע קאָמפּאַניע — פירט מען איבער ברוקירטע גאַסן ערגעץ־וואו אין ווייטן עק שטאָט, אין איינער פון די געפיינקעניש.

אַ קליינע קאָמפּאַניע פון אַ מענטשן צוועלף. צווישן זיי — דריי פרויען.

באַם פּראָטאָקאָל שרייבן האט זיך ארויסגעוויזן, אז אָט דער קאָמפּאַניע קוקט מען שוין לאנג נאָך.

נידערגעשלאָגן און אומעטיק פלאָנטערט מען קוים מיט די פיס.
אופגערעגט, שטאַרק באשעפטיקט און פארטיפט איז צווישן דער גאַנצער קאָמפּאַניע בלויז איין מענטש.
דאָס איז טאַקע איך אליין:
איך באוואונדער מאַמעש דעם זעלטענעם סאָף, וואָס איך האָב היינט באנאכט געפּאַקט פאר דער זאך, וואָס איך האלט אין שרייבן.
איך בין זייער פאַרטון אין דעם און שטעל מיר פאָר אין קאָפּ, ווי אזוי דער סאָף וועט אויסזען אין דער דערציילונג:
„פייכטע שאָטנס זיינען געווען פול מיט באנאכטיקער קיל־קייט, אף די טראָטואַרן האָבן פארשלאָפענע סטרוזשן געאַרבעט מיט די בעזימער. זיי האָבן אלע רעגע אופגעהערט צו קערן און זיך איינגעקוקט אין די אַרעסטירטע, וואָס מע פירט פאַרביי. ווי פארשפעטיקט איז איבער דער גרויסער שטאָט אופגעגאַנגען די זון. פונויבן, פון איבער די הויכע פילגאָרנדיקע מויערן, האָבן אַראָפּגעקוקט צו דער שטאָט קיילעכיקע און דרייעקיקע שטיקלעך הימל. זיי האָבן אויסגעזעען פיל העכער און פיל בלויער איידער אַ געוויינלעכער הימל...״
מיך דריקט בלויז איין וואָרט, וואס יענער, וואס האט אונז אַרעסטירט, האט אַ זאָג געטון וועגן אָט דער גאַנצער זינדיקער קאָמפּאַניע צוזאַמען מיט מיר:
— סוואָלאָטשי!
איך קאָן זיך דאָ ניט אויספּלאָנטערן:
— ווי איז דאָס?... קעדיי צו באַלייכטן ווי געהעריק אָט די גאַנצע זינדיקע קאָמפּאַניע האָב איך געמוזט כאָטש איין נאכט צוזאַמען מיט איר אַ זינדיק טון. און פון דער אנדערער זייט... יענער, וואָס אַרעסטירט די גאַנצע קאָמפּאַניע און מיך — צוזאמען מיט דער קאָמפּאַניע — ער איז דאָך גערעכט, וואָס ער האָט אַ זאָג געטון וועגן אלע, וואָס ער האָט געפּאַקט:
— סוואָלאָטשי!
— איז ווי איז עס?

---

איצט זיץ איך שוין עטלעכע טעג אַרעסטירט.
איך טראַכט, אַז אייניקע ערטער וועט מיר דאָך אויסקומען פון מיין זאך ארויסוואַרפן.

לעמאָשל:

דאָס אָרט, ווי די מעשומעדעס האָט כּאראָטע און ווערט אַ ליידנדיקער מענטש...

צוזאַמען מיט מיר אין קאַמער זיצט דער בלאסער און פליי־שיקער מאשקילייסנדיקער באָכער. ער האלט זיך אין איין רייבן ארום מיר. ער איז זייער דערשלאָגן און הייבט אָן אַלעמאָל באַ־נייס זיך דערפרעגן וועגן זיין אַטעסטאַט מיטן אלטן סטודענטישן היטל, וואָס מע האָט באַ אים בעשאַס דער אונטערזוכונג צו־גענומען:

— ווי מיינט איר? מע וועט זיי מיר אומקערן, אַ?

— מע וועט זיי באַ מיר ניט צונעמען?

נאָר איך הער קימאט ניט, וואָס ער רעדט צו מיר.

איך בין גליקלעך מיטן זעלטענעם סאָף, וואָס איך האָב צו מיין דערציילונג. פונם מויעך גייט מיר נאָך אַלץ ניט ארויס דאָס וואָרט, וואָס יענער, וועלכער האָט אונז ארעסטירט, האָט אַ זאָג געטון וועגן אלעמען, וועגן אלעמען.

אין קאָפּ דרייט זיך מיר אָן אופהער:

— אַ זעלטענער סאָף.

— סוואָלאָטשי!

— אַ זעלטענער סאָף!

— סוואָלאָטשי!

---

# כויוועס

## I

פון מאָסקווע איז אָנגעקומען א בריוו פון מאָטין, דעם לײ־טישן און עלטערן — דעם אויסגעשלאָסענעם סטודענט, און פון עליקן, דעם „ני־בע־ני־מע״, דעם קלענערן און קלײנענדיק־רויטן, וואס וואַלגערט זיך דאָרט שוין דאס צווייטע יאָר לעבן מאָטין און קאָן זיך צו קיין שטעלע ניט צושלאָגן.

בײדע האבן געשריבן מיט מאָטיס קאַלטער האַנט: Дорогие — אַ פאַרעווע־קאַלטער טיטול געווענדעט:

אי צו טאַטע הירשל זוסמאַן,
אי צו מאַמע שיינדעלע,
אי צו שוועסטעּר מאַני,
אי צו קיינעם ניט.

בײדע זיינען געווען אונטערן בריוו געכאַסמעט זייער טרוקן, איינער נאָכן אַנדערן, ווי אונטער א פּראָטאָקאָל.

און בײדע האָבן געבעטן מע זאל זיי פאַרשטיין (דאס וואָרט „פאַרשטיין״—דריי מאָל אונטערגעשטראָכן) און מע זאל זיי פאַרשרייבן אין איינעם פון די קאָלעקטיוון אַף דער נײ אויסגע־טיילטער ערד ניט ווייט פון טראַקט. ווייל די ערד איז נאָענט צו דער היים—דאס איז איינמאל, און ווייל זיי, מאָטי מיט עליקן, האבן סייוויסיי ניט וואס צו טון ניט אין מאָסקווע, ניט אינדערהיים, און עס האט זיי ביז גאר דערעסן און צו אַלדע שוואַרצע יאָר... און זיי האבן קיין אַנדער ברירע ניט...

אין שטוב באַ די זוסמאַנס:

(א רעשט פון אַ גאַנצער קייט גרויס־פּענצטערדיקע, ווועמען מ׳האט לאַנגע יאָרן גערופן מיט פארצויגענע נעמען און מיט א באַזונדער קוועטש אַפן „סאַמעך״:

— די זוסססמאַנס.

— באַ די זוסססמאַנס).

אין שטוב באַ די זוסמאַנס האט מען דעם בריוו איבערגע־לייענט קאַלט (ווי גליד־געשוויסטערקינדער וואָלטן באַ אים בעטן אַן האַלוואָע אַף כאַסענע צו מאַכן א קינד), נאָכן לייענען אַרונ־טערגעלייגט אונטער דער סיראַטע אפן עס־טיש, וואוהין מ'שטופּט אַרונטער אַנדערע, ניט גאָר נייטיקע פּאַפּירלעך, אַזעלכע, וואס פאַרלירן דאַרף מען זיי ניט, נאר אַז זיי זאָלן זיך וואַרפן אין די אויגן, ווילט זיך אויך ניט. דער לאַנגער הירשל זוסמאַן — אַ גרוילעך־בלאָנדער מיט זעקעלעך אונטער די אויגן — האט דאַן אַמאָל דריי אַ קלאַפּ געטון מיט די פינגער פונויבן אף דער סי־ראַטע, ווי מע קלאַפּט אַף א פּאָרטעפּיאַן. די קליינע שוואַרצאַפּל, וואס אין זיינע גרויסע ווייסלעכער, האבן דערביי אַ קוק געגעבן פון איבער די ברילן זייער מעוואוסעמדיק, ווי אַלעמאָל, און עפּעס פאַרוואונדערט, ווי גלייך זיי דערקאָנען ניט די וועלט אַרום זיך,

— אייסעך,— האט ער געזאָגט,— ציגן !..

נאר שיינדעלע איז געווען א מער שאַרפער מענטש. פון שאַרפקייט האט זי זעכצן יאָר קעסיידער ניט גערעדט מיט אַ שוועגערן.

גראד אין יענעם פרימאָרגן האט זי זיך אומגעקערט מיט אַ שווערן קאָשעק פונם מאַרק (דעם מארק האט דער סאָוועט, ווי אַ קרעציקן, שוין אַ יאָר צייט געהייסן זיך אויסשטעלן אַרויס שטאָט אַפן „נייעם פּלאַץ”). גראַד אין יענעם פרימאָרגן האט זי, טראָגנדיק פונם מאַרק דעם שווערן קאָשעק, געזאָגט צו א באַ־געגנטן אינגעלע:

— נאַ, אינגעלע, טראָג מיר אביסל אונטער דעם קאָשעק.

נאר ווען דאס אינגעלע האט שוין געוואָלט נעמען דעם קאָ־שעק פון אירע הענט, האט דאָרט עפּעס א יונגער באַלעגאָלישער באָכער אַ געשריי געטון פון דער זייט:

— ניטע, מ'דאַרף ניט, דו!.. מע האט איר שוין גענוג גע־טראָגן די שווערע קאָשעקעס.

גראד אין יענעם פרימאָרגן האט שיינדעלע זיך אַריינגעלייגט אַף א טאָג אַכט אין בעט, ווייל „זי האט א קראַנק האַרץ און

טאָר ביכלאל קיין סאַך ניט רעדן" — אַזוי אַז מע האט ניט גע־וואוסט אַף קלאָר, פאַרוואָס זי האט זיך אין בעט אַריינגעלייגט:

ווייל פון די קינדער—פונם אָנשפּאַר, אומשטיינס געזאָגט — איז אָנגעקומען אַזאַ בריוו?

אָדער דערפאַר, וואס אין מאַרק האט עמעצער אַ געשריי געגעבן — „ניטע! מע האט איר שוין גענוג געטראָגן די שווערע קאָשעקעס"?

ליגנדיק אין קלענערן פון די צוויי צימערן (די זוסמאַנס זיי־נען פאַר די לעצטע יאָרן אַהין אַריינגעשטופּט געוואָרן צוזאמען מיט זייערע גרויסע ניקלענע בעטן און מיט זייער איבעריקן גע־בעטן בייכיקן מעבל), האט זי אַזוי אָפּגעשוויגן אַקעגן אַ טאָג, מיט אַזאַ אויסזען, גלייך לעבן איר בעט וואָלט ווירקלעך ווי לעבן א קראַנקן געלעגן אַ צעשניטענע לימענע מיט א מאַראַנץ, אָדער ווי גלייך זי וואָלט איצט, ווי אמאָל, זיך האבן אומגעקערט פון אן אויסלענדישן קוראָרט און וואָלט שוין האבן אויסדערציילט אַלץ, וואָס זי האט דאָרט געזען:

—„Что и говорить?—Чистота!.."

הירשל איז אַ פּאָר מאָל אַריינגעקומען זיצן לעבן איר, אַ זאָג טון:

— אייסעך וואס... זיך נעמען צום האַרצן?..

האט זי אים ווי ניט באמערקט. הירשל איז אוועקגעגאַנגען פון שטוב, האט זי מיט א שטימונג פון אַ קראַנקן און מיט א קאָל פון אַ געזונטן מאָנעריש גענומען רופן צו זיך פון צווייטן צימער איר טאָכטער מאַנין—א מיידל, וואס איז העכער געוואָקסן פון אלע ארומיקע מיידלעך, און איר לאַנגער וואוקס איז איר גע־געבן געוואָרן ווי אומיסטן צוליבדעם, קעדיי דער רייכער פעלץ, וואס זי וועט טראָגן, זאל זיין גרעסער און זאל זיך מער וואַרפן אין די אויגן.

נאר מאַני איז, ווי אַלעמאָל, אָן שום ווילן געגאַנגען צו איר אין צימער. זי האט ביכלאל אויסגעזעען זייער פויל און האט בעסער געוואָלט שטיין אין צווייטן צימער באַם פענצטער און זיך ניט רירן. זי איז אָקאָרשט ביז צוריק מיט אַ פּאָר יאָר גע־ווען געוואוינט צו טראָגן הויכע קאָרקעס מיט זייער אַן איינגן קאָרסעט, און פון זינט זי האָט די הויכע קאָרקעס מיטן קאָר־

סעט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן, איז באַ מיר די שטימונג נאָך אַלץ א געדריקטע, און אַ געפיל איז באַ איר נאָך אַלץ אַזאַ, גלייך איינ־דרויסן וועט זיין אַ געוויטער אָדער עס וועט פון ערגעץ אָנקור־מען אַ שלעכטע בסורע. און אָט איז איצט די שלעכטע בסורע אָנגעקומען, און פונם גאַנצן בריוו, וואס מאָטי מיט עליקן האָבן צוגעשיקט, געדיינקט זי בלויז איין וואָרט, וואס, דעם עמעס זאָגנדיק, קאָן אַפילו זיין, אַז דאָרט אין בריוו שטייט עס גאָר ניט, נאר עס איז קלאָר:

— ליקווידאַציע...

ווען זי זאל מיט אָט דעם וואָרט אַריינקומען אין קלענערן צימער צו דער מוטער, וואָלט עס יענע אונטערגעכאַפּט מיט א קוויטשיקל:

— נו, יאָ... מע האט שוין קיין צייט ניט... ליקווידאַציע!..

נאָר טאַקע דעריבער גייט זי ניט אַהין, ווייל זי האט פיינט קוויטשיקלעך.

דערפאר איז אָבער דער „פּאָטער פונם הויז", דער לאַנגער הירשעלע זוסמאַן, ווי טאָמיד, געווען אַן ארומקריכער צווישן מענטשן און זיך ארומגעשאַרט אין גאַס, וואו מע רעדט אָפּט וועגן דער ניי־אויסגעטיילטער ערד, זיך אַרומגעשאַרט מיט אזאַ אויסזען, ווי גלייך עס איז נאָך אַלץ בירגערקריג און מע שיסט נאָך אלץ אף דער שטאָט, און ווי באַלד מע שיסט, זיינען דאָך „אָרעם און רייך —ביידע גלייך".

מער ווי מיט אַלעמען האָט ער דאָרט אין א זייט זיך גע־סוידעט מיט אַלטער דעם קליין־בוטשאַטשער קאצעוו — א 70־יאָרי־קער זאָקן, וועלכער האט נאָך אַלץ ניט געקאָנט פארגעסן, אז באַ די זיידעס פון דידאָזיקע זוסמאַנס האט ער אַמאָל געדינט אין זייערע גרויסע אָקסנשטאַלן און אַז די באַבע פונם דאָזיקן היר־שעלע זוסמאַן האט אים אַמאָל געליגן געלט אף צו ווערן א קאַצעוו.

אַלטערן דעם קאַצעוו האט ער איצט דערציילט אַלע זיינע סוידעס, ווי ער פלעגט אמאָל אונטערוועגס דערציילן אַלע זיינע סוידעס זיין פורמאַן.

וועגן אָט דעם נייעם פריינט זיינעם האט ער אַליין איינ־מאָל, האַלב אין א וויץ, האַלב ערנסט, געזאָגט א צעשטרויטע בקירע:

— שאַדט ניט—אַמאָל פלעג מען פרעגן אַן אייצע באַ א גוויר, און היינט דאַרף מען זיך מעיאַשעוו זיין מיט אַ קאַבצן — היינט זיינען קאַבצאָנים קלוגער, ווי ?..

און אָט דער אַלטער, דער קאַצעוו, האט אַרויסגעזאָגט זוסמאַנען זיין מיינונג, אַז:

— וואס שטעלט מען דאָ איין, אויב מע וועט פאַרשרייבן די קינדער? אַז די „מוני מיט דער זשמעני״, אומשטיינס געזאָגט, טראָגט מען ערשט אַריין, וועו מ׳וועט שוין האבן איינגעטיילט און איבערגעאַקערט די ערד. אַזוי, זאגט מען, איז די „פאָלאָזשעניע״.

דערנאך איז דער אַלטער קליין־בוטשאטשער קאַצעוו איינמאָל געקומען צו די זוסמאנס און האט דערציילט, אַז ער מיט אַלע זיינע פינף באָנים פאַרשרייבן זיך אויך אַלע, אַז אויב פאַרשרייבן מאָטין מיט עליקן, איז טאַקע דאס בעסטע צו זיי — צו אים מיט די באָנים, אין קאָלעקטיוו אריין, און אַז ער האט שוין מיט זיינע קינדער גערעדט.

דערנאך איז ער אַן אַנדערס מאָל געקומען טכילעס אָוונט, געזעסן לאַנג אָן לאָשן, נאר ערגעץ טיף אין זיך צוגעשמייכלט, ווי אַ גוטער פריינט, געפאָדערט אָן לאָשן מע זאל זיך צו אים צוהערן, ווי צו אַ גוטן פריינט, און געדרונגען זייער פאמעלעך, אַז מאָנעפשעך:

— אויב מע גיט טאַקע צו צוויי אָדער צו דריי דעסיאַטין אַף איטלעכן פון דער מישפאָכע, איז פאַרוואָס טאַקע ניט? מעגן זיך דאָך געוויס פאַרשרייבן אַלע—ס׳איז אן אַווירע... א כעשבן—זעקס אָדער ניין דעסיאַטין.. אַז ווי באַלד די ערד איז דאיקע גוטע, אַזוי זאָגט מען: פערווע קלאַס... טשערנאָזיאָם!..

דענסטמאָל זיינען אוועק אַ פאָר וואָכן זינט די מישפאָכע האט ניט געזאָגט קיין וואָרט, פאַרוואָס הירשעלע האָט „געכאַפט און זיך פאַרשריבן״. די מוטער: ווייל די קינדער אין מאָסקווע—דער „אָנשפאר, אומשטיינס געזאגט״ — וועלן ניט האבן קיין טאַינעס, אז מע האט זיי „אומגליטשיק״ געמאַכט; און די טאָכטער: ווייל דער אַלטער קאַצעוו וועט נאָכאַמאָל אָנהייבן קומען אַהער געבן אייצעס. און דענסטמאָל איז איינמאל אינדערפרי אַריינגעקומען צו די זוסמאַנס אַן אַראָפּגעקומענער פרעמדער יונגערמאַן

מיט אַ גראָבן פֿאָרטפֿעל אונטער דער פּאַכווע. ער האָט זיך מיט זײַנע פֿרעמדע פּאַפּירן אַוועקגעזעצט באַם טיש. ער האָט זיך נאָכגעפֿרעגט באַ די זוסמאַנס, צי זײַנען זיי ווירקלעך די געוועזענע באַלעבאַטים פֿון דאָבערער גרויסן ספּירט־זאַוואָד, פֿון אָט דעם הויז, וואו זיי וואוינען, און פֿון אַ פּאָר נאַציאָנאַליזירטע הײַזער אין קרייז־שטאָט.

און דענסטמאָל האָבן זיך די זוסמאַנס דערפֿרייט, ווײַל זיי האָבן שוין לאַנג געהאַט אַוועקגעשריבן קיין אויסלאַנד וועגן די האַלב־אָפּגעצאָלטע פּאָליסן פֿון דער אַמעריקאַנער סעקוראַציע־געזעלשאַפֿט, באַ וועלכע זיי האָבן זיך פֿאַר דער מילכאָמע סעקורירט, און אָט: אַפּאָנים, אַז שרײַבן שטערט קיינמאָל ניט — מע האָט סאָפּקאָלסאָף אַראָפּגעשיקט די האַלב־אָפּגעצאָלטע פּאָליסן אויסקויפֿן.

נאָר דער פֿרעמדער יונגערמאַן האָט צום אָנהייב זיך זייער געוואונדערט:

— פּאָליסן?.. וועלכע פּאָליסן?..

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן:

ער איז אַ איד, אַ קאָמוניסט, אַן אַראָפּגעשיקטער צו יענע, וואָס האָבן זיך דאָ פֿאַרשריבן אַף דער אויסגעטיילטער ערד.

ער האָט ווי מיט וואונדער באַטראַכט דעם לאַנגן דאַרן הירשעלען; ער האָט אַ רעד געטון אַ פּאָר ווערטער צו שיינדעלע זוסמאַן, וואָס פֿאַרענטפֿערט זיך באַלד, אַז זי קאָן קיין סאַך ניט ריידן, ווײַל זי האָט אַ קראַנק האַרץ און מוז גאָר ליגן אין בעט; ער האָט געכאַפּט אַ קוק אַפֿן לאַנגן, וואוקסיקן מיידל, וואָס שטייט מיטן פּאָנים צום פֿענצטער, ווי אַ באַרויִקטע אַלעמאַי זי האָט ניט איר לאַנגן וואוקס וואו אַהין צו טון. ער האָט ענדלעך געפֿרעגט:

— איז ווער־זשע וועט באַ אײַך אַרבעטן ערד?

דערויף האָט זוסמאַן פֿאַר אים אָנגעהויבן אויסצולייגן, אַז ער האָט נאָך צוויי קינדער אין מאָסקווע, אַז איינער איז אַן אויסגעשלאָסענער סטודענט, נאָר דעריקער איז דער צווייטער:

— עפּעס גלאַט אַזוי אַ גרויסער פּראָסטאַק, אַ רויטער, מיט זומער־שפּרײַנקעלעך אַפֿן גאַנצן פּאָנים און אַפֿילע אַף די אויערן... אַז ער איז געבוירן געוואָרן, איז פּאָשעט געווען אַ וואונ־

דער, פונוואַנען האָט זיך אַזוינס געגומען?..—אַז אין דער גאַנ צער מישפּאָכע זיינען גאָר קיינמאָל קיין רויטע ניט געווען... אַן אַקציע געווען מיט אָט דעם קלענערן, דעם רויטן. שיקסט אים לערנען, און ער—נעכטיקע טעג: ער איז גאָר א גאַנצן טאָג גע־ ווען באַם פורמאַן, אים געהאָלפן רייניקן די שטאַל, און אַליין שמעקט ער טאַקע אויך אַזוי: וויפל מע זאל אים ניט צוואָגן און וואַשן, שמעקט פון אים אַלץ מיט פערדן־שטאַל — אַן אַקציע...

ער האט דאָס אַלץ אויסדערציילט דעם פרעמדן יונגנמאַן זייער היימיש, מיט היסלאַוועס, קימאַט מיט קוועלנדיקן פאַרגעניגן.

דער יונגערמאַן האט אָבער פונקט די מאַיסע וועגן דעם קלייענדיק־רויטן „פּראָסטאַק" ווי פאַרהערט, געוואָרן פון מאָל צו מאָל מער אומגעדולדיק, אומצופרידן און געשטעלט א פּאָר פראַגן, וואס באהאַלטן אין זיך עפּעס אַ כשאַד — א כשאד, אַז בא די זוסמאַנס צאַפּט זיך נאך עפּעס אן אויסבאַהאלטן קוועלכל—עפּעס גאָלד... עפּעס ברילִיאַנטן... אַנדערע ווערטפולע זאַכן... דער יונ־ גערמאַן איז אוועקגעגאַנגען אן אומצופרידענער, און דענסטמאָל האט זיך ארויסגעוויזן, אַז „ערד איז טאַקע א זאך", ווייל אָט — „ניט אַלעמען גיט מען דאָך".

און דענסטמאָל איז נאָכאמאָל ביז שפּעט אין אָוונט מיט קלעפּיקע אויגן געזעסן דער אַלטער קליין־בוטשאַטשער קאַצעוו און האָט געדרונגען:

— מיין אייצע—מע זאל כאַפּן איינס און צוויי און מע זאל אַנידערשטעלן אַ וואָסער־ניט־איז שטיבל טאקע דאָרט אַף דער אויסגעטיילטער ערד, ווייל היינטיקע צייטן, אז מע כאַפּט ניט, האט מען ניט, און אַז מע כאַפּט אריין, איז פארפאַלן — דאס האט איר איינמאָל א גאַנג. און צוריק גערעדט: מוני מיט דער זשמעני! וויפל קאָן דען אזא שטיבל אָפּקאָסטן! איז מאָנעפּשעך: אויב עס איז פון מייערן, וועט זיך עס פאַרשלייערן. עלע עס וועט זיך ניט איינגעבן, איז גאָט א פאָטער—מיט דער צייט וועט זיין אפן שטיבל א באַלן—טאַקע ער, אַלטער דער קאַצעוו אַליין, אָדער עמעצער פון זיינע קינדער. און מיט די קינדער זיינע קאָן ער איבערעדן—זיי רעכענען אַרויסגיין צו דער אויסגעטיילטער ערד פון דער נייער וואָך און זיך שטעלן גראָבן זעמליאַנקעס.

אַזוי איז געווען דער אָנהייב:

אָנהייב זומער איז אױף דער אויסגעטײלטער ערד, ווייט אַקעגן די זעמליאַנקעס פֿון אַלטער דעם קאַצעווס קינדער, געשטאַנען פֿאַרטיק א ניי פֿויעריש שטיבל—אויסגעווייסט איינמאָל און צוויי־מאָל און פֿאַרלאָזט מיט אָפֿענע טיר־און־פֿענצטער פֿונקט אַקעגן דער זון.

אַרום שטיבל—פֿלאַכע, ווילד־גרינע פֿעלדער.

אַף די פֿעלדער—ווינטן אַף צו דרייען אָן שיר פֿליגלען פֿון ניט־געשטויגענע, ניט־געפֿלויגענע ווינטמילן. דערווייל הודען זיי דאָרט טאָג ווי נאַכט אין דער אָפֿן געלאָזטער קיך און אין די אָפֿענע צוויי צימערלעך.

רעגנס האָבן דאָ שוין לאַנג אָפּגעשווײנקט אַלע סימאָנים פֿון ליים, פֿון שטרוי, פֿון שפּענדלעך, פֿון אַנדערע בוי־אָפּשניצלעך. דער אַרומיקער פּלאַץ ווערט צוריק גרין—זאָל זיין אַף א צייט, אָן כעשבן, נאָר דערפֿאַר געשווינד, ווי אַף אָפּצוכאַפּן נאָך אַ טאַמוז.

און טאַמוז האָט, ווי אַלע יאָר, דרייסיק טעג. נאָר איצטיקס מאָל—לאַנג־אויסגעצויגענע, שטויביקע און פֿאַרסאַרפֿעט־דאַרע—א פֿאַרסאַרפֿעט יאָר, וואָס טרייבט אַף דאַטשע.

אונטער א ברענענדיקער זון איז איינמאָל באַטאָג אָנגעקומען צום שטיבל פֿריער—א פֿור מעבל, און דערנאָך—אַף א באַלעגאָ־לישן פֿאַיעטאָן—הערשל זוסמאַן מיט זיין ווייב און מיידל, אָנגע־קומען ווי אינמיטנדרינען, ווי אומיסטן אַף צו בלייבן שטיין אינ־דרויסן און זיך וואונדערן:

— זע נאָר: אין פּוסטן פֿעלד גאָר!

— זע נאָר!.. אָן איין ביימעלע אַפֿילע.

פֿון טרייסלען זיך פֿינף שאָ אַף דער היץ האָט שיינדעלען אָנגעכאַפּט א שלוקערץ. מע איז אוועק צו די זעמליאַנקעס נאָך אַביסל וואַסער. נאָר אַלטער דער קאַצעוו מיט זיינע קינדער האָבן אַלע ערגעץ ווייט אין פֿעלד געקאָסעט היי. האט מען זיך אויס־געזוצט באַ א פֿרעמדער זעמליאַנקע לעבן א שטאַרק־באַקינדלט און טראָגנדיק ווייבל, וואָס פּאָכט זיך אין שאָטן מיט מוירע, אַז אָט־אָט וועלן זי באַשלאָגן מעלאַסטיעס. מע האט דאָרט גע־טרונקען מילך, וואָס מע ווייסט נאָך ניט קלאָר, צי מע וועט פֿאַר איר באַצאָלן, צי ניין (ווייל עפּשער וועט זיך דאָס ווייבל

באליידיקן). מע האט גערעדט מיטן ווייבל מיקויעך דעם, וואס פונם שטיב און פון מעסוקענע היצן איז אין שטאָט ניט אויס־צוהאַלטן, און מיקויעך דעם, וואָס צו לעבן דאָ אינמיטן פעלד איז, ווי עס שיינט, אויך ניט קיין וואַזשנע מאַיכל.

— שווער היינטיקע צייטן, ווי?

דערביי האט מען מישפּאָכעדיק זיך געקוקט אין די אויגן און אין זינען געהאט אָן אופהער בלויז די אייגענע מאָגנס (די מילך איז געווען ניט קיין געזאָטענע), בלויז שיינדעלעס שלוקערץ און די שטאָטישע היצן, פון וועלכע מע איז אַנטלאָפן.

מע איז פארנאַכטלעך געגאַנגען צוריק צום שטיבל זייער פאַמעלעך, יעדערער ווי אַף צו דערווייזן די איבעריקע, אַז ניט ער האט צוגערעדט, מע זאָל אַהער אַרויספאָרן. מע האָט ניט ווילנדיק, ווי אין אַ כאָמוט, ארייגעשטעקט אהין די קעפּ דורך אַן אָפן פענצטער און אַלץ געדרייט מיט די ליפּן:

— אַ נאַכלע... אומשטיינס געזאָגט.

— לופטערט זיך, לופטערט זיך און שמעקט, ווי מיט זויער־קרויט.

מע איז ווי בארויגעז אף דער וועלט פאַרפרי געגאַנגען שלאָפן.

נאר אף מאָרגן האט מען דאָך שטילערהייט אופגעהאַנגען פאָרהיינגלעך אַף די פענצטער און אַף יעדן פאַל צוגעשלאָגן שווערע אייזערנע פרעגטעס צו די טירן — מע איז דאָ געבליבן אַף דערווייל, אף די הייסטע פייערדיקע זומער־טעג. מע האט עס געטון צוליב שיינדעלעס געזונט.

## .II

אַף דער פרייער לופט איז געווען ווייניקער שטויב.

אַרום און ארום — פרייע פעלדער. און אַקעגן — פון יענער זייט טראַקט — אַ סאַמעטן וועלדל, וואוהין מע קאָן אַלע טאָג אוועקגיין ליגן.

מאַן און ווייב האָבן דאָ אָנגעהויבן אַכטונג צו געבן איינער אפן אַנדערן, מע זאָל זיך צופילנעווען און אַרופנעמען אף זיך לייַב. און ווייל ארום און אַרום האָט אַלץ אויסגעזעען זייער

אָרעם און פּוסט אין פֿאַרגלייך מיט אַן עמעסער דאַטשע, האָט דעריבער הירשעלע זוסמאַן געפֿונען פֿאר נייטיק א זאָג צו געבן עטלעכע מאָל אין טאָג:

— הערסטו, שיינדעלע, וואָס איך וועל דיר זאָגן? — ס'איז דאָ ניט שלעכט.

לאַנג און דאַר, ווי אַלע זוסמאַנס, מיט די זעקעלעך אונטער די ברעמען, מיט מעוואוסעמדיקע אויגן־ווייסלעכער, וואָס קוקן פֿון איבער די ברילן אַזוי פֿאַרוואונדערט, גלייך זיי דערקענען ניט די וועלט אַרום זיך, האָט ער אַלע פֿרימאָרגן אַרומגעשפּאַצירט לעבן שטיבל אין די שטעק־שיך, ארומגעטענצלט מיט פֿאַרלייגטע הענט אין די אַרבל, מיט דריבנע, גיכע טריטעלעך און מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט, ווי גלייך דאָקטוירים האָבן אים דאָס צוגעשריבן. ער האָט דערביי געדיינקט אָן אופהער דאָס ווייסע לײַנענע זעקעלע מיט די אויסבאַהאַלטענע גאָלדענע און נאָך אַנדערע, נאָך מער ווערטפֿולע זאַכן — דאָס לײַנענע זעקעלע, צוליב וועלכן מע האָט איצט, דאָ אין שטיבל, צוגעשלאָגן די שווערע אייזערנע פֿרענטעס בא די טירן. עס האָט זיך ווי פֿון זיך געמאַכט אין קאָפּ דער כעשבן: וויפֿל, אשטייגער, וואָלטן איצט ווערט געווען די נאַציאָנאַליזירטע הייזער מיטן ספּירט־זאַוואָד, ווען מע זאָל זיי אים, לעמאָשל, בא היינטיקן טאָג אומקערן צוריק.

און טאָמיד איז אים שוין פֿונם דאַזיקן כעשבן אַליין געוואָרן גוט און רואיק אפֿן האַרצן, אַזוי אַז ער האָט דענסטמאָל אַליין ניט באַמערקט, ווי ער הייבט פּלוצים אָן זיך איינהערן אין דער ארומיקער שטילקייט, אינם צוויטשערן פֿון די פֿייגעלעך אין וועלדל, וואָס פֿון יענער־זייט טראַקט, און ווי אַזוי ער שרייט דאַן אַריין אין שטיבל צום ווייב:

— שיינדעלע! אַנו, קום נאָר אַרויס!..

— שיינדעלע, הער נאָר, ווי פֿיין!

עס זיינען דאָ אַריבער די הייסע זומערדיקע כאַדאָשים — האלב־יאָנטעוודיקע וואָכן, האַלב־וואָכעדיקע שאַבאָסים.

די זוסמאַנס נאָך אָט די כאַדאָשים:

זאַטלעך־אויסגעפּאַשעט, מיט פֿאַרברענטע פּענימער, מיט לייבער, וואָס הייבן אָן אַרויסצוגעבן פֿון זיך דעמזעלבן רייעך, וואָס דער אַקעגנדיקער גרינער וואַלד.

דערנאָך האָבן די פאַרנאַכטן אָנגעהויבן צוצופאַלן פריער. שטילע און צאַפּלדיקע קילקייטן האָבן פרום אַ קיצל געטון די נעשאָמע. ליידיקגייערישע שאָען האָבן אָנגעהויבן צו וועגן שווערע פּודן, און דאַן האָבן די פּאָדלאָגעלעך אין קליינעם שטיבל אָפּגעענטפערט אַף יעדן שטאַרקערן טריט מיט אַ פּוסטלעכן קלאַנג — אַ פאַרטראַכטן און אויסגעצויגענעם, ווי אַ פרעגנדיק ווידערקאָל:

— וואָס טוט מען דאָ?

אין אזעלכע פאַרנאַכטן:

קוילעס איינציקע, טראָפּ־ווערטער דערטראָגן זיך אַהער פון אַרום די אַכט פּאַנאַנדערגעוואָרפענע זעמליאַנקעס — דער אָפּגע־האָרעוועטער זומער האָט אופגעהערט צו זיין אַ מעכיצע צווישן זיי און צווישן אויער. איצט צווינגט שוין פון דאָרט יעדער טראָפּ־וואָרט, מע זאָל זיך פאַרטראַכטן און דערפילן: בייזווילי־קייט פון פאַרהאָרעוועטע, אויסגעמאַרכעוועטע מענטשן. יעדער שטאַרקערער קלאַפּ באַ די זעמליאַנקעס צווינגט מע זאָל דאָ אין שטיבל זיך איינהערן: באַלד נאָכן קלאַפּ קאָן עמעצער אַ שיק געבן אַהער זיין שאַרף קאָל, זיין קלאָלע פאַר די ליידיקגייערישע שיראַים פון געוועזענער גווירישקייט. באַ די זוסמאַנס ווערן דאַן פאַרשפּיצט די אויערן — מע וואַרט אַ ווײַלע. עס איז שטיל. און דאַן ווערט נאָך ווי ערגער, וואָס די קלאָלע קומט ניט... וואָס דאָרט ארום די זעמליאַנקעס ליגט קיינעם ניט אָט דאָס שטיבל אַפילע אין פּיאַטע.

אָפּטמאָל אין אַזאַלכע פאַרנאַכטן:

לעבן די זעמליאַנקעס וואַרט לאַנג דערזעלבער קאַבריאָלעט מיט די יונגע גרוי־געפלעקטע פערדלעך פונם אָנגעפּאָרענעם באַ־פולמעכטיקטן אַגראָנאָם.

אַרום אַגראָנאָם, צווישן די זעמליאַנקעס, אַ מענטשן־רעדל — געהאָרכזאַמע רוקנס, געלאַטעטע פּלייצעס, שוואַרצער ווי דער פאַרנאַכט. מע דערציילט אים אויס, מע הערט אים אויס, מע אישעווט זיך מיט אים, מע פירט אים ארום יעדערער צו זיין באַלעבאַטישקייט און מע מאָנט עפּעס באַ אים נאָגנדיק־לאַנג. מע ציינדט אָן אין איינער פון די זעמליאַנקעס אַ לאָמפּ און מע גייט אים אהין נאָך אַלע, אַלע.

דענסטמאָל זיצן די. זוסמאַנס אין שטיבל זייער אַנגעשטריינגט, אומרואיק; מע וואַרט ווי מיט מוירע: אָט־אָט וועט דער באַ־פולמעכטיקטער צו זיי אריינקומען און וועט אַ פרעג טון:

— אף וואָסער סמאַך איז מען פאַרשריבן אין קאָלעקטיוו?

און טאָמיד, אַז מע דערהערט נאָר פונוויטנס דעם קאַברי־אָלעטס אַוועקפאָרן, דערפילט מען זיך דאָ לייטיש־באַליידיקט, פאַרוואָס דער אַגראָנאָם באַמערקט זיי ניט און קומט צו זיי ניט אַריין — ווייל סאָפּקאָלסאָף איז ער דאָך אַ יונגער מענטש, אַן אינטעליגענטנער, א סוואָרע אַפילע — פון א פיין אָרט. מע מעג זיך זיין, ווי מע זאָגט אף אים, אַ קאָמוניסט... און טאָמיד האָט דענסטמאָל הירשל זוסמאַן נאָך א לייגגערער שווייגנדיקער פויזע פלוצים און זייער אויסגעצויגן א פרעג געגעבן:

— ווי־ל־י?..

ווי גלייך עמעצער פון די ארומיקע וואָלט אים זאָגן, אז דאָס ניט אריינקומען איז מיצאַד דעם אַגראָנאָם אַ גראָבקייט, און ער וואָלט מיט אָט דעם „ווי—י—י?" ענטפערן, אַז עס איז טאַקע אַזוי:

— א גרויסע גראָבקייט.

זיינע מעוואוסעמדיקע ווייסלעכער האָבן דערביי אריבערגע־קוקט פון איבער די ברילן מערסטנס צו זיין מיידל און האָבן באַ איר ווי געפרעגט, צי מיט דעמדאָזיקן „ווי—י—י?" פילט זי זיך געטרייסט.

עס האָבן זיך פרי אַ לאָז געטון די ערשטע רעגנס, איז שיינדל מיט איר קראַנק האַרץ געלעגן גאַנצע טעג אין בעט. און אַז שיינדל ליגט אין בעט, קומט טאָמיד אויס, אַז ניט בלויז איין מענטש, נאָר די גאַנצע שטוב האָט א קראַנק האַרץ, און דאָס לאַנגע מיידל פילט דאַן מער ווי טאָמיד, אז זי טראָגט שוין מער ניט קיין הויכע קאָרקעס מיט קיין איינגן קאָרסעט. זי איז געשטאַנען באַם פענצטער און געוואַרט אַף א שלעכטער בסורע, געוואַרט אזוי לאַנג, ביז זי האָט איינמאָל גאַנצפרי מיטן טאָג־לעך דערהערט ארום זיך אַ ראַש אין שטוב, זיך אופגעכאַפּט און האָט אין פאַרשלאָפנקייט זיך אַליין אָפּגעגעבן:

— מאַזלטאָוו... דער אלטער קליין-בוטשאטשער קאַצעוו איז שוין ווידער דאָ אין שטוב.

ער האָט זיך אָקאָרשט באַנאַכט אומגעקערט פון שטאָט — ער דערציילט עפּעס אומגעוואונשגס, און אין צווייטן צימער שרייט די מוטער צום פֿאָטער (איצטיקס מאָל מיט אזא קווי־טשיקל, אז עס ווילט זיך אנטלויפן פון דעם אף גאַנצע מיילן):

— ווער דען?!

— וואָס דען?!

— בא אזא איינגשאַפּט אין דירעס!

— מע האָט דען פריער ניט געוואוסט?

— ווי לאָזט מען אַ וואוינונג פוסט?

— נו, האָט מען זיך באזעצט...

— הערסט'אָך — א מאיסע פון צוויי וואָכן.

— פארפאלן...

זוסמאַן איז דענסטמאָל אַוועקגעפאָרן אַף עטלעכע טעג, גע־קומען צוריק פון שטאָט מיט זייער אַ קליינער נעכאָמע, נאָר דאָך א פאַרויטלטער, אַ מער לעבעדיקער, ווי גלייך ער האָט צו מאַזל אָנגעהויבן נאָך א מאָל „דרייען געשעפט".

— הערסט'אָך: דער מענטש, וועמען מע האָט אין דער וואוי־נונג אַריינגעזעצט, איז דאווקע, ווייזט זיך, א לייטישער.

„אַדראַבע, — זאָגט ער, — גיט מיר וואוהין ארויס".

און דער איקער:

דער אַלטער קליין־בוטשאַטשער קאצעוו האָט ווידעראַמאָל אָנגעהויבן קומען אַלע אָוונט געבן אייצעס. פון אים האָט גע־שמעקט מיט פיל אופגעגעסענע זויערע אוגערקעס — ער האָט דאָ געפינטלט מיט די קאַליע אויגן, געשמעקט טאַבאַק און האָט פאַ־מעלעך, פאַמעלעך דאָ געמאכט דעם כעשבן פון אלע נייע קאָלאָ־ניסטן — וואָס פאר אויסזיכטן האָט יעדערער פון זיי נאָכן ערשטן אָפּגעאַרבעטן זומער.

— אַנדערע אפילע זאָגן: „אָפּגעארבעט א זומער פון אוילעמ־האַבע וועגן", און איך זאָג: ס'א ליגן. איך זע דאָך א כעשבן... מעטצעך דעם ווינטער איבערכארטשעווען... מעטצעך איבער־כאַרטשעווען.

די לופט ארום אים — פול מיט אָנשטריינגונג, ווייל פול מיט אָנשטריינגונג זיינען די פרויען, וואָס ליגן אין צווייטן פינצטערן צימערל בּיידע אין איין בעט, און זוסמאַן אליין, וואָס שפּאַצירט

אַרום טיש — אלע וואַרטן, ווען וועט שוין אָט דער זאָקן אוועק־גיין. נאָר יענער האט צייט:

— פכע! איך בין א קאצעוו... געלעבט אלע יאָרן אין דאָרף. איך זאָג: פון ערד קאָן מען לעבן.

און טאָמיד, ווען דער אלטער גייט ענדלעך אוועק, איז שוין שפעטלעך, און דאָס לאנגע מיידל לופטערט נאָך אים אין איילע־ניש דאָס צימער, קעדיי באלד אויסצולעשן דעם לאָמפ, זיך אריינלייגן אין בעט, זיך איבערדעקן מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ און ניט הערן, ווי אין צווייטן פינצטערן צימערל קלאפט די מוטער ווי מיט א העמערל אין קאָפּ:

— זיך אַרויסכאַפּן פונדאַנען.

— פאָטער ווערן...

— זאָל זיין אַן אנדער דירע.

— נו, איז דינגען... נו, איז פאַרוואָס דינגסטו ניט?

זוסמאַן האָט דאן ווידער אָנגעהויבן צו פאָרן אָפּט אין שטאָט. עס האָט געהאַלטן באַ איבערציען. נאָר פון די קינדער איז פונקט צו יענער צייט אָנגעקומען אַ בריוו, מע זאָל זיך אָפּ־האַלטן, מע זאָל צוואַרטן — זיי קומען. דעם בריוו האָט מען געלייענט אלע צוזאַמען שטייענדיק, מיט באַרויגעזן פּראָטעסט אין די אויגן און אין די עטעמענדיקע נעזער:

— וואָס לויפן זיי אזוי אהער?

— וואָס זיינען זיי אזוי גליקלעך?!

## .III

דער ערשטער האָט זיך פון מאָסקווע אומגעקערט עליק, דער קלענערער, דער „פּראָסטאַק" מיט די רויטע האָר און מיט די זומער־שפּריינקעלעך אפן גאַנצן פּאָנים און אַפילע אַף די אויערן.

דאָס ערשטע, וואָס ער האָט דאָ געטון:

ער איז אָפּגעשלאָפן אקעגן א פּאָר מעסלעס אָן אָטעם אין די קליידער מיטן פּאָנים אַראָפּ אַפן האַרטן געלעגער, וואָס ער האָט אין קיך־ווינקל אַף דער פּאָדלאָגע זיך אויסגעבעט.

אין שטוב האָט מען באַטראַכט אַף אים די בגאָדים:

— זע נאָר א „היילעך".

— זע נאָר אַן אָפּגעריסנקייט.

— קיין „קאַפּיטאַלן״ האָט ער מיט זיך ניט געבראַכט.

— קיין פּלענער — אויך ניט.

נאָר מעגלעך, אַז די פּלענער האָט געפירט מיט זיך מאָטי, דער אויסגעשלאָסענער סטודענט.

מע האָט זיך דעריבער דערפרעגט:

— עליק... ווען, זאָגסטו, קומט מאָטי?

עליק איז פאַרשמייעט, רייבט די אויגן, וואַשט זיך און האָט ביכלאַל ווי קיין צייט ניט צו ענטפערן — ער שנאָרעט ארום צווישן די זעמליאַנקעס פון די שכיינים־קאָלאָניסטן, פאַרפירט שמועסן מיט אלטער דעם קאַצעווס קינדער, באַטראַכט זייער באַלעבאַטישקייט; כאַפּט זיך ארוף צו דעם אָדער יענעם שאָכן אף דער פור און פאָרט מיט אים אין פעלד אריין.

באַ עמעצן האָט ער געכאַפּט אַ האַק.

ער האָט אָנגעהויבן פאַרפאַלן צו ווערן אף גאַנצע טעג אינם וועלדל, וואָס קעגניבער דעם טראַקט, אָנגעהויבן פון דאָרט שלעפּן אַהער פלעקער און גאַנצע הויפנס פּרוטים; ער האָט גע־פלאָכטן א פּלויט ארום שטיבל.

מאַן און ווייב האָבן געהאַט פאַרדרוס:

— וואָס וויל ער?

— צוליב וואָס טוט ער דאָס?

דאָס לאַנגע מיידל האָט, שטייענדיק אין פענצטער, אריבערגע־קוקט איבער אים, איבער דער אַרבעט, וואָס ער טוט, און אים ווי ניט געזעען.

איינגראָבנדיק פונקט אקעגן דער טיר א גראָבן פלאָקן און אַרויסשלאָגנדיק זיך פון די קויכעס, אז דער פלאָקן זאָל שטיין גלייך, האט דער רויטער א זאָג געטון צום פענצטער־צו צו אָט דער שוועסטער זיינער:

— אַנו, אנו קום... האַלט נאָר צו א ווײַלע דעם פלאָקן.

די שוועסטער האט א קוק געגעבן אַף אים מיט א זייער ווייטן, קאַלטלעכן בליק און האָט אומעטיק אָפּגעטראָטן אין דער טיף פון צימער. דער רויטער האָט זי גערופן; זי האט ניט גע־ענטפערט. דעמאָלט איז ער אוועקגעגאַנגען צו די זעמליאַנקעס און האט זיך פון דאָרט אומגעקערט מיט אַלטער דעם קאַצעווס יונ־

גערן זונס 15־יעריק מיידל—אַ פעסט מיידל מיט גראָבלעכע פיס, אַ ברייט מויל און מיט אַ פליישיק, אייביק־שמייכלענדיק פּנים. האַלטנדיק מיטביידע הענט דעם גראָבן פלאָקן, אַרום וועלכן דער רויטער שיט ערד און טופּעט מיט די פיס, האט דאס קאַ־צאָווישע אייניקל ניט אופגעהערט צו שמייכלען און צו קוקן מיט קוועלנדיקע אויגן גלייך אין די פענצטער אַריין.

אין שטיבל האט מען זיך דעם גאַנצן טאָג געפילט שלעכט; מע איז אינדרויסן ניט ארויסגעגאַנגען; און מע האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די פאָרהייַנגלעך.

עליקן האָט מען געגעבן אַביסל געלט, ער זאל פאָרן אין שטאָט אריין און זאָל זיך קויפן אַ פּאָר אַנדערע הויזן, אַ פּאָר נייע שיך, א וואַטענע פּאַלטאָ אף ווינטער.

מע האט צו אים געזאָגט:

— זעסט אויס, ווי א שמאַראָוואָז.

עליק איז אין שטאָט געפאָרן, נאָר אַפן אָרט פון נייע הויזן און נייע שיך, האָט ער פון שטאָט געבראכט פינף הינער מיט א האָן. פאַרן איבעריקן געלט—פאַרן פּאַלטאָ—האָט ער זיך צונויפ־גערעדט מיט א שאָכן און האָט צוזאַמען מיט אים איבערגעאַ־קערט אַ טייל פעלד אַף ווינטערדיקע פּאַרעס. די הינער מיטן האָן האָט ער דערווייל אָפּגעלאָזט אינם אַרומגעצוימטן הויף, געזוכט פאַר זיי ברעקעלעך, פאַנאַנדערגעגראָבן אַ שטיקל ערד און צוגע־קוקט מיט פאַרגעניגן, ווי זיי פּיקן אויס די ווערים. גאַנצפרי, באַלד ווי ער איז אופגעשטאַנען, איז ער געלאָפן אין הויף אַריין אַף זיי קוקן—ער האָט ווידער געבראַכט אַהער פון די זעמ־ליאַנקעס אַלטער דעם קאַצעווס אייניקל, קעדיי זי זאָל דאָ ארומ־טאַפּן די הינער און אים זאָגן, וועלכע פון זיי דאַרף זיך „לייגן״.

די באַציאונג צו אים מיצאַד די עלטערן אין יענע טעג:

ער איז דער איינציקער אַף דער גאַנצער וועלט, אף וועמען ס'האָבן ניט געווירקט ניט די יאָרן, ניט די אומגליקן — ער איז געבליבן באַם קינדערשן סייכל...

עס פאַרדריסט איבערהויפּט די האַנאָע, וואָס ער האָט פון זיינע זאכענישן — ווי אַמאָל, פּאַקט ער איצט ערגעץ אַ הונט, ליאַנטשעט אים צו צום הויף און מאַכט פאַר אים א דעכל פון צווייגן.

דער הונט זיינער:

אַ פּוילער, אַ הונט, וואָס האַווקעט ניט.

דערפאַר האָט אָבער זיין האָן אין אַ פּאָר טעג אַרום זיך דערפילט דאָ אין הויף גאַנץ היימיש און האט אָנגעהויבן צו קרייען אַלע פאַרטאָג מיטן טאָגלעך, קרייען אונטער די פענצ־טער און שטערן די איינציקע גוטע געוויינהייט, וואס איז נאָך פארבליבן פון אַמאָליקע גווירישע צייטן — די געוויינהייט צו שלאָפן שפּעט אַפן טאָג, צו פאַרגעסן זיך.

שיינדל האָט דעריבער געקרעכצט אין בעט אַלע פאַרטאָג, געקרעכצט הויך און אומיסטן געשריגן אַף א הויך קאָל קעדיי עליק זאָל הערן:

— הערשל, איך האָב א קראַנק האַרץ. איך בעט דיך: האָב ראַכמאָנעס, גיי אַרויס אינדרויסן... הערשל...

— איך בעט דיך: דערהאַרגע דעם האָן, הערשל!

---

מיט א קנאַפּן כוידעש שפּעטער האט זיך אומגעקערט מאָטי:

אַ דאַרער, אַן איינגעבויגענער, מיט אַן אויסזען פון א מענטשן, וואָס וויל אויסבאַהאלטן אין זיך זיין אייגענעם לאַנגן וואוקס.

אַנשטאָט פענסנע האָט ער איצט געטראָגן זייער קליינע ברילן — ניקלענע, פּאָשעטע, אַזעלכע, וואָס פויערים און פויער־טעס קויפן פאר גראָשנס אַף די יארידים.

זיינע שוואַרצע וואָנצים זיינען געוועזן צו גרויס אין פאַרגלייך מיט זיין קליינעם דאַרן פּאָנים. זיינע לאַנגע הענט האָבן גע־וואָלט וואָס מער זיך אַריינשטופּן אין די הויזן־טאַשן. זיין גאַנצע שטויביקע פיגור האט ווי געטראָגן אין זיך א ווייטלעכע באַליי־דיקונג אף די עלטערן, וואָס האָבן אים אָפּגענאַרט — אים גע־וואָלט מאַכן פאַר א געלערנטן, געשטופּט, געשטופּט אין אים פון קליינערהייט אָן, נאָר אַפן ניין־און־צוואַנציקסטן יאָר פון זיין לעבן האָט ער פּלוצים זיך אַליין געלאָזט וויסן זייער איינפאַך און קורץ.

— הער נאָר, דו, באָכער! קיינער דאַרף ניט דיין געלערנטקייט.

אויסער דער אומעטיקער געוויינהייט ארומצושפּאַצירן הין און צוריק מיט פארוקטע הענט אין די הויזן־טאַשן האָט ער מיט זיך פון מאָסקווע גאָרניט ניט געבראַכט.

נאָך די ערשטע פּאָר טעג:

דער פאָטער פּרוּווט זיך סוידען מיט מאָטין, ווי מיט אַן עלטערן פאַרשטענדיקטן זון, און דערציילט אים, ווי אַזוי מ'האט „צוגענומען", און ביזן לעצטן הויז, און ווי אַזוי דעמאָלט האָט זיך נאָך אַלץ אויסגעוויזן: עמעצער וועט זיך איינשטעלן, עמעצער וועט ניט דערלאָזן... נו... און דערנאָך די מאיסע מיט אָט דעם „טרעסט", ווען מע האָט ניט לאַנג אָפּגעגעבן דעם ספּירט־זאַוואָד.

— עס פאַרדריסט: די יונגעלייט — יענע, וואָס פּאָרן אַהער פון „טרעסט" אין זאַוואָד אריין, זיינען סאַכאַקל צווי שוואָגערס, אַזוי זאָגט מען — פאַר דער מילכאָמע האָבן זיי געהאַלטן אין כאַרקאָוו די קאָראָבקע, נאָר סאָפּקאָלסאָף וועט מען זיך דאָך אַרומקוקן: צי עס לוינט גאָר אָט דער גאַנצער בייט... ווי? ניט אַזוי?

צו מאָטין האָט די מוטער צוגעקלאָגט עליקן, ווי אַזוי ער ווייסט ניט, וואָס עס טוט זיך מיט אים:

— פּוסטע אינגלשע מאַיסעס.

— הינער מיט הינט, מיט קאַצאָווישע אייניקלעך, מיט „שמאַ־ארבעטן ערד"... אַנדערע אין שטאָט האָב נאָך גאָרניט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ — מע טוט נאָך עפּעס... און וואָס וועט זיין, אַז מע וועט שוין אופעסן דאָס לעצטע?

מאָטי קוקט אָן פאָטער־און־מוטער ניט מיט די אויגן, נאָר מיט די ברילן־גלעזלעך, און הערן הערט ער זיי, דאַכט זיך, אויך נאָר מיט די ברילן־גלעזלעך. ער זעט אויס אומגליקלעך, ווען זיי שטייען צו אים צו, און פיל מער צופרידן, ווען זיי לאָזן אים צורו. ער שווייגט, ווי אַ פּרעמדער.

פאַרקערט:

מיט עליקן וואַרפט ער זיך אָפּט דורך מיט אַ פּאָר ווערטער, ווי מיט אַ ברודער, און גייט אים נאָך אין הויף אַרויס. עליק ווייזט אים דאָרט אָן, ווי אַזוי וועט אויסזעען אין עק הויף די ניט־דערבויטע קאַמער מיט דער שטאַל.

דורכן פענצטער זעען סיי פאָטער־און־מוטער, סיי די שוועסטער:

מאָטי כאַוועט זיך מיט עליקן — ער גייט מיט אים אָנקוקן די איבערגעאַקערטע פעלדער און שפּאַנט מיט אים ארום צווישן

די קאָלאָניסטישע שטיבלעך, בעאייס אַהין פּאָרט אָן דעם אגראָ־נאָמס קאַבריאָלעט; ער שטייט דאָרט אין רעדל אַרום אַגראָנאָם צוזאמען מיט אַנדערע קאַבצאָנים...

אין אָוונט נעמט זיך דער פאָטער נאָכאַמאָל צו מאָטין, און די שוועסטער גייט ׳דאַן אַרויס אַף לאַנג אינדרויסן, קעדיי ניט צו הערן ווי מאָטי שווייגט. אַז זי קערט זיך אום, שלאָפן שוין מאָטי מיט עליקן אַפן אויסגעבעטן געלעגער, וואָס אין קיך אין ווינקל אַף דער פּאָדלאָגע, נאָר אין שטוב איז נאָך אלץ ניט שטיל — אין צווייטן צימערל פאַרענטפערט זיך דער פאָטער פאר דער מוטער:

— אַז ווער הערט מיך?

— אַז ניט איז דען דאָ צו וועמען צו רעדן?

אַ לאנגער פאַרענטפערן זיך, אַן אומופהערלעכער.

עס טרעפט:

דער שמועס אין צימערל האקט זיך אין דער פינצטער איבער און הייבט זיך אָן נאָכאַמאָל — טאַטע־מאַמע הערן ניט אוף זיך צו זאָרגן פאר איר, דער טאָכטער, פאר איר טאַכלעס, פאַר אירע יאָרן. דענסטמאָל רוקט דאָס לאַנגע מיידל ארויס דעם קאָפּ פון אונטער דער איבערגעדעקטער קאָלדרע, טוט זיך געשווינד א זעץ אוף און קלאַפּט אָן צו זיי אין טיר:

— זאל זיין שטיל... איך וויל שלאָפן.

אַף מאָרגן אינדערפרי אַ נייס אין שטוב:

עליק פאָדערט, מע זאָל אים געבן געלט אַף צו קויפן אַ וואָגן און צוויי פערד, ווייל ס׳איז שוין סאָף אַווגוסט — אַלע אַרומיקע קאָלאָניסטן האָבן שוין צוגעגרייט די פעלדער.

עליקן האָט מען געענטפערט זייער אומעטיק, פאַמעלעך, ווי גלייך דעם ענטפער האט מען שוין פון זיינעטוועגן לאַנג צוגעגרייט:

— ניטאָ קיין געלט.

— פונוואַנען זאָל מען נעמען?

עליק האָט באַקומען שאַרפע אויגן און האָט אַ וואונק געטון מיט גיפט צום צווייטן צימערל:

— פון דאָרט, פונם לייַנענעם זעקעלע... פון בעט...

מע האָט אים קיינער ניט געענטפערט.

עליק האָט דענסטמאָל א פּרעג געטון באַ מאָטין מיט אַזאַ קאָל, ווי ער וואָלט בא אים בעטן הילף:

— וואָס זאָגסטו שוין, א? מאָטי...

מאָטי האט אנשטאָט ענטפערן א שפּאַן געטון הין און צו־ריק, זיך פּאַמעלעך אָנגעטון און פּאַמעלעך אוועקגעגאַנגען פון שטוב.

— איר זעט, צי ניין?

עליק האָט אף אים א ווּאונק געגעבן, זיך א שפּאַר געגעבן מיט ביידע הענט אפן טיש, ארום וועלכן עס זיצן טאַטע־מאַמע, און האָט באוויזן צוזאַמענגעדריקטע ציין:

— קוקט: ער האט אייך פיינט, מאָטי.. איבער אייך האָט מען אים אויסגעשלאָסן... יאָ, יאָ—איבער אייך... איר האָט אונז גע־לערנט, האָט איר אונז... צו וואָס טויגן מיר?

דענסטמאָל האָט פונם אָרט באַם פענצטער זיך אומגעקוקט דאָס לאַנגע מיידל און האָט באַטראַכט עליקס פּאָזע.

— אידיאָט! — האט זי געזאָגט קאַלט און גלייכגילטיק,—שפּילט טעאַטר...

געענדיקט.

קיין געלט האָט מען עליקן ניט געגעבן.

נאָר מיט א וואָך שפּעטער איז ער דאָך מיט איינעם פון די שכיינים געפאָרן ערגעץ־וואוהין אַף א יאריד, און צוריק האָט ער זיך אומגעקערט מיט א פריילעכן „וויאָ", געזעסן אין א נייעם דראָבעניאַק און אונטערגעטריבן מיט א פּאָר פערד—פּרעמדע, היפּשע, פּריש־געקויפטע; איינעם פון זיי איז נאָכגעלאָפן א לאָ־שעקל.

אין יענער זעלבער וואָך:

שיינדל האָט איינמאָל באַטאָג געגעבן אין צווייטן צימערל זייער א הויכן, אומגעוויינלעכן היכץ. אַז מע איז אַהין אַריינגע־לאָפן, האָט מען זי געטראָפן אין כאַלאָשעס, און לעבן איר איז אופגעבונדן געלעגן דאָס ליינענע זעקעלע מיט די זאַכן. אַלץ אין זעקעלע איז געווען גאַנץ. געפעלט האָט דאָרט ניט מער, ווי אַ קליין קעסטעלע מיט א פינגערל — אַ פינגערל מיט א ברי־ליאַנט.

נאָר מאָטי האָט דאָך דענסטמאָל אָנגעהויבן צו פאָרן מיט עליקן אַלע גאַנצפרי אין פעלד אַריין און זיך אומקערן ניט פריער,

ווי מע האָט אָנגעצונדן א לאָמפּ. פונונטן אונטערן וואָגן איז זיי נאָכגעלאָפן דאָס לאָשעקל. הייסט עס: מאָטי איז געווען אַף עליקס זייט — מאָטין אַרט ניט, וואָס די פערד מיטן וואָגן זיינען געקויפט געוואָרן פאַרן פינגערל מיטן בריליאַנט.

זוסמאַן האָט, טראַכטנדיק וועגן דעם, אַרומגעשפּאַנט אין שטוב גאנצע טעג אין די שטעק־שיך. שיינדל האט אים מיט די בליקן אונטערגעשטופּט צו מאָטין:

— נו שוין, פאַרוואָס רעדסטו ניט?

באַ זוסמאַנען איז שוין געווען צוגעגרייט אלץ, וואָס ער וועט מאָטין זאָגן:

— נו, יאָ. סאַמע די צייט דערוף. קינדער אַליין נעמען זיך צו עפּעס רעכטס. יונגע טויגן היינט גאָר בעסער, ווי די עלטערע.

אַז ער איז ענדלעך מיט דעם צו מאָטין צוגעטראָטן, איז דאָס געווען אין הויף, אָנהייב אָוונט, ווען מע האָט זיך אומגעקערט פון פעלד. מאָטי האָט אים געענטפערט:

— לאָז מיך צורו... איך בין מיד.

און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט העלפן עליקן אויסשפּאַנען די פערד.

———

איז ער געווען דער לעצטער, אָט דער:

„לאָז מיך צורו".

איצט רעדט מען מער ניט — די פאַמיליע איז ווי אַף אייביק צעשפּאָלטן אַף צוויי צדאָדים.

איין צאַד:

הירשל, זיין ווייב און דאָס לאַנגע מיידל.

דער צווייטער צאַד:

עליק מיט מאָטין.

די באָכורים אַרבעטן אין פעלד, האָרעווען דאָרט פון גאַנצפרי ביז פאַרנאַכט, וואַשן זיך זעלטן די פּעני־מער, גאָלן זיך נאָך מער זעלטן די בערד, גייען אַף פאַרזאַמלונגען צו די פּאַנאַנדערגעוואָרפענע זעמליאַנקעס, פירן באַגלייך מיט אנדערע געהילצער צו די שטיבער, וואָס מע וועט דאָרט קומענדיקן זומער בויען, נעמען דערפאַר באַגלייך מיט אנדערע אַ קיילעך אינם היי, וואָס מע האָט

אָן זיי אָנגעקאָסעט. נאָכדעם לייגן זיי זיך פּרי שלאָפן און באַמערקן ניט דעם צווייטן צאַד, הערן ניט די טאָג־טעגלעכע שמועסן וועגן „אָפּגעגעבענע הייזער״ און וועגן דעם, וואָס די יונגעלייט פון „טרעסט״ וועלן אינגיכן דורכלאָזן אין דאָברי דעם ספּירט־זאַוואָד...

דידאָזיקע יעדיעס פאַרטראָגט אַהער אלטער דער קאַצעוו, וואָס פירט קיין דאָברי פּליש.

ער פּארפּולט דאָ די קליינע שטוב מיט זיין רייעך פון רויען כיילעוו, פינטלט מיט די קאַליע אויגן, שמעקט טאַבאַק און באַוואונדערט, ווי אזוי אלץ האָט זיך איבערגעדרייט:

— די צוקער־פאַבריק גייט, און דער ספּירט־זאַוואָד גייט.

— מיט איין וואָרט...

— גאָר ווי אַמאָל... גאָר ווי אין די גוטע צייטן.

ער האָט ניט מער וואָס צו דערציילן און גייט פונדעסטוועגן ניט אוועק.

— נו, און אָקסן אף מאליאַס, מיינט איר, וואָלט מען איצט באַם זאַוואָד ניט געקאָנט אוועקשטעלן?

— אָ — אָ! נאָך אַ מין... סקאָט איז ביליק... שטאַרק ווילוול. דאָס אַלץ וועקט און היצט זוסמאַנען.

נאָך דעם קאַצעווס וויזיטן שפּאַנט ער ארום אין די שטעקשיך, ווי אַ פאַרטשאַדעטער, קאָן ניט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַנשלאָפן ווערן, און אף מאָרגן באַשרייבט ער נאָך אַלץ פאַרשידענע שטיקלעך פּאַפּיר מיט פיל ציפערן און מאַכט נאָך אַלץ דעם כעשבן, וויפל טויזנט פּוד פּאַטעקע עס זיינען געבליבן אין זאַוואָד אין די גריבער, וויפל פּוד אָליען און האָלץ, און וויפל וואָלט מען אף זיי פאַרדינט. דאָסזעלבע כאַזערט זיך איבער אַ וואָך נאָך אַ וואָך. און ווייל קיינער פון די אַרומיקע נעמט אין אָט די כעשבוינעס קיין אַנטייל ניט און ווייסט ניט, אין וואָס זיי באַשטייען, ווערט זוסמאַן ביסלעכווייס דורך זיי אַ דריטער, אַ באַזונדערער צאַד אין דער פאַמיליע און לעבט מיט אַ באַזונדער אָפּגעטיילט לעבן.

אינדרויסן פאַלן די ערשטע שנייען. שיינדל האַקט טאָג־טעגלעך אין קאָפּ אַריין וועגן פאָרן אין שטאָט, וועגן אַ דירע, וואָס מע קאָן איצט קריגן, וועגן אַ בייט, וואָס מע קאָן דאָרט

מאַכן מיטן שאָכן, וועגן אַ געשעפט... נאָר ער הערט קוים און רעדט אָפּט צו זיך אַליין:
— נו, יאָ... דער כעשבן איז ריכטיק...

.IV

אין פעלד דרייען ווינטן מיט זאַווערוכעס גאָר אַנדערש, ווי זיי דרייען מיט זיי אין שטאָט — ווינטן אף צו דרייען אָן שיר פליגל פון ניט־געשטויגענע, ניט־געפלויגענע ווינטמילן פּאַטשן מיט סימכע, פאַרפּאַטשן ווי פון כויזעק וועגן. מיט יעדער באַזונ־דער שנייעלע — אַ שפּיל פון קאַץ־און־מויז. פונם שטיבל, וואָס אַקעגן די זעמליאַנקעס, זעט מען עס טאָג־איין — טאָג־אויס.

דאָס לאַנגע מיידל שטייט אין פענצטער און קוקט אזוי זיך, פויל; באַם שטיבל קרעכצט דער דאַך אַראָפּגעטראָגן צו ווערן.

ווינטן שמייסן דעם שיטנדיקן שניי פון אונטן ארוף, פון אויבן אַראָפּ, ציילעמענדיק די שטרעקעס מיט יאָגנדיקע זיילן. פארווייטע שפּרינגען־אונטער מאָטי מיט עליקן, פאָרקענדיק אין הויף: זיי מוזן פארשטעלן כאָטש איין צאָפּנדיקע וואַנט מיט אַסאַך שטרוי — עס מעג פון דעם ווערן אין קיך פינצטער; עס העלפט ניט טרעטן אף דער שטרוי מיט די פיס און אָנלייגן פון אויבן דריינגלעך — דער ווינט צעטראָגט. פון די זעמליאַנקעס איז עמעצער צו זיי געקומען און זיי געגעבן אן אייצע: מע דאַרף דערצו האָבן כאָטש אַכט אָדער צען לייטערס. נאָר וואו נעמט מען לייטערס — אַף קריגן איז שוין איצט עפּשער צו שפּעט, צו שפּעט, — איצט, ווען ווינטן שמייסן מיט שיטנדיקן שניי פון אונטן ארוף און פון אויבן אַראָפּ און ציילעמען די שטרעקעס.

אין פעלד דרייען ווינטן מיט זאַווערוכעס גאָר אַנדערש, ווי זיי דרייען מיט זיי אין שטאָט.

זיי האָבן אַזוי אָפּגעדרייט אַ טאָג אַכט און זיינען געבליבן שטיל. עס האָט זיך געזאָלט איינשטעלן אַ וועג. אָנגעטון און פאַרוויקלט אזוי, אַז בא אים זאָלן קאָנען פרירן ניט מער, ווי די בלאָנד־גרויע וואָנציס מיטן שפּיץ נאָז, איז זוסמאַן געזעסן אינם גרענדזשאלע־שליטן פונם קאַצעווס יונגערן זון און איז געפאָרן אין שטאָט מיטן פעסטן באשלוס:

— מאַכן אַן עק... איינמאָל פאַר אַלעמאָל.
נאָר פון דער אַנדערער זייט:
— אויב עס וועט זיך לאָזן.
אין שטאָט האָט ער זיך געזעען מיט כאַים בארים — מיט יענעם זעלבן כאַים באַרימען, וואָס האָט אויך אַ זון אַן אויס־געשלאָסענעם סטודענט און איז אויך געווען רייך און האָט זומער געזאָגט וועגן זוסמאַנס אַרויספאָרן אַף ערד:
— כּוכּע וועטלילע.
באַרימען האָט ער באַגעגנט אין גאַס מיט אַ געלאַטעטן פּאַלטאָ, מיט געלאַטעטע שיך און מיט אַ באָרד, וואָס איז ניט געשוירן און ניט גאַנץ.
זוסמאַן האָט בא באַרימען געפרעגט:
— נו... וואָס הערט זיך?
באַרים האָט געענטפערט:
— וואָס זאָל זיך הערן? ס'איז פריילעך.
זוסמאַן האָט געפרעגט:
— דעהאַינע?
באַרים האָט געענטפערט:
— פאַראַן אין לאָשן־קוידעש זיבן ווערטער אַף אַ קאַבצן.
— נו?
— איז קיין איינס פון זיי פאַר מיר ניט צוגעפּאַסט. איך זוך דאָס אַכטע.
דערנאָך האָט ער גלאַט אַזוי אַף זוסמאַנען אַ קוק געגעבן — ער האָט בא אים געפרעגט:
— עפּשער זוכט איר אויך?
און נאָך איין זאַך האָט זיך זוסמאַן אין שטאָט דערוואוסט.
— דעם דאָבּרער ספּירט־זאַוואָד האָט דער „טרעסט" טאַקע דורכגעלאָזט — ער גייט אַף אַן עמעס.
איצט איז זוסמאַן שוין געווען צוריק. ער האָט זיך געוואַרעמט בא דער הרובע, וואָס עליק האָט גאַנצפרי אָנגעהייצט, ער האָט וועגן דעם דאָבּרער ספּירט־זאַוואָד געדיינקט:
— ער גייט, אַף אַן עמעס.
און אינדרויסן האָט שוין ווידער געשאָטן. באַם פענצטער איז געשטאַנען דאָס לאַנגע מיידל און האָט געקוקט גלאַט אַזוי זיך, פויל:

אין פעלד דרייען ווינטן מיט זאַווערוכעס גאָר אנדערש, ווי זיי דרייען מיט זיי אין שטאָט — זיי פּאַטשן און פאַרפּאַטשן, ווי פון כויזעק וועגן; מיט יעדער באזונדער שנייעלע — אַ שפּיל פון קאַץ־און־מויז.

———

אין שליטוועגס באַ איינגעפּרעסטע און פאנאַנדערגעלאָזענע שנייען:

מאָטי מיט עליקן פירן האָלץ פון אַ ווייטלעכן וואַלד צו אַ ווייטלעכער באַן־סטאַנציע — פריער מיט שמאָלע, זייטיקע ווינ־טער־וועגן, און נאָכדעם, ווען דער שניי לאָזט — מיטן טראַקט.

פאר זייער פור און הינטער איר:

אַ גאנצע ריי פורן פון ווייטע דערפער און פון די קאָלאָניסטן פון די נאָענטע זעמליאַנקעס; מע וואַרפט אָפּ די שווערע מאַסע באַ דער סטאַנציע און מע פאָרט צוריק נאָך נייע. אַז מע אַרבעט אַזוי אין צווייען, פאַרשפּאָרט מען צייט באַ אָנלאָדן און אויס־ליידיקן דעם שליטן אָדער דעם וואָגן — מע קאָן זיך אומקערן צוויי מאָל אַ טאָג.

דער גערוך, וואָסביידע באָכורים גיבן פון זיך ארויס:

אַ גערוך פון פערדישע שלייעס און פון פויערש ברויט אויס־געמישט מיט דזעגעכץ און מיט שווייס. אין אָוונט, אַז זיי קומען אַהיים, פילט זיך פון זיי אָט דער גערוך איבער דער גאַנצער שטוב און פאַרטרייבט פון דאָרט די לעצטע האָפענונג, אַז די געוועזענע גוטע צייטן וועלן זיך צוריק אומקערן. אין שטוב איז דאַן ווי קיינער ניטאָ. בלויז זוסמאַן דער פאָטער דרימלט אף אַ שטול לעבן דער קאַלט־ווערנדיקער הרובע און דרימלענדיק האָט ער אַ פולן קאָפּ מיט ציפערן — ציפערן פון צענער טויזנטער פוד פּאַטעקע, פון גרויסע באַלאַנסעס מיט אָלין, פון אָנגעלאָדענע וואַגאָ־נעס ספּירט.

אַלע פרימאָרגן נאָך די באָכורימס אַוועקפאָרן לופטערט דאָס לאַנגע מיידל די צימערלעך, ווי נאָך שלעכטע קוואַרטיראַנטן. נאָר אין אָוונט, ווען מע צינדט אָן דעם לאָמפּ, קומען פריער אָדער שפּעטער די באָכורים צוריק, און אינאיינעם מיט זיי — זייער גערוך. זיי האַלטן זיך אוף, ווי אָפּגעזונדערט, אין קיך, און דאַן פאַר־

דריסט, די כאוועריזשקייט, וואָס הערשט צווישן זיי, זייער הויך רעדן און דאָס, וואס עליק לאכט דאָרט אָפּט הויך אַף אַ קאָל.

איצט זיינען שוין די וועגן קאליע. קיינער פון די ווייטע דערפער און פון די קאָלאָניסטישע זעמליאנקעס פאָרט שוין מער ניט אין וואלד, אינדרויסן שמעקט די לופט מיט אָנהייב פרילינג, נאר די באָכורים פירן נאך אלץ — זיי האָבן זיך אויסגערעכנט דערפירן ביז צו אַ געוויסן כעשבן — זיי מעגן אפילע ארייַנפירן אין ערעוו־פּייסעך.

אין איינעם אזא טאָג האט זיך בא זיי צעבראָכן דער אָנגע־לאָדענער וואָגן אין סאמע מיטן טראקט. זיי האבן אים לאנג געהויבן מיט דריינגלעך און אים געפּרואווט מיט וואָס זיי האבן געקאנט. עס איז געווען אַ טאג — אַ מאלכעס. עס האט געוואָרעמט די זון, אין ביידע זייטן וועג האָט געמורמלט דאָס אָפּלויפנדיקע וואסערל, זיך געריינצלט, געפּלאָסן — אַן אויסגאָס פון טראָפּ־טריפנדיקן אוועקלויפנדיקן קרישטאָל.

עס איז געווען פארנאכטלעך, ווען די זון האט זיך גענזאָלט זעצן. דער וואָגן איז שוין קימאט געווען פּאָרטיק אף ווייטער צו פאָרן, און מיטן טראַקט איז דענסטמאָל אָנגעלאָפן אן אווטאָ־מאָביל, אַ נייער, אַ בליאסקנדיקער. איינער פון די פאָר פרעמדע יונגעלייט האָט זיך נאָכגעפרעגט אפן וועג:

— קיין דאָברי, צום ספירט־זאוואָד...

די באָכורים האבן אלץ געפּראַוועט דעם וואָגן, ניט אומקוקנ־דיק זיך און ווי קיין כיישעק ניט געהאט צו ענטפערן.

— גלייך... גלייך,—האָט ענדלעך אין נאָז אַ פאָנפע געטון מאָטי, — גלייך מיטן וועג.

ער האט אין זייט וועג אופגעהויבן אַ גרעסערן שטיין אף צו פארשלאָגן עפּעס אין וואָגן, זיך אָנגעבויגן און זיך איינגעקוקט:

אפן אָרט, פונוואנען ער האט אוועקגענומען דעם שטיין, האָט געגרינט אַ רייפּעלע פון יונגע גרעזלעך — פרישע, צערטלעך־שוואכע, ליגנדיקע און צוגעפלעטשטע אונטער דער שווערקייט פון שטיין.

עס האט זיך פארביינקט נאך באַארבעטע ווינטער־פעלדער און נאָך יענע פעלדער, וואָס דארפן באארבעט און פארזייט ווערן אף זומער.

הילכיק, פריש, ווי אויסגעשלאָפן, קלאַפּן נאָכן ווינטער פאַר־
ביילויפנדיקע פורן אפן טראַקט.

צווישן די פורן: דער לויפנדיקער אַווטאָמאָביל פון „ספּירט־
טרעסט”. ער טראָגט טאָג־טעגלעך די פרעמדע יונגעלייט פון
דער שטאָט צום זאַוואָד און פון זאַוואָד צוריק אין שטאָט.

אַלע פרימארגן אזוי — בא נאָכגעלאָזטע פרעסטלעך, בא
שטראַלנדיקער זון, ווען אין שטילער וואַרעמקייט קריכן גרעזעלעך
פון די בייטן. דער הילכיקער געשריי פון אָט דעם אווטאָמאָביל
פאַרפּולט פון ווייטנס די לופט מיט קאָכנדיקן פּלוידער — אַ שוואַר־
צער אויסגעלאסענער פלעק, וואס יאָגט געשווינד איבער דעם
גרויען טראַקט, וואס שליינגלט זיך איבער גרינע באַאַרבעטע
פעלדער.

און אין דערזעלבער צייט אין שטיבל, וואָס אקעגן די זעמ־
ליאַנקעס:

הירשל זוסמאַן זיצט דאָרט ווי אין טשאַד. ער כאַזערט צי־
פערן אַף אויסנווייניק און שרייבט ציפערן אַף פּאַפּיר. פאַרשי־
קערט פון גרויסע סאַכאַקלען, נעמט ער נאָכאַמאָל איבערעכענען
אָט די אַלע כעשבוינעס אפן קאָפּ און נאָכאַמאָל זיי אופשרייבן אַף
פּאַפּיר — דאָס זיינען כעשבוינעס, וועלכע ער גרייט זיך צוצושטעלן
די יונגעלייט פון „טרעסט”, וואָס האָבן דורכגעלאָזט אין דאָברי
זיין זאַוואָד — כעשבוינעס אַף פּאטעקע, פאַר אָליען, פאַר האָלץ,
פאַר אַרענדע...

מאָטי מיט עליקן האָבן דעמאָלט שוין ווידער געאַרבעט אין
פעלד און אין קליינעם אָפּגעצוימטן הויף, געאַקערט, געזייט. ער־
געץ האָבן זיי געקראָגן געלט, געקויפט א קו, וואָס האַלט באַם
קעלבן זיך. די קו האָט זיך אָפּגעקעלבט, איז ניט געווען, ווער
ס'זאָל זי מעלקן. די באָכורים האָבן געבראַכט אַהער מאַלקען, דעם
קאַצעווס אייניקל, געשטאַנען איןביידע זייטן, געקוקט, ווי דינע,
ווייסע שטראָמעלעך פליסן פון אונטער מאַלקעס בעריעשע הענט
אין מעלקשעפל אַריין, און ענדלעך זיך אַליין אויסגעלערנט מעלקן.

די מילך האָט דאָ נאָכדעם געזויערט אין מעלקשעפל אַפן טיש.
די באָכורים זיינען אָונט געווען אין קאַס, איבערהויפּט עליק —
ער האָט זיך געקריגט מיט דער שוועסטער, מיעס געקריגט. נאָר
הערשל האָט ניט געהערט — ער האָט געכעשבנט. און ווייל קיינער

אין שטוב האָט זיך מיט זיינע כעשבוינעס ניט אינטערעסירט, האָט ער ביסלעכווייס אָנגעהויבן צו גיין צום אַלטן קליין־בוטשאטשער קאַצעוו אַהיים, אים ארויסרופן אף א סאָד און אַרויסלייגן פאר אים אָט די אַלע כעשבוינעס זיינע, מיט וועלכע ער קלייבט זיך צו גיין צו די יונגעלייט פון „טרעסט״, ווי אַזוי די כעשבוינעס זיינען ניט קיין אופגעבלאָזענע, זיי זיינען עמעסע, און ווי אזוי ער קלערט, אז ווער דידאָזיקע יונגעלייט זאָלן ניט זיין, נאָר עפּעס... וויפל ניט איז... כאָטש א קליינעם כיילעק, כאָטש א קליינעם פּראָצענט מוזן זיי אים געבן, ווייל די כעשבוינעס זיינען עמעסע, און ווי קלערט דער קאַצעוו — וואָס? ניט אַזוי? די כעשבוינעס מוזן ווירקן!!

דער קאַצעוו האָט געפּינטלט מיט די קאַליע וויעס, געשמעקט טאַבעקע מיט א פרומען פּאָנים, ווי אַלעמאָל, ווען ער געדיינקט, אַז בא די זיידעס פון אָט דעם הערשעלע זוסמאַן האָט ער אַמאָל געדינט אין די גרויסע אָקסנשטאַלן. ער האָט מוידע געווען, אַז יאָ:

— מע דארף אַזוי קלערן... עפּעס, כאָטש וויפל ניט איז וועלן זיי געבן...

דעמאָלט האָבן באַם לאַנגן זוסמאַנען ווי אין טשאַד געשטראַלט די אויגן און האָבן מיט גלאַנץ געקוקט אַפן קאַצעוו:

— נו, געוויס... אַזוי דאַרף מען קלערן.

עס איז געווען די לעצטע וואָך וואָס פאַר פּייסעך. די כעשבוינעס זיינען געווען פאַרטיק. די יונגעלייט פון „טרעסט״ האָבן יעדן טאָג געקאָנט אַוועקפאָרן אף פּייסעך. הערשל זוסמאַן האָט זיך ניט דערוואַרט אף קיין פור און האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין דאָברי צופוס. ער איז צוליבדעם אופגעשטאַנען גאַנצפרי, ווייל פונקט אין יענעם טאָג האָט דער אַלטער קאַצעוו באַדאַרפט האָבן קיין דאָברי — זיי האָבן זיך אַהין אַוועקגעלאָזטביידע צוזאַמען.

## .V

אַרום 11 אַזייגער אינדערפרי.

זיי זיינען שוין ווייט אַפן טראַקט.

אַלטער דער קאַצעוו האָט געטריבן קיין דאָברי א מאָגערע יאַלעווע קו. דאָרט האָט ער געדאַרפט די קו קוילען, קאָשער מאַכן

און פאַרקויפן דאָס פלייש אַף פּייסעך צו די אָנגעשטעלטע פונם ספּירט־זאַוואָד און פון דער נאָענטער גרויסער צוקער־פאַבריק.

ער האָט מוירע געהאַט צו פאַרשפּעטיקן.

דערצו נאָך האָט אים דאָבּרער שויכעט נעכטן אין אָוונט אָנגעזאָגט, אַז בּא א לאָמפּ קוילעט ער ניט, ווייל ער זעט שלעכט, און אַז מאָרגן גאַנצפרי גייט ער אַוועק אַף דער געגנט. דער קאַצעוו האָט דעריבּער אונטערגעשאַלט, אַלע ווילע מיט זאָרג אין די פינצטערדיקע אויגן געקוקט אַף דער זון. נאָר דער מעיוכעסדיקער הערשל זוסמאַן איז לאַכלוטן ניט געווען געוויינט צו שטעלן פיס ווי געהעריק און האָט באַלד אַף די ערשטע טראַקט־וויאָרסטן אָנגעהויבּן אָפּצושטיין און שאַרן מיט די טריט, ווי א געפּענטעטער. האַלטנדיק אַפן קאָפּ די כעשבּוינעס, וואָס ער טראָגט אין בוזים־טאַש, האָט ער אַלע ווילע אין צעטראָגנקייט געפרעגט באַם קאַצעוו:

— דעם אַווטאָמאָביל מיט די יונגעלייט זעט מען ניט, האַ? מינאַסטאַם זיינען זיי שוין פון שטאָט דורכגעפאָרן.

און נאָך:

— קיין דאָבּרי איז נאָך ווייט, האַ, אַלטער? מינאסטאם איז נאָך ווייט...

— פאָלגט מיך,—האָט אים געלערנט דער קאַצעוו,—איר שלעפּט בּעסער אַראָפּ די שיך און נעמט זיי בּימכילע אין די הענט אַריין, אָט ווי איך מיינע שטיוול. דער שטיין, פּאַני זוסמאַן, איז שוין וואַרעם פון דער זון, אַ מעכאַיע, זאָג איך אייך, אַזוי איז פיל גרינגער דער וועג. און אויסערדעם, היינטיקע צייטן, אז מע האָט אַ פּאָר שטיוול, דאַרף מען זיי היטן ווי, לעהאַוודל, א בּעניאָכיד.. שטיוול זיינען היינט טייַער... מעסוקן טייער...

געשעען איז דאָס ווי אַף צולאָכעס:

פּונקט אין יענעם אויגנבליק, ווען דער מעיוכעסדיקער, לאַנגער זוסמאַן האָט זיינע אַראָפּגעשלעפּטע שיך און זאָקן גענומען אין די הענט אַריין און האָט מיט ציטערדיקע באָרוועסע פיס אָנגעהויבּן טאַפּן די וואַרעמקייט פון שטיין, האָט ווייט פונהינטן הילכיק אַ פּלוידער געגעבּן דער מאָטאָר פונם אַווטאָמאָביל — א פּלוידער געגעבּן, ווי מיט א מאָדנער פרייד, וואָס די זון שיַינט, וואָס די לופט איז שטיל און וואָס יעדערער, ווער עס וועט זיין

פֿלוידער דערהערן, וועט אים נעמען זוכן אין דער אַרומיקער געגנט מיטן אויג.

איצטיקס מאָל האט ער מיט זיין שוואַרצן, יאָנטעוודיקן גלאַנץ געיאָגט אַהער פון א זייטיקן פריילעכן וועג. ער האָט געשווינד אויסגעמיטן א קליין בלאָטיק דערפל; ער האָט פארשפּריצט מיט א פאַרפּייסעכדיקער קאַליוזשע וואַסער די פּוסטע, כאָרעווע פערמע זאַבאַרע און איז מיט א וויגנדיקן טרייסל אַרוף אפן האַרטן וועג פון טראַקט. די געדרייטע געדערים פון זיין אָפּגעפּוצטער מעשע־נער טראָמפּייט האָבן דאָרט אַ כאַפּ געטון א צעהיצט בינטל שטראַלן בא דער פריילעכער פרימאָרגן־זון, און דער טראָמפּייט אַליין האָט דערביי געהאַלטן אין איין בלאָזן און כאָרכלען אף א פּאָשעטער גאָיִשער פור, וואָס טרייסלט אַרויס די קישקעס בא א האַלבן מיניען פּויערים.

אָט האָט דאָרט די פּויערשע פור אַראָפּגענייגט אין אַ זייט, אָפּטרעטנדיק דעם אַוטאָמאָביל דעם וועג. בא די פּויערים האָבן די אויגן א בלאָנזשע געגעבן ווי אין שרעק; זיי האָבן באַוויזן אויסצודריקן טעמפּקייט, וואָס האָרעפּאַשניקעס דערפילן, ווען לעבן זיי טראָגט זיך געשווינד א געשווינד יאָנטעוודיק לעבן; זיי האָבן באוויזן צו באַמערקן אפן אַוטאָמאָביל צוויי פּענימער, א טראַכט צו טון:

— אידן.

און דער אַוטאָמאָביל איז לעבן זיי שוין ניט געווען. ער איז געשווינד אַוועק און האָט פונוייטנס אָנגעיאָגט א שרעק אף אַל־טער דעם קאַצעוו און אף הערשל זוסמאַן, די צוויי פּוסגייער, וואָס קריכן אפן טראַקט, ווי צוויי שוואַרצע פליגן.

— פּיטש! פּיטש! — האָט געפּאַטשט אין דער לופט דעם אַוו־טאָמאָבילס גרויסער סיגנאַלגעבער — פּיטש! פּיטש! פּיטש!

— האָב דיר אַכציק שוואַרצע יאָר! — האָט זיך געשאָלטן דער אַלטער קאַצעוו, — האָב דיר אַכציק שוואַרצע יאָר!

בא אים האָט זיך דערשראָקן די מאָגערע יאַלאָווקע און האָט מיט בריקנדיקע פּיס אַוועקגעיאָגט אין א זייט מיט די גרינע, פאַר־זייטע פעלדער.

דער אַלטער קאַצעוו איז אַוועקגעלאָפן כאַפּן די קו פארן שטריקל, און הערשל זוסמאַן איז געבליבן איינער אַליין אפן טראַקט.

זיין הוט איז אים אַראָפּגעפֿאַלן. דער פֿאַרביילויפֿנדיקער אַוטאָ־מאָביל האָט א בלאָז געגעבן מיט ווינט אף זיינע גרוילעך־בלאָנדע האָר און אַף זיינע באָרוועסע פֿיס. די פֿאַרמאַכטע ליפּן האָבן אַ ציטער געטון צוזאַמען מיט דער גאַנצער לינקער נערוועזער באַק און מיטן זעקעלע, וואָס אונטערן אויג. דער שטערן האט זיך אָנ־געבּרויגעזט, און זיין גאַנצע צורע האָט זיך וועגן עפּעס פֿאַר־טראַכט, שטאַרק פֿאַרטראַכט.

— אר־וואַ,—האָט ער גערעדט צו זיך אַליין,—אַ שאָד... א שאָד...

אַן אויסזען איז בא אים געווען אַזאַ, גלייך ער האָט עפּעס ביז אין אָט דער מינוט פֿאַרגעסן—סאַמע דעם איקער האָט ער ביז איצט פֿאַרגעסן. נאָר דער קאַצעוו האָט שוין איצט קיין צייט ניט געהאט זיך אַוועקצושטעלן טראַכטן.

— קומט, רעב הערשעלע—האָט ער אונטערגעאײַלט, — קומט, עס ווערט שפּעט.

———

טכילעס אָוונט זיינען ביידע ארויסגעגאנגען צוריק פֿונם ספּירט־זאַוואָד און זיך אַוועקגעלאָזן מיטן טראקט קיין קליין־בוטשאַטש.

דער אַלטער קאַצעוו האט געטראָגן אף זיך א פֿריש אָפּגע־שונדענע פֿעל, א פּייכטע און האָריקע, וואס שמעקט מיט רויען ביילעוו פּונקט ווי ער אַליין. און בא הערשל זוסמאַן האָבן פֿון די טאַשן פֿון זיין אַלטמאָדישן פֿאַלטאָ ארויסגעשטעקט די פֿאַר־שטאָפּטע העלזלעך פֿון צוויי בײַכיקע פֿלעשער מיט ספּירט; די פֿלעשער האָבן אים געקלאַפּט איבער די פֿיס און אים געשטערט צו גיין. און ווידער האָט זיי איבערגעיאָגט דער אַוטאָמאָביל מיט די צוויי יונגעלייט פֿונם „טרעסט״, וואָס פֿאָרן אף נאַכטלעגער אין שטאָט אריין.

— טאַ! — האָט געזאָגט דער קאַצעוו, — אַנדערע יאָרן... גאָר אַנדערע יאָרן.

נאָר הערשל זוסמאַן איז נאָך אַלץ געווען ווי פֿאַרהילצערט און האָט ניט גערעדט.

פֿאַר זיינע אויגן:

דריי זידנדיקע קאָרפּוסן פֿון ספּירט־זאַוואָד, דער אויסגעשטיי־נערטער הויף ארום — די עלעקטרישע באַלייכטונג, וואס מע האָט

דאָרט ניט לאַנג איינגעפּירט. און די אָנגעשטעלטע זיינען קימאַט דאָרט אלע געבליבן די פריערדיקע, אַלע די פריערדיקע. די קינ־דער פון דידאָזיקע אָנגעשטעלטע האָבן זיך באהאַלטן אונטער ווענט פון די געביידעס און האָבן פון דאָרט אונטערגעקוקט, ווי אַזוי ער, הערשל זוסמאַן, דרייט זיך אַרום אין הויף צווישן די קאָרפּוסן, און ווי אַזוי אייניקע נייע אָנגעשטעלטע, וואס קאנען אים ניט, דער־פרעגן זיך בא אים, ווער ס'האָט אים אין זאַוואָד אריינגעלאָזט.

פאר זיינע אויגן:

די צוויי יונגעלייט פון „טרעסט" — פרעמדע, שטריינג־באַשעפ־טיקטע, וואָס האָבן אלץ קיין צייט ניט אים אין קאָנטאָר אופצור־נעמען, און נאָכדעם, אז זיי נעמען אים שוין ענדלעך אוף, מאַכט איינער פון זיי אַוועק מיט דער האַנט אף די כעשבוינעס, וואָס ער שטרעקט אויס.

— אונז, — זאָגט ער, — איז פאַרוועדט... מיר קאנען ניט פאר־האַנדלען מיט פריערדיקע באַלעבאַטים.

די יונגעלייט הייבן גלייך אָן אופצונעמען אנדערע מענטשן, נאָר ער שטייט נאָך אַלץ. איינער פון זיינע פריערדיקע אָנגע־שטעלטע רעדט פאר אים זייער שטיל דאָרט באַם טיש. איינער פון די צוויי יונגעלייט פארבייסט די ליפּ, און עס דויערט אזוי א ווײַלע; ביידע שעפּטשען דעם אָנגעשטעלטן עפּעס אין אויער. דער אָנגעשטעלטער רופט אים ארויס אינדרויסן. דאָרט לאָזט ער אים א ווײַלע וואַרטן אונטער איינעם א קאָרפּוס, נאָר באַלד קומט ער צוריק און שטופּט אים אין די טאַשן אָט די צוויי פלעשער ספּירט — אָט די צוויי פלעשער ספּירט, וואָס בויטען זיך איצט בא יעדן טריט, קלאַפּן אים איבער די פיס און שטערן אים צו גיין.

זוסמאַן הערט נאָך אלץ ניט, וואָס דער קאַצעוו רעדט, ער דערפרעגט זיך:

— נאָך ווייט אַהיים?.. אַ? נאָך זייער ווייט?..

ענדלעך, אַרום 11 אַזייגער אין אָוונט, האָט דער קאַצעוו אים צוגעפירט ביז צו זיין שטיבל. נאָר זוסמאַן האָט פון צעטראָגנקייט נאָך אלץ ניט געוואוסט, וואו ער געפינט זיך.

— גיי, גיי, — האָט ער געזאָגט צום קאַצעוו, — איך וועל שוין אַליין טרעפן.

ער איז געבליבן איינער אַליין. ער האָט דערקאָנט זיין שטיבל. ער האָט ארויסגענומען ביידע פלעשער ספירט פון די טאַשן און האט זיך ווי גנייוויש אַרומגעקוקט. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל מיט זיי טון.

— ניין, — האט ער געמורמלט, — כאָלילע... איך דארף זיי ניט.

דערנאָך איז ער אריינגעגאַנגען אין הויף און האָט אַרונטער־געשטופט איין פלאַש טיף, טיף אונטער א הויפן פרישן פערדישן מיסט. ער האט אָפּגעוואָרט א ווײלע און האָט אונטער דעם הויפן אַרונטערגעשטופּט די צווייטע פלאַש. איצט איז אים מיטאַמאָל ווי גרינגער געוואָרן. ער האָט זייער שטיל א קלאַפּ געטון אין טיר פון שטיבל, ווי ער וואָלט וועלן אויספּרובירן, צי מע שלאָפט דאָרט שטאַרק, צי גרינג.

---

עס איז געווען שפּעט אום זומער. פון שטאָט קיין קליין־בוטשאַטש איז געקומען כאַים באַרימס באָכער — מאָטיס א באַ־קאַנטער פון אַמאָל, אויך אַן אויסגעשלאָסענער סטודענט. ער האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן די קאָלאָניסטישע שטיבלעך, וואָס בויען זיך. ער איז געקומען זיך צוקוקן:

— עפּשער... טאַקע... עפּשער א פּלאַן?

ער האָט אויסגעזעען כאַלעמויעדיק. פון פעלד האבן פארנאַכט אף זייער וואָגן זיך אומגעקערט מאָטי מיט עליקן, פאַרפאָרן אין הויף און האָבן אים דאָרט געטראָפן.

— אָ! — האָט א זאָג געטון מאָטי, אַרונטערשפּרינגענדיק פון דער פור.

געדאַכט האָט זיך: ער האָט דערקענט דעם באָכער, נאָר ער האָט פאַרגעסן ווי ער הייסט.

ער איז אזוי א ווײלע געבליבן שטיין א באָרוועסער מיט אונ־טערגעבראָכענע, ציטערנדיקע קני אונטער די אָפּגעפּליקטע הויזן און מיט שעמענדיקן בליק פון קורצזיכטיקע אויגן, וואָס זעען שלעכט אָןברילן און האָבן זיך ניט וואו אַהינצוטון.

— וואָס זאָל מען מאַכן? — האט ער געזאָגט, — אָט שוין, דאַכט זיך, באלד א יאָר?

עס איז צוגעפאלן די נאַכט. עליק האט אויסגעשפּאַנט די פערד. אין ווינקל פון הויף, אף טרוקענעם היי, איז געלעגן דער פרעמדער באָכער, און לעבן אים, איינגעבויגן און פאַראַקשנט — מאָטי. פון קעגניבער דעם דינעם אָפּגעצוימטן ווענטל האט זיך געהערט, ווי גלייכמעסיק עס קײַען די פערד, און אונטער דער באַלייטונג פון אָט דעם גלייכמעסיקן קײַען האט פאַראַקשנט געמורמלט מאָטיס קאָל:

— נו, יאָ — דאס איז שאַבעס, דאס איז וואָך...

און שפּעטער אַביסל:

— איך וועל איינגיכן האָבן 10 גוט באַאַרבעטע דעסיאַטין... אָט וואָס: א יאָר אזוי, און צוויי, און פינף, און ביז דער עלטער... פאַרוואָס ניט?.. סײַוויסײַ ניטאָ קיין ברייערע.

עס האָט זיך געדאכט:

ער וועט באלד אָנהייבן רעדן וועגן זיין טאַטן, וואָס לעבט שוין איצט ניט, וועגן זיין זיידן, וואס אז ער איז געשטאָרבן, איז אָט דער טאַטע זיינער ארומגעגאַנגען און זיך נאָכגעפרעגט, טאָמער איז בא עמעצן כאָלילע געבליבן ניט אָפּגעצאָלט זיינס א וועקסעלע... וועגן ערגערע כויוועס האט ער ניט פארשטאנען... און אָט: ער מיט עליקן — קינדער פון אזויפיל דורות, וואָס האָבן געגעסן פרעמדס און צעטרענצלט פרעמדס, מוזן צאָלן כויוועס... צאָלן כויוועס מיט אַרבעט.

נאָר ארום איז געווען שטיל. ס'איז געווען אנגענעמען צו ליגן אין היי און זיך אײַנהערן, ווי די פערד קײַען און ווי אַביסל אין א זייט מעלקט עליק די קו — דינע שטראָמעלעך פליסן פון אונטער זיינע הענט אין ליידיקן מעלקשעפל אריין פריילעך, ווי אום יאָנטעוו.

דער פרעמדער באָכער האט געקײַעט א שטרוי.

מאָטי האט געזאָגט:

— סײַוויסײַ... ס'איז גאָרניט אזוי שלעכט...

---

# הירשל טאָקער

I

פון באַראַק נומ. 12, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון אַ דאָרף אַף יענער זייט רוסישער גרענעץ, האָט געשמעקט מיט יאָדאָפאָרם, מיט דזעגעכץ און מיט דעם באַזונדערן רייעך, וואָס שמעקט שטענדיק אַרום קראַנקע אַף פלעק־טיפוס. נאָר געדוכט האָט זיך, אַז די אַלע רייכעס פילן זיך ניט נאָר פון דעם באראק אליין; מיט יאָדאָפאָרם, מיט דזעגעכץ און מיט פלעק־טיפוס שמעקט דער טיף־דורכגעפוילטער אָסיען, וואָס האָט קיין סאָף ניט; מיט זיי שמעקט דער שטארק־נידעריקער, קויטיקער הימל, וואָס זיפט טאָג און נאַכט זיין פליסיקייט, ווי דורך אַ געדיכטער זיפּ, און אויך די צייט שמעקט אַזוי — די גאַנצע צייט, וואָס האָט קיין זון ניט, די צייט, וואָס נאָך אַ קריג. רעכטס פונם באראק, מיט דעם בלאָטיקן וועג צום שטרויענעם דערפל, וואָס פוילט אונטער דעם דריבנעם, קלעפּיקן רעגן, זיינען געגאַנגען צוויי סאָלדאַטן מיט גיכע טריט פון מענטשן, וואָס האָבן עפּעס אין דאָרף צו זאָגן. זיי האָבן געפירט אַ נאַסן קודלאַטן הונט אַף אַ קייטל. און אין דאָרף, אין איינער אַ כאַטע, איז געזעסן די גרענעץ־מאַכט און האָט טאָג ווי נאַכט געגאָסן אַרום זיך קארבאָל, געגאָסן מיט גרויס מוירע אָנצושטעקן זיך מיט דער טיפוס־קריינק, וואָס פרעסט מענטשן אין באַראַק, געגאָסן נאָך מיט גרעסערער מוירע צוצו־לאָזן צו זיך עפּעס אַ פארהוילענע געפאַר פון קעגניבער דער אַזעסדיקער רוסישער גרענעץ, פון דאָרט, פונוואַנען עס פילט זיך אַהער אַ שטענדיקער גאַיוועדיקער שפּאָט, נאָר אַז מע קוקט זיך איין דורך בינאָקלען, זעט מען גאָרניט אויסער פוסטע, נאַסע שטרעקעס און אויסער דעם, וואָס אויך דאָרטן איז אָסיען — אויך דאָרט גיסט און גיסט דער רעגן.

צווישן די דריי אויסגעפוצטע לייטענאַנטן, וואָס שפּילן אָן אופהער אין קאָרטן און האָבן צו שאַפן אין דאָרף איבער אַ פּאָר צענדליק סאָלדאַטן, האָט דעם אומזיכטבאַרן אויבנאָן פאַרנומען דער סאַמע יונגסטער און מער פריצישער — דער ווייבערש־געפּו־דערטער לייטענאַנט. ער האָט געדרייט זייער אָפט מיט די נאָז־לעכער און מיט די ליפּן, ווי גלייך זיי בייסן אים, נאָר ער וויל ניט קראַצן; ער האָט געדרייט מיט זיי ניט אַזוי צוליב זיין קרו־מען מויל, ווי צוליב די נאָך מער קרומע און טונקעלע וואָנצים.

פון אים האָט געשטאַמט דער איינפאַל, אַז אַלע אידן, וואָס קומען אַהער צופוס פון יענער זייט רוסישער גרענעץ, אַלע, וועל־כע גיבן זיך אָן פאַר אָרטיקע בירגער און וועלכע מע איז כוי־שעד אין באָלשעוויזם, זאָל מען, ביז די זאַך וועט קלאָר ווערן, ניט אָפּשיקן ווייטער אין לאַנד, נאָר מע זאָל זיי פאַרהאַלטן דאָ באַ דער גרענעץ אין באַראַק פאַר טיפוס־קראַנקע. זיין בריוו, אין וועלכער ער האט וועגן דעם ראַפּאָרטירט צו זיין „נאַטשאַלסטווע", האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

„אום צו פארשפּאָרן אומזיסטע ענערגיע... לייג איך פאָר"... און אַזוי ווייטער.

פאַר אָט דעם איינפאַל „צו פאַרשפּאַרן אומזיסטע ענערגיע" האָט ער באַקומען פון זיין „נאַטשאַלסטווע" אַ דאַנק, אַ וואונק, אַז ער גייט אפן ריכטיקן וועג און וועט געשטעלט ווערן צום צעטל אַף צו באַקומען אַ העכערן ראנג. ער האָט גלייכצייטיק דערפילט, אַז ער איז זייער אַ וויכטיקער און וואָגיקער מענטש און אַז פאר זיין קומענדיקער גרויסער קאריער איז בעסער, ער זאָל זיין וואָגיקע וויכטיקייט טראָגן אין זיך און זאָל זיין גליק פאר קיינעם ניט ארויסווייזן. דעריקער איז געוועןָ צו בלייבן אוי־סערלעך קאָלט. וועגן זיין געלונגענעם איינפאַל האָט ער דעריבער צוגעשוויגן, ווי גלייך ער געהערט ניט צו אים אַליין, נאָר צו זיין גאַנצן פיינעם פּאָלק, און אויב, שפּילנדיק אין קאָרטן, האָבן זיינע פריינט פארפירט וועגן דעם אַ שמועס, האָט ער טאָמיד וועגן דעם געענטפערט ניט מיט ווערטער, נאָר מיט אַ שיינעם זשעסט באַם גיבן די קאָרט — אַ זשעסט, וואָס לויבט ניט אים אליין, נאָר זיין גאַנצע נאַציע. איין זשעסט האט באַם גיבן די קאָרט געהאט צו זאָגן:

— מיר זיינען אייראָפּייער...

אַ צווייטער זשעסט:

— דעריקער איז טאַקט... טאַקט...

אַ דריטער:

— מיר לערנען בא די פראנצויזן, באם אַלטן רוים.

אַ פערטער זשעסט — מיט אַ בליק צום פענצטער:

— און דאָרט — זיי, פון יענער זייט גרענעץ — באַ וועמען לערנען זיי?

דערביי האָבן בא אים פון אופרעגונג נאָך אָפטער ווי טאָמיר זיך געדרייט די נאָזלעכער מיטן קרומען מויל.

איצט זיינען די צוויי סאָלדאטן, וואס פירן דעם קודלאטן הונט אַפן קייטל, געקומען אָנזאָגן, אַז פאַרטאָג האָט מען מיט דער הילף פונם הונט געכאַפּט אף דער גרענעץ „צוויי"—די ער־שטע „צוויי", וואס דארפן לויט דער נייער פאראָרדענונג פאר־האַלטן ווערן אין באַראַק פאר פלעק־טיפוס־קראנקע.

דעם הונט האָבן די אַלע דריי לייטענאַנטן געגלעט, נאַס מאַכנדיק די הענט אין דער טיף פון זיין נאַסער האָריקער פעל, ווי פון זיך האבן אַלע דערפילט, וועמען עס קומט דער ערשטער „קיבעד" אויסצופרעגן די נייע „צוויי" און זיי באזעצן אין באַ־ראַק. דער יונגער לייטענאַנט האָט זיך דערפילט זייער יאָנטעווו־דיק. צוליב דער וויכטיקייט פון דער נייער אַרבעט, וואָס שטייט אים פאָר, איז ער אַוועק אין צווייטן קלענערן צימער זיך אויס־פוצן. דערצו נאָך איז פונקט צו יענער צייט פון באראק פריילעך, ווי אַן אייגענער מענטש, אָנגעקומען דער דאָקטער, און בעאייס מע האָט דאָ פריינטלעך פון ביידע זייטן געבלאָזן אַף אים מיט קאַרבאָל, האט ער דערוויל מיט שטארק־פארמאכטע אויגן דער־ציילט, אַז ער האָט די „נייע צוויי" געזעען איבדרויסן לעבן באַ־ראק, אַז איינער פון זיי איז אַ יונגערמאַן, אף וועמען „אַלץ" איז קענטיק — אַ איד, פארשטייט מען, און אַז די צווייטע — אַ יונג מיידל, אויך אַ אידישע:

— טאַ־טאַ... טאַ־טאַ... זי מאַכט זיך גלייך, ווי דעם יונגנמאַן קען זי ניט. נאָר אַליין איז זי... ווי?

אנשטאָט אַ וואונק צו געבן, האָט דער דאָקטער מיט פאר־מאַכטע אויגן אַ קנאַק געגעבן מיט צוויי הויך־אופגעהויבענע פינ־

גער, אַ קוש געגעבן זיי ווי נאָך טאַפּן אַ מעזוזע און האָט ארייג־געשריגן אין צווייטן קלענערן צימערל:

— יאָ, פאַן... עס לוינט זיך אָנטון וואס שענער!

און מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט ער שוין געשפּילט מיט די איבעריקע צוויי באם טישל. אריינקוקנדיק אין זיינע קאָרטן, האָט ער אַ ווײַלע געכאַפּט אַ קוק אַפן יונגן מיט די קרומע וואָנ־ציס, וואס קומט אַרויס אַ פריש־ראַזירטער און פריש־אויסגעפּוצטער.

— גוט... — האָט ער אַ פּאָנפע געגעבן צו זיך אין דער נאָז.

און שווער איז געווען צו וויסן, אף וואָס דער „גוט" גייט: אַף דעם אַרעסטירטן מיידל, וואָס ער האָט געזען זיצן לעבן באַראַק, אף דער אויסגעפּוצטקייט פון דעם לייטענאנט, וואָס מיט די קרומע וואָנצילעך, אָדער אף דער ערשטער האַנט קאָרטן, וואָס אים איז אויסגעפאַלן.

— גוט!... — האָט ער אַריינקוקנדיק צו זיך אין די קאָרטן איבערגעכאזוערט — אויסגעצייכנט!...

## II.

אינדרויסן האָבן געשוויצט שטייענדיקע טונקל־ברוינע וואָלקנס.

עס האָט געמאראקעט דין און פויל, ווי אף קיינמאָל ניט אופצוהערן. עס האָט וועןניט־וועןן אַ שוויצער־געגעבן אַ פייגעלע ערגעץ־וואו צווישן פארדארטע שטעכעלקעס און דערנער, וואָס בא די זייטיקע וועג־גראָבנס — אַ שוויצער־געגעבן בייז, אָן ווילן, ווי פארקאטערט.

אַקעגן דעם לייטענאנט, וואָס שפּאַנט מיט רעסאָרנדיקע אָפּי־צערישע טריטעלעך, איז מיט דעם וועג צום דאָרף אָן אָטעם גע־לאָפן אַ סאָלדאַט, און אין זיין לויפן האָט זיך געפּילט די שלעכטע בסורע, וואָס ער האָט אָנצוזאָגן — אַ שלעכטע בסורע וועגן זיך און יענע אלע סאָלדאַטן, וואס היטן אין דער באטאָגעדיקער וואַרטע דעם באַראַק. נאָענט לעבן אָפּיצער האָט ער מיט אַ לעצטן שפּרונג זיך אַוועקגעשטעלט אין פראָנט, באַקומען אויסגעגלאָצטע גלעזערנע אויגן, זיך צוגעבויגן, ווי אַף צוצופאלן אַ פארגליווער־טער צום אָפּיצערס קרומע וואָנצילעך, און האָט אויסגעפּלאַצט מיט זיין לעצטן אָטעם:

— די מויד איז אַנטלאָפן !...

פון זיין נאָענטן אָטעם האָט אַ בלאָז געגעבן מיט נעכטן־גע־געסענע ציבעלעס און קנאָבל און מיט אַלערליי רייכעס, וואָס פילן אָן אַן איינגע פויערשע כאַטע. באם אָפיצער האָבן נערוועז אַ ציטער געטון די נאָזלעכער. זיינע קרומע וואָנצילעך האָבן זיך אַ בייזן דריי געגעבן אַף איבערצוקרומען דעם סאָלדאטס ווערטער:

— קקקע !... וואָס הייסט עס... „אַנטטט־לאָפן״ ?

דער אויסגעצויגענער סאָלדאַט האָט אַלץ סאַלוטירט, אַ פאַר־שטאַרטער, מיט זיינע הויך־אופגעהויבענע אַקסלען. זיינע גלע־זערנע אויגן מיטן אָפענעם מויל זיינען געווען אויסגעליידיקט, ווי ער אַליין — ער האָט מער ניט געהאַט וואָס צו זאָגן. דער אָפי־צער האָט פארקלעמט די ציין און האָט פון קאַס אויסגעציילט אַלע זילבן, וואָס אין די ווערטער:

— און־דער־צוויי־טער ?!

דער סאָלדאַט האָט זיך אופגעטרייסלט, ווי גלייך די מאַיסע מיט דער אנטלאָפענער מויד איז אים שוין פארגעבן. ער איז ווי געווען צופרידן, וואָס ער קאָן צוגעבן :

— דאָרט... ער זיצט...

און ער האָט מיט אַן אויסגעצויגענעם אַרבל, וואָס זעט אויס ליידיק, ווי אָן אַ האַנט, אָנגעוויזן צום באַראַק־צו. דער לייטענאַנט איז צוגעטראָטן צום סאָלדאַט נעענטער, ווי אף אים דוירעס צו זיין, נאָר ארייַנגעקוקט גאָר נאָענט אין זיין פארוואָרפענער גלע־זערנער צורע, זיך ווי איבערצייגט, אז זי איז ניט ווערט דעם פּאַטש פון זיין האַנט, און אַ קאָמאַנדעווע געטון :

— מאַרש ! ! ! צוריק ! ! !

און ער איז מיט זיין רעסאָרנדיק גיינגעלע אוועק גלייך נאָך אים מיטן וועג צום באַראַק.

לעבן באַראַק, אף א הויפן אָנגעוואלגערטע שטאַרק־אָנגע־נעצטע שפּענער, איז ווירקלעך געזעסן בלויז איינער — א יונגער אידישער באָכער מיט גרויסע אויערן אין ביידע זייטן פון זיין נידעריק־געשוירענעם קאָפּ און מיט א לייִנגלעכן אָפּגעבּרענטן פּאָנים פון א „נאָוואָבראַנעץ״. זיינע אויגן האָבן געקוקט צו דער אָפּגעריסענער שטיק הויט, צו דער פרישער וואונד, וואָס אף זיין האַנט — א וואונד, וואָס ער האָט געקאָנט באַקומען בעאייס

מע האָט אים געשלאָגן אדער אומגעוואָרפן. זיינע אויגן האָבן זיך אופגעהויבן פּאַמעלעך, זיי האָבן א קוק געגעבן צום שטיין־גע־בליבענעם אָפיצער — גרויסע, טונקל־גרויע אויגן, זיי זיינען פול מיט ווייטקייטן, מיט ניט קיין היגע פּאַרטראַכטקייט און זיינען דאָך פון עפּעס גליקלעך־צופרידן, — עפּשער פון דעם, וואָס דאָס מיידל איז אנטלאָפן גוט. באַ דער זייט זיינען געשטאַנען סאָל־דאַטן מעווינים און האָבן געזאָגט, אז אויב מע געפינט זי ניט באלד, אין די ערשטע פּאָר שאָ, איז אן עק: פאַרפאַלן. פון אונטער זיין אָפּגעריסענעם מאנטל האָט זיך ארויסגעזעען א שוואַרץ הערצל פון א העמדל און א קאָלנער פון דעמזעלבן שטאָף; דער קאָלנער איז זייער א גראָמער, ווי א פרעמדער—ער קנייטשט זיך ארום זיין דינעם האַלז.

— הממממ!..

דעם אָפיצערס קרומלעך מויל האָט זיך א דריי געגעבן אין א זייט צוזאַמען מיט די וואָנציס און מיט דער נאָז, זיך א דריי געגעבן, ווי באַ א מעפּונעק.

זיין אַנטוישטער בליק האָט א ווילע באַטראַכט דעם אָרעם געקליידעטן באָכער:

— פכע!.. אַ טרעפל... א לאַנג־געכאָלעמט טרעפל, וואָס דאַרף אים דערנעענטערן צו זיין געוואונשטער קאַריער, צום העכערן ראנג...

— איז, הייסט עס, סאַכאַקל... אָט דאָס איז עס?

דער אָפיצער האָט, באַטראכטנדיק דעם זיצנדיקן באָכער, אַ זאָג געגעבן שטיל, ווי פאַר זיך:

— כאָטש געווען באַדארפט זיך איבערטון... ווי?.. כאָטש געווען באַדאַרפט זיך אויספּוצן, איידער מע לאָזט זיך גיין צו אונז אף אַזאַ „אַרבעט"...

און ער האט א וואונק געגעבן צו די סאָלדאַטן, זיי זאָלן פירן דעם יונגנמאַן אין דער נאָענטער קליינער בודע.

אין דער בודע איז ניטאָ אף וואָס צו קוקן. אלץ איז דאָרט פייכט, ווי אין א דורכגענעצטער אידישער סוקע.

באַם פייכטן טישל זיצט דער לייטענאנט פאַנאַנדערגעשפּרייט מיט זיינע פאַפּירן און שטרייכט אונטער זיין געהויבנקייט מיט יעדן האַלב־לעצאָנעסדיקן „אייך", וואָס ער לאָזט אַרויס פון מויל.

— ווי רופט מען אייך?
— הירש.
דער אָפיצער דערפילט פּלוצים, אַז ער האָט זיך ניט וואָס צו כאַפּן — ער האָט צייט... ער האָט צייט...
— הממ!.. הירש?... הירש, מענדל, מאָשקע — אַלע אַזעלכע טשיקאַווע נעמען... נו?.. און יעדערער פון אייך וויל זיין צום וויניקסטן טראָצקי?.. ווי?.. פאַנאַנדערטראָגן די אידייען, ראַטע־ווען די וועלט?..
ער האָט א קוק געגעבן צום באָכערס גרויסע, טונקל-גרויע אויגן און האָט צו זיין באַוואונדערונג דערזעען, אַז זיי זיינען, ווי פריער, ווייט פון אים — אַ גאַנצער מעהאַלעך. זיי זיינען פול מיט ווייטער, ניט קיין היגער פאַרטראַכטקייט און זיינען דאָך מיט עפּעס גליקלעך־צופרידן, — אַפּאָנים, ווירקלעך דערפון, וואָס די מויד איז גוט אַנטלאָפן...
— אייער פאַמיליע? — האָט ער בייז געפרעגט.
— טאָקער.
— אייער געבורט־אָרט?
— גאָרקי.
— וועלכע גאָרקי?
— לעבן ווילנע.
ער האָט פון זיין פּאָרטפעל ארויסגענומען א העפט און האָט געשאַרט אין דעם מיט א פינגער, ווי מע שאַרט אף צו געפינען אַ וואָרט לויט דעם אלעפבייס. ער האָט, געפינענדיק דאָס וואָרט, באַ־קומען דעם אויסדרוק פון א מענטשן, וואָס פילט זיך א שמייכל טון:
— נו, יאָ... פאַרשטייט מען... גאָרקי — אַ שטעטעלע, וואָס האָט אין די צייטן פון קריג אָפּגעברענט, און צוזאַמען מיטן שטעטעלע זיינען פאַרברענט געוואָרן אַלע באַווייזן, ווער איז אַן אָרטיקער איינוואוינער און ווער ניט... איז אַלע, הייסט עס, זייט איר פון דאָרט — פון גאָרקי... איר זייט גאָט די נעשאָמע שול־דיק... איר קערט זיך אום איינפאַך אהיים... נו, און די יונגע אַנטלאָפענע פרוי אָדער מיידל, זי איז, נאַטירלעך, אויך געווען פון דאָרטן, פון גאָרקי, הייסט עס?...
דעם באָכערס אויגן האָבן אים א רעגע באַוויזן זייער טיפע, ניט היגע פאַרטראַכטקייט און האָבן גענומען קוקן ערגעץ-וואוהין

צו אַ דורכגענעצט ווינקל פון באַלקאָן. ער האָט שוין פריער געענטפערט:

— איך ווייס ניט.

— מע האָט דאָך אייך צוזאַמען געכאַפּט!..

— איך קאָן זי ניט.

— ווי?..

דעם באָכערס מויל איז געבליבן אָפן, און עפּעס אַזוי אָפן, ווי גלייך קיינער איז אַרום אים דאָ אין דער בודע ניטאָ. דער אָפיצער האָט דערפילט: דעם באָכער איז לאַנגווייליק. שטיל.

— אומזיסט... אומזיסט, — האָט אָפּגעזיפצט דער אָפיצער.

איינקוקנדיק זיך מיט פאַרשמעלערטע אויגן, האָט ער צוגע־רופן דעם יונגנמאַן נעענטער צום טיש, ער זאָל זיך אונטער־שרייבן.

— ווילט איר, הייסט עס, מיט אונז פירן א שפּיל?

ער האָט דערזעען דעם באָכערס אָנגעבויגענעם האַלז־און־נאַקן — א נידעריק־אָפּגעשוירענער נאַקן — א נאַקן פון א מענטשן, וואָס לאָזט זיך אין א ווייטן וועג אין די צייטן פון עפּידעמיעס... און אָט... אָט דער האַלז־און־נאַקן — אין אים איז געווען קענ־טיק די גאַנצע שולד... דער אָפיצער האָט מיטאַמאָל ווי כאַראָטע געקראָגן, וואָס אַלץ ענדיקט זיך אַזוי גיך.

— ווילט איר עפּשער — האָט ער געזאָגט — ווילט איר, איך זאָל אייך דערמאָנען, ווי אַזוי עס איז געווען? — די דאָקומענטן האָט געפירט בא זיך די יונגע פרוי, וואָס איז אַנטלאָפן, אָט ווי אַזוי עס איז געווען — ווייל א פרוי איז שווערער צו באַזוכן, ניט אַזוי?

ער האָט אָנגעהויבן אַרומצושפּאַנען הין און צוריק איבער דער בודע.

—ביידן האָט מען אייך געשיקט צו אונז אויף אַרבעט — זאָגט דעם עמעס, זייט זיך מודיע: דאָרט, באַ אייך אינדערהיים, איז שלעכט, ניטאָ פון וואָס צו לעבן, און פאַר אייער ארבעט דאָ בא אונז האָט מען אייך געגעבן געלט. אָבער איר קאָנט דאָך זאָגן, אַז טון עפּעס שלעכטס דאָ באַ אונז האָט איר גאָר ניט געוואָלט. איר האָט נאָר געוואָלט צונעמען בא די באָלשעוויקעס דאָס

געלט, אריבערכאַפּן זיך מיט אייער קאַלע די גרענעץ האָט איר געוואָלט און דאָ מיט איר כאַסענע האָבן... אַוועקפאָרן מיט איר פונדאַנען ווייטער... קיין אורוגוואַי, צום ביישפּיל, קיין פּאַלע־סטינע... ווי?

— איך קאָן זי ניט, — האָט געזאָגט דער באָכער.

אין זיינע אויגן איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן דער גליקלעך־צופרידענער אָפּגלאַנץ; געבליבן איז אין זיי ניט מער, ווי די ווייטע, ניט־היגע פאַרטראַכטקייט — א טיפע, אף אייביק פאַר־אקשנטע.

דער אָפיצער האָט זיך ארויסגעבויגן דורך דער טיר און האָט אריינגערופן די צוויי וואַרטנדיקע סאָלדאַטן.

— אָט וואָס, — האָט ער, רייבנדיק די וואָנצעס, גענומען אראָפּקוקן צום יונגנמאַנס האַנט, וואָס מיט דער רויטער פרישער וואונד, — געסט זייט איר בא אונז אומגעריכטע... קיין פּאַלאַצן האָבן מיר דאָ פאַר אייך ניט צוגעגרייט. ביז מיר וועלן דערגיין, צו איר זייט ווירקלעך פון גאָרקי, צי ניין, וועט איר מוזן אי־בערזיין עטלעכע טעג דאָ בא אונז אין באַראַק... אין באַראַק זיינען אַפּילע פאַראַן קראַנקע... קראַנקע אף פלעק־טיפוס... אָבער איר מוזט אונז מויכל זיין. אביסל זייט איר אליין שולדיק... איר האַט אונז פריער ניט אָנגעזאָגט, אז איר קומט, — קיין בע־סערן פלאַץ האָבן מיר ניט באַוויזן צוצוגרייטן...

אינדרויסן איז ער נאָך א ווײלע געשטאַנען — געשטאַנען מיט פאַרקרומטע וואָנצעס, מיטן פּאָרטפּעל אונטערן אָרעם און געקוקט:

מע פירט דעם יונגנמאַן צום באַראַק. אין דער באַגלייטונג פון די צוויי סאָלדאַטן גייט ער זייער פּאַמעלעך מיט אַן אָנגע־בויגענעם קאָפּ און מיט קורצע טריט, ווי א געפּענטעטער; בלויז האַרט באַם אריינגאַנג אין באַראַק שטעלט ער זיך אָפּ, ער דרייט זיך אויס פּאַמעלעך אַף צוריק, און די טיפע, ניט־היגע פאַרטראַכט־קייט, וואס אין זיינע גרויסע, טונקל־גרויע אויגן, קוקט אין יענער זייט, וואו עס ליגט דאָס לאַנד, פונוואַנען ער איז געקו־מען, אין יענער זייט, פונוואַנען מע זעט גאָרניט, אויסער פּוסטע, נאַסע שטרעקעס, און אויסער דעם, וואָס אויך דאָרט איז אָסיען.

עס איז געווען פאַרנאַכט.

דער רעגן האָט אופגעהערט.

ווייט איבערן פעלד, אינם שטרויענעם דערפל, וואָס קעגנ־איבער נאַסע, באַטראָטענע גראָזן, האָט שטיל און ניט זיכער אָנ־געהויבן קלינגען אין קלויסטער. די כוואַליעס פון די ערשטע איינזאמע קלאַנגען האָבן דערגרייכט, ווי א גרויל, צו די לייבער פון א מיניען פויערים און פויערטעס, וואָס ווארטן שוין לאַנג באַם באַראַק, ווארטן מע זאָל פון דאָרט ארויסטראָגן דעם קער־פער פון זייערן אן אייגענעם — א געשטאָרבענעם פון פלעק־טי־פוס. פאַרוואָרפן איבער די שטאַרק־געבויגענע קעפּ, אין אַ טונ־קעלער, שלעכט־געפאַרבטער טרונע האָט מען ענדלעך פון דער ברייט־געעפנטער באַראַק־טיר דעם טויטן קערפּער ארויסגעטראָגן. דער באָכער איז פּאַמעלעך אין דערזעלבער ברייט־געעפנטער טיר אַריינגעטראָטן. ער איז געווען העכער פון דער קליינער באַראַק־טיר, ער האָט געמוזט אביסל אָנבייגן זיין קאָפּ.

אין דאָרף האָט דער קלויסטער אָנגעהויבן קלינגען מער זי־כער, ווי אף א געשעענער פאַרפאַלענער זאַך. די פויערים און פויערטעס האָבן אלע מיטאַמאָל זיך אָנגעהויבן צײלעמען.

## III.

עס געדיינקט זיך:

לאַנגע צוויי רייען אייזערנע באַלייגטע בעטן — פון זיי שטינקט מיט קאַנפער, מיט גוטאפּערטש און מיט ברוד פון קראַנקע מענטשן־לייבער. מיט הייסער וואַסער ווערט געשייערט דער לאַנגער דורכ־גאַנג, וואָס אינמיטן באַראַק. פון די צופּיל אָנגענעצטע פּאָדלאָגע־ברעטער גייט אוף א פייכטער ווארעמער געשטאַנק, ווי פון א קאַב־צאָנישן שייערן ערעוו עמעצנס אַ ברודיקן שאַבעס אָדער אַ ברו־דיקן זונטיק.

עס געדיינקען זיך:

ווייט־פּאַרקאַשערטע מוסקולדיקע הענט, וואָס נעצן אָן און דרייען אויס די שייערנדיקע שמאַטע, און אויך דער שייגעץ, דער איינציקער באַראַק־דינער, צו וועמען אָט די הענט געהערן, גע־דיינקען זיך — אַ העלער בלאָנדער שייגעץ מיט אַ געגאָלט פּאָנים, מיט אַ נאַקעט־געגאָלטן קאָפּ און מיט העלע, ווי נאַקעט־געגאָלטע

היפּשע אויגן; די אויגן האָבן, אַכוץ שייערן די פּאָדלאָגע, ווי נאָך עפּעס אין זין. אָנגעבויגענערהייט, איינעצנדיק און אויסדרייענדיק די שמאַטע, כאַפּט דער שייגעץ אלעמאָל בליקן צום באָכער, וואָס האָט זיך אָנגערופן הירש טאָקער און זיצט גאַנצע טעג איינזאַם אַף זיין בעט—דעם שייגעצס בליקן זיינען מאָדנע ערנסטע, ריינע, און דענסטמאָל דוכט זיך, אַז ער אליין איז אויך פיל ערנסטער און ריינער, איידער די אַרבעט, וואָס ער טוט.

עס געדיינקט זיך:

אַ קריגעריי אין ווייטן באַראַק-ווינקל — אַ קריגעניש מיט אַ פרישגעפּאַנגענעם באַיאָרטן אידן, וואָס וויל פאַרנעמען די עקסטע אָפּגעזונדערטע בעט. צום באַיאָרטן אידן שרייט מען דאָרט:

— מע זאָגט דיר: „באזעצט", ניט דיין אייסעק, זאָגט מען דיר. מע זאָגט דיר: „באַזעצט" — און קריך ניט מער...

און נאָך געדיינקט זיך:

די געפּאַקטע באָבעדיק-ווייסע שוועסטער מיטן רויטן ציילעם אפן שטערן — זי הייבט אָן צו מעסטן די היץ פון יענעם זעלבן ווינקל, וואו מע האָט זיך פריער אַביסל געקריגט. איר „קאַזיאָנע" מיילעכל בלייבט פאַרשנורעוועט, ווי דער גאַנצער וועלט אַף צו־לאָכעס געשלאָסן, און נאָר איר פאַריסן נעזל טאַינעט צום באַ־יאָרטן אידן, אַז עס איז אלציינס,—אַזוי האָט באַפוילן דער דאָקטער:

— באַ אַלע, וואָס קומען אריין אין באראק, מוז צוויי מאָל אין טאָג געמאָסטן ווערן די היץ.

דער באַיאָרטער איד באטלט כאלוימעס:

— וואָס־זשע, איך בין מעשוגע?... הערט אַ געשיכטע!.. איך בין געזונט און שטאַרק, וועל איך מיר פלוצים לאָזן מעסטן די היץ...

ווי א פאַרגוואַלדעוועטער בלייבט ער אף זיין בעט צעכראַס־טעט מיטן טערמאָמעטער אונטער דער פאַכווע, נאָר באלד, ווי די שוועסטער גייט אַרויס פון באַראַק, דערנעענטערט ער זיך צום באָכער, וואָס זיצט איינזאַם אף זיין בעט. פון דעם אויבערשטן זשילעט־קעשענקעלע נעמט ער אַרויס אַ צוזאַמענגעלייגטע פענסנע און זעצט זי אוף רייטנדיק זייער נידעריק אף זיין צעפּלעטשטער נאָז. ער טוט אַ קוק אַפן באָכער פון איבער די גלעזלעך, דער-

זעט, אַז ער איז אַ אידישער, און הייבט אָן מיט אזא היימישן טאָן, ווי גלייך ער זעצט פאָר דעם שמועס, וואָס צווישן זיך האָבן געפירט זיינע און אָט דעם באָכערס זיידעס:

— פּכע!.. וואָס האָב איך פאר זיי מוירע? אז סאַכאַקל האָב איך שוין „סיפּנאָי״ געהאַט. איך האָב נאָר מוירע פאַר אַ „וואָז־וואַטנע״, און „וואָזוואַטנע״, דוכט זיך, הערט מען ניט דאָ, ווי?... מע הערט ניט?... איכל טעלעגראַפירן מיין ברודער... כ׳האָב דאָ אַ רייכן ברודער.

נאָר דער באָכער, זעט אויס, וויל ניט פאָרזעצן דעם שמועס, וואָס צווישן זיך האָבן געפירט זיינע און אָט דעם אידנס זיידעס. ער ענטפערט ניט.

— ווי לאַנג, מיינט איר, קען מען דאָ האַלטן?

דער באָכער שווייגט.

— ווי לאַנג זייט איר שוין דאָ?

— דעם פינפטן מעסלעס.

עס ווייזט זיך ארויס: דאָס איז די איינציקע פראַגע, אַף וועלכער מע קאָן אַרויסקריגן אן ענטפער באם באָכער, דעם אידן פאַרדריסט עס. זיינע אויגן ווערן בייז, ווי נאָך א שאבעסדיקן טשאָלנט.

— אַבעטעך, יונגערמאַן, — זאָגט ער, — וואָס נעמט איר זיך אַזוי איבער? איר זייט סאַכאַקל אַ „טונקעלער״...

און מיינען מיינט ער, — סאכאקל אַ „רויטער״.

אַז דער איד גייט אַוועק צוריק צו זיין בעט, קומט באָרוועס אריין דער פאַרויטלטער דינער — צעכראַסטעט, באַלאָדן מיט פיל קליינע טשאַיניקלעך אָקרעפּ. ער דערמאָנט: אַ בעדער־יונג אין טיף־רוסישע שטעט, וואו שוויך־באָד איז דער גרעסטער טאַינעג. זיין אויסדרוק: צעטראָגענע געטריישאַפט, פאַר וועלכער „קאַזנאַ״ צאָלט אים אין הורט. כאַפּנדיק נאַקעט־געגאָלטע בליקן צום באָכער, טוט ער דערווייל זיין אַרבעט — ער בויגט צו זיין אויער צו די טרוקענע שעפּטשענדיקע ליפּן פון דעם היציק־הייזעריקן קראַנקן פויער, לעבן וועלכן ער שטעלט אוועק א טשאַיניקל:

— פעי, פעי, — זאָגט ער צו אים, — באשקא־טאָ? טרעשטשיט?

דאָס אלץ און נאָך אַנדערע קלייניקייטן געדיינקען זיך — דורכויס קלייניקייטן.

דעם באָכער האָט מען גערופן אין דער דורכגענעצטער בורע, וואו אין ווינקל באם יאָסן טישל האָט געוואַרט דער לייטענאַנט מיט די קרומע וואָנצילעך. ער האָט געהאַלטן אין די הענט זייער פיל קליינע ניי־באַקומענע פאָטאָגראַפיעלעך און האָט קעסיידער געטייטלט אַף זיי, קעסיידער געטייטלט זיינע בליקן — איין פאַר־שנדיקן בליק אַף דער קליינער פאָטאָגראַפיע, וואָס אין זיין האַנט, און א צווייטער — אפן באָכערס אויסגעבלייכטן פּאָנים.

— פּאַם־פּאַם... פּאַם־פּאַם, — האָט ער זיך צעזונגען, ווי צום טאַקט פון זיינע בליקן, — זאָגט איר, הייסט עס, אז „צו גאַסט" צו אונז זייט איר איצט געקומען צום ערשטן מאָל?.. וואונדער... וואונדער... באשטימט צום ערשטן מאָל?..

ווען דער באָכער, וואָס רופט זיך אָן הירש טאָקער, איז באַ־גלייט מיט צוויי סאָלדאַטן געגאנגען פון דער בודע צוריק אין באַראַק, האָט ער דערפילט, ווי פאַרנאַכטיקע פייכטקייט נעמט אים דורך און דורך; זי טוט אים וויי, אָט די פייכטקייט, שטעכט ווי מיט אומזיכטבאַרע דערנער זיין לייב און פארשפרייט א ברעכע־ניש איבער אלע זיינע גלידער. עס זשומעט אין די אויערן, און דער פאַרנאַכט אינדרויסן איז עפּעס ווי ניט קענטלעך — דעם פאַר־נאכט, דאכט זיך, קומט א ברייטער שאָלעם־אַלייכעם מיט דער פראַגע:

— ווער זייט איר?

דעם לייב האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער אריין צוריק אין באַראַק, אָבער אויך אין באראק האָט ניט אופגעהערט די ברע־כעניש מיטן זשומען — אויך דאָרט האָט אין אייגענעם לייב יעדער ווייטיקלעכער גליד געוואָלט, ווי אָפּטשעפּען זיך און זיך באפרייען פונם צווייטן. הירש טאָקער האָט זיך איינגעדעקט אַף זיין בעט, און אים איז געווען זייער מאָדנע, וואָס אלע זיינע ווייטיקלעכע גלידער זיינען נאָך געבליבן וואך, דענסטמאָל ווען זיין גאנצער קערפּער איז שוין אנדרימלט געוואָרן — יעדער גליד האָט זיך גע־האט זיין באזונדערן זיקאָרן, און אין יעדערן פון אָט די זיקאָרנס האָבן, ווי אין א פוסטן פארנאכטיקן וואלד מיט אן אָנענדלעכער קייט פון ווידערקוילעס, זיך געדיינקט די ווערטער:

— פּעי, פּעי... באשקאַ־טאָ?... טרעשטשיט?...

מיט אַ פּאָר אָוונטן שפּעטער האָט מען לייכט אונטערגעשיקערט אין שטרויענעם דערפל באַ די לייטענאַנטן אין דער כאטע. פון

צווייטן דאַרף זיינען געקומען צו גאַסט באַקאַנטע לייטענאַנטן, וואָס ווייסן שוין פון דער היים איז וואָס באַשטייט דאָ הײנט אין אָוונט די סימכע. דעם לייטענאַנט מיט די קרומע וואָנצילעך האָט מען שטעכלדיק־פריינטלעך געדריקט די האַנט, אים מעקאַנע גע־ווען און אים צוגעוואונשן:

— מיט ערפאָלג...

— מיט ערפאָלג...

מע האָט געטרונקען גוטן וויין פּאַמעלעך, ניט געכאַפּט, גע־טרונקען מיט „טאַקט" און מיט קאוואָנע צו דערווייזן איינער דעם אנדערן, אז מע ווייסט, ווי אזוי גוטן וויין צו טרינקען. מע האָט גערעדט ווייניק, ווייל לייטישע מענטשן רעדן ביכלאל זייער קנאַפּ. דער דאָקטער האָט געוואָלט אַ גענעץ טאָן, די ערשטע האַלב פון גענעץ איז אראָפּ בא אים גלאט אין פויסט אריין; די צווייטע האלב האָט זיך פאַרמאָסטן אף צו ענדיקן זיך מיט א הויכן קוויטשיקל; האָט ער זיך פאַרכאַפּט:

— אַך, יאָ — האָט ער פארשלונגענדיק דאָס קוויטשיקל גע־זאָגט, — יענער... דער געכאַפּטער, דער יונגער... יענער... מאָדנע... ער איז דאָך קראַנק געוואָרן מיט פלעק־טיפוס...

— ווי?..

די קרומע וואָנצילעך האָבן געמאַכט א נערוועזע באַוועגונג אף צו געבן זיך א קראַץ אין האַנט:

— ווי?.. ווי?.. אַ שאָד, א שאָד, אים דאַרף מען היילן, דאָק־טער... אים דאַרף מען היילן — איך האָב באַווייזן: צו אונז אף „ארבעט" קומט ער איצט שוין צום דריטן מאָל. צוויי מאָל איז ער פאַרשוואונדן פון אונטער די הענט.

און ער האָט אָנגעהויבן קומען אַלע טאָג צום באַראַק, קומען אַן אויסגעפּוצטער מיטן פּאָרטפעל אונטערן אָרעם און היטן דעם באָכערס געזונט.

### .IV

אונטער די כוואַליעס פונם שטאַרקן באַנאַכטיקן פעלד־ווינט האָבן געקרעכצט און געסקריפּעט די ווענט און דער דאַך פונם הילצער־נעם באַראַק — געקרעכצט מיט אַלע ברעטער צוזאַמען און מיט יעדער ברעט באַזונדער. נאָר אין טיפער באַנאַכטיקער שטילקייט

האָט זיך געדאַכט, אַז עס קרעכצט און עס סקריפּעט אַ גאַנצע צעלעכצטע באַנאַכטיקע וועלט — זי וויל לעבן און קאָן ניט; זי וויל אומקומען און קאָן ניט. דער ווינט האָט געשמיסן איבער די דינע ווענט פון באַראַק, און אויך אינעווייניק האָבן געבלאָזן און געבלאָנדזשעט ווינטיקע שיראַים, געזוכט זיך אָנצוקלעפּן אָן עפּעס — געזוכט און ניט געפונען.

הירשל טאָקער איז געלעגן אין בעט פאַרטראָגן, אין גרויס נאָגעניש און אין גרויסער היץ, און געזען פאר זיך אַקעגן אינ־מיטן באַראַק דעם קליינעם לאָמפּ, וואָס הייִנגט אַראָפּ מיט אַ דראָטל פונם מיטלסטן באַליק. פון צייט צו צייט האָט ער געעפנט די פאַרגאָסענע היציקע אויגן, נאָר ניט דערקאָנט דעם פּלאַץ אַרום זיך, געקוקט, געקוקט, ווי פון די בלאָנדזשנדיקע ווינטיקע שיראַים שאָקלט זיך דער לאָמפּ און זיין פלעמל זעצט זיך, און אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז ער שווימט אין אַ גרויסער סקריפּענדיקער טייווע, ווי אין אַ שיף, און דאָסדאָזיקע שווימען איז אַ פאַר־צווייפלטס, אַן אומאַנגענעמס, נאָר קיינער פון די אַרומיקע איינ־געשלאָפענע וויל גאָרנישט ניט טון אַף צוצושווימען צו אַ ברעג.

עס איז געווען דער אַכטער אָדער נייִנטער מעסלעס פון זיין קריינק, און דער ווינט האָט געבלאָזן, און דער באַראַק האָט גע־קרעכצט.

ס'איז געווען שפּעט אין דער נאַכט, ווען אין פאַרטראָגענעם דרימל, אין גרויסער קראַנקער היץ האָט הירשל טאָקער דערפילט, אַז עמעצער דרייט זיך אַרום אים מיט שטילע אומזיכטבאַרע טריט — ס'איז מאָדנע: אַלע אַרום אים שלאָפן, און דאָך טונקלט זיך דאָ גאָר נאָענט אַ שטיל־באַוועגלעכער שאָטן, ער איז אי דאָ, אי ניטאָ, ער פאַרשווינדט און באַווייזט זיך ווידער אייִנגעהויקערט, ווי מיט פאַרשלאָפענער געטריישאַפט און מיט אַן אומעטיקן בליק, וואָס איז געווענדעט צו אים, הירשל טאָקער, און צו זיין בעט. דער שאָטן פאַרשווינדט און באַווייזט זיך ווידער. דערנאָך איז הירשל טאָקער אַנדרימלט געוואָרן פיל שטאַרקער, אַף אַזויפיל שטאַרקער, אַז זיין קראַנקער גליִענדיקער קערפּער האָט שוין מער אָט די דרימלדיקע שטאַרקייט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן. ער האָט באַלד געמוזט צוריק זיך אופכאַפּן, און אַז ער האָט גע־עפנט די פאַרגאָסענע היציקע אויגן, האָט ער גלייך דערזען פאַר

זיך דעם קאָפּ, וואָס בייגט זיך איבער אים אָן. זיין גליענדיקער בליק האָט פון זייער נאָענט אַריינגעקוקט אינם קאָפּס אויגן, נאָר זייערע שוואַרצאַפּל ניט דערקענט. זיינע שלעפעריקע וויעס האָבן זיך צוריק פאַרמאכט, און דענסטמאָל האָט ער דערהערט, ווי דער קאָפּ שעפּטשעט אים אין אויער:

— אַ שטאָ, טאָוואַרישטש ?.. פּלאָכאָ ?..

און וועגן נאָך עפּעס שעפּטשעט דער קאָפּ זייער שטיל אין זיין אויער: וועגן דעם נאָמען פונם אַנטלאָפענעם מיידל — ער ווייסט איר נאָמען: „יאָכוועד״... זי האָט געבעטן איבערגעבן: „זי איז גוט אַנטלאָפן און איז געקומען בעשאָלעם״... זי טוט שוין די „אַרבעט״...

— אַך, יאָ, יאָכוועד... זי איז גוט אַנטלאָפן...

און ער האט מיטאמאָל פארגעסן אָנם אַריבערגעבויגענעם קאָפּ. ער האָט נאָר געדיינקט, ווי אַזוי יאָכוועד איז אַנטלאָפן, און אים האט זיך געדאכט, אז געשעען איז דאָס אָקאָרשט ניט לאנג, אָקאָרשט צוריק מיט אן אויגנבליק:

ביידע זיינען זיי פריער געזעסן אפן הויפן אָנגענעצטע שפּע־נער, — ער און יאָכוועד: זיצנדיק, האָט יאָכוועד פּאַמעלעך און אומבאמערקט גענומען זיך אָפּרוקן, דענסטמאָל ווען די צוויי צו־געשטעלטע סאָלדאטן, וואָס היטן זיי, האָבן זיך צוגעבויגן, קעדיי צו פאַרויכערן איינער באם צווייטן א פּאפּיראָס. און איצט זיצט ער שוין אַפן הויפן שפּענער איינער אליין, און יענע אלע סאָלדאַטן, וואָס זיינען ארויס פון דער בודע און אוועקגעלאָפן זי זוכן, האָבן זיך שוין פון די נאָענטע קליינע וועלדלעך און פון די ארומיקע פוסטע שטרעקעס אומגעקערט — זיך אומגעקערט איינציקווייס און אָן איר — הייסט עס: יאָכוועד האָט זיך באַהאַלטן טאַקע דאָ לעבן באַראק... נאָענט... זייער נאָענט... אָט אזוי דארף מען שטענדיק טון... זעלטן גוט, יאָכוועד !.. „אָט אזוי דארף מען שטענדיק טון, הערט זיך איין, כאַווײרים !..״

און די כאַווײרים האָבן זיך איינגעהערט און האָבן גע־גאפט אפן סייכל, אף זיין פריילעכקייט און אף דער אַרומיקער גרויסער פרייד, וואָס קער צו אלעמען — פרייד! פרייד !.. פרייד פון כאַווײרים איבער א געשיקטן גאַנג פון דער „אונטער־ערד״.

— דער איקער גליק, כאַווײרים, וואָס—קוקט—איך, הערשל טאָקער, האָב פליגל. דער אָפּיצער מיט די קרומע וואָנצילעך — ער קריכט אף דער ערד... ער וועט מיך ניט כאַפּן... ער וועט מיך ניט כאַפּן... קוקט — פליגל...

און ער האָט שוין מער ניט געדיינקט די ווינטיקע שיראַים, וואָס שאָקלען דעם לאָמפּ אין באַראַק. ער איז איינגעזונקן טיפער אין דער גרויסער שלעפעריקער היץ און איז מיט א פּאָר גע־שווינדע פּאָך פון זיינע פליגל שוין געווען דאָרט בא זיך אינ־דערהיים צווישן זיינע כאַווײרים.

בערל דער רויטער — א כאַוועך, וואָס מע רופט אים „וואַנקאַ", פאר זיין קראַפט — האט אים געטרייסלט פאַרביידע אַקסלען און האָט צו אים געזאָגט:

— הירשעלע טאָקער!... אַי ביסטו א מאַזעק.

און ביידע — ער און בערל דער רויטער, אַלטע כאַווײרים — זיינען אַזוי א ווײלע געשטאַנען און האָבן כאַוועריש געלאַכט איינער דעם צווייטן אין פּאָנים אריין. אים האָבן פון מאָל צו מאָל אַרומגערינגלט אלץ מער און מער כאַווײרים — אַלע זיינען געלאָפן זיך זען מיט אים אין זיין שטעטל בא זיין מוטער אין שטוב, וואוהין ער איז אראָפּגעפאָרן ווי גלאט אזוי, זיך זען מיט זיין מוטער, ניט אויסזאָגנדיק קיינעם, אז ער פאָרט אוועק אַף נייער „אַרבעט". די פאָרנטיקע טיר איז צוליב פריען האַרבסט שוין געווען פארשמירט מיט ליים. דורך דער הינטער־טיר און דורך דעם לאַנגן פינצטערן הינטער־הויז זיינען אין אָוונט אריינ־געקומען ביידע יאָסלס — יאָסל פון שניידער־פאריין און יאָסל דער נאַצמען, דער פרעמד־געקומענער מיט די לאַנגע האָר און לע־דערנעם לייבל — אָט דער, וואָס האָט די גאַנצע צייט געדינט אין דער ארמיי און רעדט נאָך אַלץ שוועך אידיש, און האָט אין זיין לעצטער רעדע, ווי טאָמיד, געזאָגט „געווייגישע" אַנשטאָט „געאוייִנישע": „אונזער גרויסע געווייִנישע ראַטנמאַכט!"

בא זיין אַריינקומען האט עמעצער א געשריי געטון אַפן גאַנצן קאָל:

„אונזער גרויסער געווייִנישער כאַוועך הירשל טאָקער".

אַלע כאַווײרים האָבן פון דעם מיטאמאָל זיך זייער שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט, און אויך הירשל האָט זיך געוואָלט פאַנאַנדער־

לאַכן דאָ אין גרויס היץ, אין באַראַק ליגנדיק, געוואָלט און ניט געקאָנט... ארום אים, ארום זיין קראַנקן ווייטיקלעכן לייב האבן זיך געפּאָרעט הענט. ער האָט זיך געוואָלט אופכאַפּן און האָט ניט געהאט דערוף קיין צענט־כיילעק פון דער קראַפט, וואָס איז נייטיק דערצו. אים האָט מען געוועקט, ווי אף איבערצוקערן אין בעט אף דער אַנדערער זייט. האָט ער סאָפּקאָלסאָף געמוזט פאַר־געסן אין אלץ... אין אַלץ... ער האָט געמוזט עפּענען שמאָלע צוויי פּאַסיקלעך פון די שווערע היציק אָנגעגאָסענע אויגן, אַרופּ־ציען מיט גרויס אָנשטריינגונג די ברעמען, דערפילן ווייטיקן, אָן א שיר ווייטיקן און דערזעען, אז די לופט אַרום אים אין באַראַק איז א מאָדנע—אַ לופט פון ניט באַטאָג און ניט באנאכט, א לופט, וואָס ער, דער קראַנקער, באַנעמט זי שוין זייער שוואַך און פילט זי שוין בלויז מיט שוואַכע שיראַים פון געוועזענע געפילן.

אַרום זיין בעט איז געשטאַנען דער דאָקטער, די באָבע־דיק־ווייסע שוועסטער, וואָס מיטן רויטן ציילעם אַפן שטערן, און נאָך עפּעס מענטשן פון דער דינערשאַפט. מע האט מיט גרויס וואונדער אַרומגעקוקט די ציכטיק־איבערגעבונדענע וואונד, וואָס אף זיין האַנט, און מע האט אריינגעשריגן צו אים אין אויער זייער הילכיק, ווי צו אַ טויבן:

— ווער האָט איבערגעבונדן?

— אַ?

— ווער?...

מיט דער האַנט אַפן האַרצן האָט די שוועסטער, ווי אין שרעק, דערציילט, אַז ס'איז ניט זי, און כוצדעם—זי האָט ווידער ארום־געקוקט די איבערגעבונדענע וואונד—אַז זי קאָן שווערן: דאָ אין באַראַק זיינען גאָר אַפילע אַזעלכע איבערבונד־מאַטעריאַלן ניטאָ...

מע איז אלע ווילע געלאָפן צו דער טיר—צום לייטענאַנט מיט די קרומע וואָנצילעך, וואָס האט מוירע אינעווייניק אריינ־צוקומען; מע איז אַלע ווילע געלאָפן פון דאָרט צוריק אהער מיט זיינע פראַגן:

— הייסט עס, אַז דאָ אין באַראַק איז געווען א זייטי־קער, ווי?

— הייסט עס, אַז אין באַראַק דרייען זיך אַרום זיטיקע?

פאַרנאַכט זיינען לעבן זיין בעט מיט ליכט אין די הענט דורכגעגאַנגען דער דאָקטער, די שוועסטער און דער דינער. זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט ניט געפילט. דער דאָקטער האָט געמאַכט א באַוועגונג אַף אַ טאַפּ צו טון דעם קראַנקנס דויפעק, נאָר באַלד כאַראָטע געהאַט, אַ קוק געגעבן דעם קראַנקן אין פּאָנים אַריין, אַ קנייטש געטון דעם שטערן און באַוויזן דער שוועסטער זיין פארקרימטע צורע, וואָס האט צו זאָגן:

— ניט קיין סכוירע... געפעלט מיר ניט... געפעלט מיר ניט...

---

עס איז געווען שפּעט באַנאַכט, ווען דער ווינט האָט געבלאָזן און דער באַראַק האָט געקרעכצט.

אין לעצטער קראַנקער היץ, מיט לעצטע שפּורן פון געפילן האָט הירשל טאָקער דערפילט, אַז דאָ אין באַראַק געפינט זיך ווידער „ער״ — יענער, וואָס קומט אַהער נאַכט־באַנאַכט, באָר־וועס, אין פאַרשלאָפענער געטריישאַפט, קעדיי צו היטן דאָ אים, הירשל טאָקער, אַף זיין קראַנקן בעט, קעדיי זיך דערנעענטערן צו אים מיט שטילע טריט, ווי די שטילע ווינטיקע שיראַים אַרום היינגעדיקן לאָמפּ, און אים אַריינשעפּטשען אין אויער דעם גרוס פון אַלע כאַוויירים, וואָס האָבן ביז איצט צוזאַמען מיט אים געלעבט אין דער „אַרבעט״, און אויך פון יענע, אַף דער גאָ־רער וועלט צעשאָסענע כאַוויירים־ליכטלעך, א גרוס, אַ פּאָשע־טער — געציילטע ווערטער:

— א טשטאָ, טאָוואַרישטש?.. פלאָכאָ?..

און דאָך פילט זיך אין זיי די ברודערלעכקייט פון „זיי״ אַלע, געוועזענע, איצטיקע און קומענדיקע, צו וועמען עס נאָגט דאָס האַרץ, און אויך די לעצטע פעסטגעבליבענע טרייסט, וואָס איר נאָמען איז „אייביק״—די טרייסט פון כאַוויירים־ליכטלעך:

— נישקאָשע, כאַוויירים וועלן באַזאָרגן... כאַווער... כאַוויירים וועלן באַזאָרגן. לאָזט א קאַדעש...

עס איז געווען אין יענער נאַכט, ווען הירשל טאָקער האָט צום לעצטן מאָל מיט באַוואוסטזיין געעפנט די פאַרגאָסענע היציקע אויגן און האָט באַנייס דערזעען פאר זיך דעם נאַקעט־געגאָלטן קאָפּ, וואָס בייגט זיך אָן איבער אים. זיין גליענדיקער

בליק האט מיט גרויס אָנשטריינגונג אַריינגעקוקט אינם קאָפּס אויגן, געוואָלט דערזעען אין זיי דעם גליענדיקן פאָדים, וואָס פאַרבינדט אים מיט יענע אייביק־ליכטלעך, און האט זיי פּלוצים, זייער פּלוצים דערקאָנט — די העלע, ווי נאַקעט געגאָלטע אויגן פונם באַראַק־דינער, פון יענעם, וועלכער זעט אויס, ווי אַ יונ־גער בעדער־יונג, בעאַיס ער טראָגט דאָ פאַנאַנדער די טשאַי־ניקלעך אָקרעפּ און שרייט אריין צו יעדן קראַנקן אין אויער:

— פּעי, פּעי... באַשקאַ־טאָ... טרעשטשיט...

— טאָוואַרישטש, — האָט ער געשעפּטשעט אין זיין אויער, — נינטשע דאָקטאָר סקאַזאַל: פּאָמריאָש.

דערביי האָט ער געשטופּט עפּעס א ווייכע צוזאמענגעלייגטע זאַך צו אים, הירשלען, אונטערן צוקאָפּנס, געשטופּט מיט אָנ־שטריינגונג און געשעפּטשעט צווישן איין שטופּ און צווייטן:

— דאָס איז דיר... די כאַוויירים פון דער אָרטיקער אָרגאַני־זאַציע האָבן איבערגעגעבן... די אָרטיקע רויטע פאָן...

הירשל טאָקער האָט פאַרמאַכט די אויגן און האָט זי געוואָלט געדיינקען אף שטענדיק, אף שטענדיק — אָט די פאָן פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע, וואָס ליגט בא אים צוקאָפּנס. ער האָט איינגעזונקען צוריק אין שווערער היץ. עס איז געווען ווי אין כאָלעם, ווען ער האָט נאָכדעם איינמאָל קאָם, קאָם דערפילט עפּעס ווי עמעצנס אַ ריר בא זיך אף די ליפּן. אַז ער האָט מיט גרויס מי גאַנץ שמאָל אָן עפן געטון די אויגן, האָט ער צום לעצטן מאָל דערזעען פאר זיך דעם אָנגעבויגענעם קאָפּ מיט די העלע, ווי נאַקעט־געגאָלטע אויגן, נאָר אליין האָט ער שוין מער ניט געדיינקט, צי די נאכט איז נאָך איינע און דיזעלבע, אָדער זי איז שוין אַ נייע, אַן אייביקע, א שטענדיקע.

———

עס איז געווען אין אַ פּאָר טעג ארום.

גאַנצפרי, ווען אין באַראַק האָבן זיך אופגעכאַפּט מענטשן, וואס דאַרפן געזונט ווערן, און מענטשן, וואָס דאַרפן שטארבן, האָט מען דערזעען, אז דער אידישער באָכער, אַף וועמען דער לייטע־נאַנט קומט אלע טאָג זיך נאָכפרעגן, ליגט אָן באַוועגונגען אַף זיין צוגעגלעטן געלעגער: ער איז איבערגעדעקט מיט א גרויסער

רויטער פאָן — אַ סאַמעטענע מיט לאַנגע זילבערנע טרעלדלעך, און אונטער דער פאָן זעט אויס זיין פּאַרגליווערטער קערפּער, עפּשער צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי אַ געוויינלעכער לעבעדיקער. און נאָך זעט ער אויס אונטער דער פאָן:

— באַזונדער... און פרעמד... פרעמד...

מ׳האָט מוירע געהאַט צו זיין געלעגער צוצוגיין און די ווער־טער, וואָס אויף דער פאָן, איבערלייענען, ווי גלייך מיט איבערליי־ענען די ווערטער אַליין ווערט מען שוין אויך אין עפּעס פאַר־מישט. אין די אַוועק־קוקנדיקע אויגן האָט זיך אָן אופהער גע־כאַלעמט: עפּעס רויט, רויטס...

מ׳האָט געגעבן צו וויסן אין נאָענטן שטרויענעם דערפל.

אַרום ניין אַזייגער אינדערפרי איז „נאַטשאַלסטווע" מיט פּאָרטפעלן אונטער די פּאַכוועס געשטאַנען אינדרויסן לעבן דער טיר פון באַראַק. דער לייטענאַנט האָט מיט די קרומע וואָנצילעך און מיט דער נאָז געמאַכט אַזעלכע באַוועגונגען, ווי גלייך זיי בייסן אים, נאָר ער וויל ניט קראַצן. דער דאָקטער האָט געביסן די ליפּ און האָט געהאַלטן די הענט מיט די אַקסלען גרייט צו באַווייזן מיט זיי, אַז אים פּאָטופּעט זיך נאָך אַלץ גאָרניט אין קאָפּ.

און אין באַראַק צווישן די געלעגערס איז דענסטמאָל מיט פיל טשאַיניקלעך אָקרעפּ אַרומגעגאנגען דער באראק־דינער, וואָס מיטן נאַקעט־געגאָלטן קאָפּ און מיט די הענט, ווי נאַקעט־געגאָלטע אויגן. ס׳האָט זיך געהערט, ווי עס קלינגט דאָרט מיט די טשאַי־ניקלעך און ווי ער שרייט אַריין צו היציק־קראנקע אין די אויערן:

— פעי, פעי... באַשקאַ־טאַ?.. טרעשטשיט?..

# אינהאַלט.

ז.

ביר גער-קריג:

I. אין פאַרפייסעכדיקן אַקער שטייען מידלעך צו די פערד . . . . 5

II. מע ביינקט קיין דאָרעם און מע גייט קיין צאָפן . . . . . . 12

III. שטורעם אויסבאַהאַלטענער און פּליסיקער . . . . . . . . 29

IV. אַלעקסאַנדראָווקע . . . . . . . . . . . . . . . . 47

איינעמס אַ וועג . . . . . . . . . . . . . . . . . . 61

הינטער אַ ברענענדיקן שטעטל . . . . . . . . . . . . . 91

אַף דער הונדערט מיט איינטער וויאָרסט . . . . . . . . . . 115

צווישן צוועלף פונקטן . . . . . . . . . . . . . . . . 135

אַלטוואַרג . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 151

צווישן עמיגראַנטן . . . . . . . . . . . . . . . . . 165

אַ זעלטענער סאָף . . . . . . . . . . . . . . . . . 193

כּויוועס . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 235

הירשל טאָקער . . . . . . . . . . . . . . . . . . 271

---